STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12059

# ENERGYE UN ARBEYT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12059-6

9780657120597T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פאַמיליען־ביבליאָטעק.

# ענערגיע און אַרבייט

(לויט ס. סמאלס).

ווארשא — תרעד.

ЭНЕРГІЕ УНЪ АРБАЙТЪ.
Тип. „Энергія“, Варшава, Холодная 8.

# ערשטעס קאפיטעל.

## מענשען און גרויסע מענשען.

### 1.

דאס לעבען פון יעדען מענשען בעשטעהט פון שטענדיג ארבייטען. א עהרליכער ערד־ארבייטער קוקט אויף זיין ארבייט, מיט וועלכער ער איז שטענדיג בעשעפטיגט, ווי אויף א זאך, א דאנק וועלכער עס ווערט איהם מעגליך צו עקזיסטירען. די ארבייט איז אבער נויטיג פאר יעדען מענשען, פון וואס פאר א שטאנד ער זאל ניט זיין, און אין וואס פאר א לעבענס־בעדינגונגען ער זאל זיך ניט געפינען.

מיר בעדארפען ניט ארומגעהן אהן בעשעפטיגונג דאמאלס, ווען אלע אנדערע זענען מיט זייער ארבייט פערנומען. ניט זייענדיג פערנומען מיט וועלכער עס איז ארבייט, האבען מיר ניט קיין רעכט צו פארערען, אז די געזעלשאפט זאל אונז אכטען און עהרען. ארבייט איז דער בעסטער ער־ציהער אין לעבען. די ביאגראפיעס פון די וויכטיגסטע מענשען, וואס די מענשהייט פערמאגט, בעווייזען אונז, אז דאס אלעס, וואס די דאזיגע גרויסע לייט האבען ערווארבען אין זייער לעבען, איז געווען נאר א דאנק דעם, וואס זיי האבען פיעל מיה און ארבייט אוועקגעלעגט אויף צו דערגרייכען זייער ציעל. די גאנצע גייסטיגע ענטוויקלונג, די אלע אוצרות פון וויסען, די גאנצע הויכע מדרגה פון פראגרעס און ציוויליזאציע,—אט דאס אלעס, וואס די מענשהייט האט ביז יעצטיגער צייט שוין ערווארבען, איז דער־גרייכט געווארען נאר א דאנק פיעל אנגעשטרענגטער מענשליכער האנד־און־מוח־ארבייט.

אהן אנגעשטרענגטע ארבייט קען קיין שום זאך ניט דערגרייכט ווערען. די גרעסטע לייט האבען זיך אויפגעהויבען ביז צו דער הויכער מדרגה, אויף וועלכער זיי זענען אין לעבען געשטאנען נאר א דאנק זייער אונאויפהערליכע טהעטיגקייט און לאנג־דויערענדער ארבייט. ניט קוקענ־

דיג אויף דעם גרויסען געבוירענעם טאלענט, מיט וועלכען זיי זענען בעשענקט געוועזען; נישט קוקענדיג אויף די גרויסע פֿעהיגקייטען, וואס זיי האבען פֿערמאגט—האבען זיי דאך נישט געקענט אויסמיידען די שווערע אנגעשטרענגטע ארבייט. איבריגענס, דער ענין פֿון ארבייטען בעדארף כּלל נישט בעטראכט ווערען דורך דעם מענשען, ווי א שווערע משא פֿאר זיך: ווערענדיג פֿעראייניגט מיט די האפֿנונגען, וועלכע בעגלייטען איהר, דיענט פֿאר אונז די ארבייט אלס קוואל פֿון פֿערגעניגען. די שווערסטע ארבייט—זאגט א גלייכווערטעל—איז גאר אינגאנצען נישט צו ארבייטען.

פֿוילע און אונטהעטיגע מענשען פֿערליערען זאגאר זייער פֿעהיגקייט, צו קענען פֿערגניגען האבען אין לעבען. זייער לעבען איז, א שטענדיגער יום־טוב, זיי פֿיהלען אבער קיינמאל נישט דעם דאזיגען טעם, וואס א ארבייטענדער מענש פֿיהלט אין די יום־טובים־טעג. די „פֿוליאקעס" האבען נאך קיינמאל גאר נישט אויפֿגעטהון אויף דער וועלט. די גרויסע לעבענס־געשעהעניסען לויפֿען דורך פֿערביי זיי, טרעפֿענדיג זיי פֿערשלאפֿען און אונבעהילפֿיג. „זיין פֿויל—זאגט טיילאר—איז נישטא קיין גרעסערע צרה פֿאר דעם מענשען, ווי ווען מען וואלט איהם בעגראבען לעבעדיגערהייד: א פֿוילער מענש איז פונקט אזוי אוננוצליך פֿאר די צוועקען פֿון דער גאנצהייט און פֿון דער מענשהייט, ווי ווען ער וואלט זיין געשטארבען. ער איז פֿאלשטענדיג גלייכגילטיג צו די ענדערונגען און צו די פֿאדערונגען פֿון לעבען. ער לעבט נאר דערויף, ער זאל זיין צייט פֿערניכטען. ווי א ווארם אדער א וואלף פֿערניכטעט ער די ערד־פֿרוכטען. ווען עס קומט זייער צייט, שטארבען די דאזיגע לייט און ווערען פֿערשוואונדען פֿון דער וועלט, נישט אויפֿטהוענדיג קיין איין רעכטע זאך אינ'ם משך פֿון זייער גאנץ לעבען. זיי אקערען נישט די ערד און טראגען אויף זיך נישט קיין שום התחייבות'ן. אלעס, וואס זיי טהוען, איז אדער אוננוצליך אדער שעדליך".

די אלטע גריכען האבען געפֿאדערט, אז אלע מענשען זאלען זיין בעשעפֿטיגט מיט וועלכער עס איז ארבייט. סאלאן האט געזאגט: „דער, וואס ארבייט נישט, בעדארף געמשפט ווערען פֿון געריכט". לויט דעם אויסדריק פֿון א אנדער פֿילאזאף, איז, „דער, וואס ארבייט נישט גלייך צו א רויבער". ארבייט איז דאס בעסטע מיטעל, אויף אבצוהיטען דעם מענשען פֿון פֿערברעכען. „א קאפ — זאגט א אלט ווערטעל, — וועלכער איז מיט נאר נישט בעשעפֿטיגט, דיענט אלס פֿאבריק פֿאר דעם שטן, דאס הייסט,

אז נישט טהוענדיג קיין נוצליכעס, לערנען מיר זיך שוין ממילא אויס טהוען שלעכטס. א מענש, וועלכער טהוט קיין שום ארבייט נישט, רעדענדיג, אז דאס איז צו נידריג פאר איהם, איז ווערט, מען זאל איהם בעדויערען און פעראכטען.

נאך אריסטאטעלעס האט פערזיכערט, אז דאס גליק איז א געוויסער ארט ענערגיע, און, ווירקליך, די טעגליכע בעאבאכטונג לערענט אונז, אז גליק און געזונד געהען נישט צוזאמען מיט פוילקייט, ווי זיי געהען אויך נישט צוזאמען מיט לייכט-זיניגקייט. א גרויסער טייל מענשען האבען אויף זייער לעבען גאר זעהר פיעל צופאלען, וועלכע געבען זיי די מעגליכקייט צו פערגרעסערען און צו פערפעסטיגען זייער וואהל-שטאנד. ביי'ם גרעסטען טייל איז אויך זעהר גענוג צייט פאר דעם דאזיגען צוועק פארהאן. אויסנוצענדיג די זאגענאנטע לעדיגע אדער פרייע מינוטען, קען מען דערגרייכען וואונדערבארע און גלענצענדע רעזולטאטען. מיר בעדארפען אויף גיך חאפען די אנטלויפענדע צייט און ארויסבעקומען פון איהר די אוצרות, וואס ליגען אין איהר בעהאלטען, איידער זיי ווערען פון אונז אויף אייביג פערשוואונדען. אין דער יוגענד בעדארפען מיר קוקען אויף דער צייט ווי אויף גאלד; אין די עלטערע יאהרען — ווי אויף זילבער, און דער טיעפער עלטער — ווי אויף בליי. דער, וואס ווייסט גאר נישט צו צוואנציג יאהר און טהוט גאר נישט, צו דרייסיג יאהר, דער וועט אויך גאר נישט פערמאגען צו פערציג יאהר.

די מענשהייט — שרייבט רעסקין — פערמאגט דריי פערשיעדענע סארטען מענשען: נידעריגע, קארגע און עגאאיסטישע, וועלכע בעמערקען גאר נישט און פיהלען גאר נישט; איידעלע און פיהלבארע, וועלכע לערנען עטוואס אב פון אלעם, וואס זיי זעהען און פיהלען, און גאר העכערע מענשען, וואס יעדע בעאבאכטונג געהט ביי זיי איבער אין א בעשלוס און יעדעם געפיהל איז א טהאט. שנעלקייט און פונקטליכקייט געהערען צו די גאר וויכטיגסטע לעבענס-בעקוועמליכקייטען. פיעל גרויסע לייט האבען קיין ערפאלג נישט געהאט נאר דער פאר, וואס זיי האבען קיין סיסטעם און קיין פינקטליכקייט נישט פערמאגט. איין גרויסער געלעהרטער האט אמאל געזאגט צום צווייטען: „איהר וואלט זיין דער גרעסטער מאן פון אייער צייט, ווען איהר וואלט זיך קויפען עטליכע ארשין רויטען פאדעם און ארומבינדען מיט זיי אייערע פאפירען“.

223829

אין די גאָר געוועהנליכסטע ענינים, ווי אויך אין די גאָר וויכטיגסטע, אין הויז, און אויסער אונזער הויז, בעדאַרפֿען מיר טייער האַלטען אונזער צייט, גוט אַכטונג געבען אויף איהר און זיין פּינקטליך בנוגע צו זיך און צו אַנדערע. ווען מען פֿערמאָגט נישט די דאָזיגע מעלה, קומט אונז אוים זעהר פֿיעל ליידען דערפֿון. ווען איינער פֿון די אַרעל־לייט, וועלכער האָט בעדאַרפֿט זיין ביים קעניג געאָרג III, איז געקומען אויף דער אודיענץ צו שפּעט, האָט איהם דער קעניג געמאַכט אַ בעמערקונג צוליעב זיין אונפּונקטליכקייט. יענער האָט געענטפֿערט דערויף דעם קעניג: „עס איז בעסער שפּעטער איידער קיינמאָל“, — „ניין, — האָט געענטפֿערט דער קעניג, — דאָס איז נישט ריכטיג; לויט מיין מיינונג, איז שוין גלייכער קיינמאָל, איידער שפּעט“.

קיינעמ'ס לעבען קען גאָר נישט אונגליקליך זיין, ווען ער אליין פֿערלאַנגט עס נישט. מיר קענען פֿערפֿאַלקאָמען און ערציהען זיך אליין און האָבען די אייגענע ווירקונג אויך אויף אַלע אַנדערע. מען בעדאַרף אָבער געדענקען, אַז מאַכען בעסער זיך אליין און אַנדערע קען מען נאָר דורך דעם, וואָס מיר אַרבייטען און איבען איין געדולדזאַם אונזערע מאָראַלישע און גייסטיגע פֿעהיגקייטען. פֿיעל מענשען בעזיצען מערקווירדיגע געבוירענע פֿעהיגקייטען און טאַלענטען, דערויף אָבער, אַז די דאָזיגע פֿעהיגקייטען זאָלען זייער ריכטיגע ווערט בעקומען, איז נויטיג פֿיעל אַנגעשטרענגטע אַרבייט. מען מוז געדענקען, אַז עס גיעט זיך קיינעם נישט איין צו דערגרייכען אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דער פּאָליטיק, אין דער וויסענשאַפֿט אָדער אין דער ליטעראַטור און בלייבען נאָכדעם אַ לענגערע צייט אויף דעם דאָזיגען וויכטיגען פּלאַץ אָדער אויפֿהויבען זיך נאָר העכער, אָהן פֿיעל יאָהרען פֿון געדולד און אַנגעשטרענגטער אַרבייט.

קעטלע שרייבט, אַז דער מענש, וואָס שטרעבט שטענדיג צו איינעם און דעם זעלבען צוועק, ענדיגט דערמיט, וואָס ער ערווערבט אַ געוואַלדיגע גרויסע מאָראַלישע קראַפֿט. ביופֿאָן פֿערזיכערט, אַז דאָס גאונות פֿון גרויסע מענשען בעשטעהט אין זייער גרויס געדולדזאַמקייט. קיין זאַך האָט זיי נישט אָבגעשטויסען פֿון זייער ציעל, קיין זאַך האָט זיי נישט איינגעמאַטערט. און יעדער מינוט האָבען זיי זיך חשבון אָבגעגעבען. מיר בעדאַרפֿען בעטראַכטען שטענדיג דאָס, וואָס מיר האָבען שוין אָבגעטהון, כדי מיר זאָלען וויסען, וואָס מיר האָבען נאָך נישט געטהון, — פֿלעגט זאָגען

שטענדיג א גרויסער געלעהרטער.

דער גרויסער געלעהרטער ניוטאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ער שטעהט העכער פֿון אַנדערע נאָר מיט דעם, וואָס ער איז פֿעהיג — צו קענען קאָנצענטרירען שטענדיג זיינע געדאַנקען אויף א געוויסען ענין, טראַכטען אונאויפֿהערליך וועגען דעם דאָזיגען ענין און איבעראַל קאָנטראָלירען איהם מיט אַלע נייע און נייע אויספֿאָרשונגען, ביז ער בעגרייפֿט איהם ענדליך ריכטיג.

שעקספיר לעגט אַריין אין מויל פֿון יאַגאָ'ן די פֿאָלגענדע ווערטער: „אונזער קערפּער איז א גאָרטען, און וועלכען אונזער ווילען שפּיעלט די ראָלע פֿון א גערטנער. ער פֿלאַנצט אַיין די אָדער יענע פֿלאַנצונגען. מיר קענען מאַכען דעם גאָרטען אונפֿרוכטבאַר, א דאַנק אונזער פֿוילקייט און מיר קענען איהם מאַכען זעהר פֿרוכטבאַר א דאַנק אונזער פֿלייסיגקייט. די קראַפֿט און די מאַכט פֿון דעם אַלעם ליעגט אין אונזער ווילען“.

די אויסערליכע געשעהענישען אַן און פֿיר זיך האָבען קיינמאָל נישט קיין אַבסאָלוטע בעדייטונג. זייערע רעזולטאַטען זענען אָבהענגיג פֿונ'ם כאַראַקטער פֿון מענשען. א אונגליק קען דיענען אַלס שטאַפּעל פֿאַר דעם גאון, ער זאָל זיך אויף דער גרעסטער מדרגה שטעלען, און אַלס קוואַל פֿון נייע רייכטהימער פֿאַר דעם פֿעהיגען מענשען, און פֿאַר דעם שוואַכען מענשען— אַלס סבה, דורך וועלכער ער זאָל שוין גאָר אינגאַנצען אומקומען. גאָר פֿיעל מענשען, וועלכע וואָלטען געקענט דערגרייכען די גרעסטע מדרגה אין לעבען און וואָלטען געקענט ברענגען גאָר גרויסע נוצען, זענען פֿערלוירען געוואָרען פֿאַר דער וועלט נאָר דערפֿאַר, וואָס זייער וואוילשטאַנד איז דורך גאָר נישט געשטערט געוואָרען. אַלעס איז אָבהענגיג פֿון אונזער ווילען און פֿונ'ם כח פֿון אונזער בענעהרען.

וואָרום מען בעדאַרף געדענקען, אַז דאָס לעבען געפֿינט זיך קיינמאָל נישט אין א שטעהענדיגען צושטאַנד; אַלעס, וואָס אין לעבען, געהט צוריק, ווען עס געהט נישט פֿאָרווערטס. דאָרטען, וואו ס'זענען פֿאַרהאַן שטערונגען, בעדאַרפֿען מיר זיך גובר זיין איבער זיי, ווי שווער עס זאָל אונז נישט זיין. דער דעוויז פֿון סער פֿיליפּ סידניי איז געוועזען: „איך וועל געפֿינען דעם וועג אָדער איך וועל איהם שאַפֿען“. און ווירקליך פֿיעל בעדאַרפֿען דאַנקבאַר זיין פֿאַר זייער וואוילשטאַנד, וועלכען עס איז אומגליק, אונטער דעם איינפֿלוס פֿון וועלכען זיי איז אויסגעקומען צו אַרבייטען און

אינ'ם קאמפף, מיט וועלכען זיי איז אויסגעקומען צו ענטוויקלען זייערע בעסטע איינגעבוירענע אייגענשאפטען.

די קראפט אדער די שוואכקייט פון חאראקטער ווייזט זיך אממעהרסטען ארויס, ווען עס קומט פאר אין די אויסערליכע לעבענס=בעדינגונגען פונ'ם מענשען וועלכע עס איז ענדערונג; דאס בעמערקט זיך בעזונדערס דאמאלס, ווען די דאזיגע ענדערונג קומט פאר גאר אין א שארפער פארם. דער מענש, וואס לעבט איבער אזא קריזיס, מוז דאמאלס זוכען הילף אין זיך אליין און אמאל טרעפט, אז ער ווייזט ארויס דאמאלס מערקווירדיגע שטריכען פון זיין חאראקטער, וועלכע ער האט ביז יעצט נאך קיינמאל נישט ארויסגעוויזען — אזוינע חאראקטער=שטריכען, וואס פיהרען איהם צום גליק און כבוד.

---

## 2.

פון די פרינציפען, וואס מיר האבען דא ענטוויקעלט בנוגע צו דער מענשליכער ארבייט, קענען מיר איבערגעהן צו די פרינציפען פונ'ם מענשליכען אברוה. „ווען מען ארבייט נישט, קען קיין רעדע נישט זיין פון אברוהען". דאס איז א אמת, וועלכער איז יעדען בעוואוסט. מען קען אבער ארבייטען צופיעל און ווערענדיג צוגעוואהנט צו ארבייטען כסדר, ווערט מען שוין אונפעהיג צו געניעסען פון רוהע. מען קאן זיך נישט דערהויבען צו א הויכער מדרגה פון ענטוויקלונג, ווען דאס גאנצע לעבען בעשטעהט נאר פון ארבייטען. אייניגע געבען זיך איבער מיט דעם גאנצען לייב און לעבען צו זייער ארבייט, האפענדיג, אז זיי וועלען זיך שוין אויסרוהען אין דער צוקונפט, זיי ווערען אבער מיט דער צייט אויף אזוי פיעל אויסגעמאטערט, אז דאמאלס אפילו, ווען זיי בעקומען די מעגליכקייט אויסצורוהען זיך פון זייער שווערע ארבייט — געניסען זיי שוין כלל נישט דערפון: אויף אזוי פיעל זענען זיי דאמאלס צעבראכען פון דער צופיעל אנגעשטרענגטער ארבייט, וואס זיי האבען געארבייט. זייערע לופט=שלעסער ווערען שוין אינגאנצען פערשוואונדען, די פרייהייט איז פאר זיי צו שפעט געקומען.

זייער נשמה איז גענצליך פֿערמאַטערט געוואָרען פֿון צופֿיעל אַרבײטען. פֿאַר זיי גיעט שוין מעהר נישט אין לעבען קיין פֿערשיעדענאַרטיגקײט, עס איז שוין נישטאָ פֿאַר זיי קיין יום־טוב אין לעבען. זייער מוח, וועלכער האָט שטענדיג געאַרבײט נאָר איין אַרט אַרבײט, געפֿינט שוין פֿאַר זיך אוננוצליך די רוהע־מינוטען, וועלכע ער האָט יעצט.

מען מוז שטענדיג געדענקען, אַז די אַרבײט איז נישט דאָס ענדע ציעל פֿון מענשען, וואָרום זי אַן און פֿיר זיך איז נישט קיין ציעל. אמת, עס איז גאָר זעהר אַ וויכטיגער ענין צו זײן אונאָבהענגיג און אָבצוצאָהלען די חובות מיט דעם, וואָס מען אַרבײט עהרליך אויך מיט די אייגענע הענד. „טויזענד פֿערשידענסטע מינים פֿון פֿערגניגען, וואָס די געזעלשאַפֿט גיט אונז, — שרײבט באַלזאַק, — קענען אונז נישט אויסהעלפֿען, מיר זאָלען אונזערע חובות אָבצאָהלען מיט זיי, ווען עס קומט ענדע חודש; דעריבער בעדאַרפֿען מיר אַרבײטען, און אַרבײטען“. מיט דעם שווייס פֿון פּנים בעדאַרפֿען מיר פֿערדיענען אונזער ברויט. אמת, דאָס רײכטום פֿערדאַרבט די זיטליכקײט און מאַכט האַרט דאָס מענשליכע האַרץ. אויך די אָרעמקײט אָבער איז כּלל נישט שטענדיג ריין און אונשולדיג. זי ברענגט אָפֿט אונטער דעם פֿערשטאַנד און דעם שטאָלץ פֿונ'ם מענשען. די אָרעמקײט מאַכט אונמעגליך פֿאַר דעם מענשען צו לעבען אַ עהרליך און בכבוד'יג לעבען. ווי דאָס וואָלט אָבער נישט זײן, איינס מוז מען געדענקען, אַז ס'איז נויטיג אַ געווִיסע מאָס אין אַלעם.

גאָר אַ גרויסע בעדײטונג האָט אויך די פֿערשיעדענאַרטיגקײט פֿון אונזער אַרבײט. אַ וועלכע עס איז אַרבײט בעדאַרף בײ אונז זײן אונזער הויפּט־אַרבײט. מיר בעדאַרפֿען זיך אָבער אויך נאָך מיט אַנדערע אַרבײטען בעשעפֿטיגען, כּדי אַרײנצוטראָגען פֿערשיעדענאַרטיגקײט אין אונזער לעבען און בעפֿרישען אונזערע כּוחות. דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל אויך אײנצוהיטען אין זיך אונזער לעבענס־פֿרישקײט און, אַז מיר זאָלען זיך נישט אײנמאַטערען צו פֿיעל. אויף אַזאַ אופֿן וועלען פֿאַר אונז עקזיסטירען רוהע־טעג; מיר וועלען האָבען די מעגליכקײט צו ענטוויקלען אין זיך אַט יענע פֿעהיגקײטען, מיט וועלכע מיר האָבען זיך אַ לענגערע צײט נישט בענוצט.

דער גרעסטער איטאַליענישער מאָלער און דער גרעסטער פּאָעט פֿון איטאַליען האָבען בײדע געביטען זיך מיט זייער אַרבײט מיט דעם צוועק אַרײנצוטראָגען פֿערשיעדענאַרטיגקײט אין זייער לעבען. מיקעל אַנדזשעלאָ

פלעגט איבערגעהן פון מאלעריי צו שרייבען סאָנעטען, און דאַנטע פלעגט אויסבייטען זיין פעדער אויף א פּענזעל. דאָס איז געווען פאַר זיי א גייסטיג אָפּרוהען זיך. לעאָנאַרדאָ-דאַ-ווינטשי און מיקעל אַנדזשעלאָ האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט מערקווירדיגער פיעלזייטיגקייט און איינגעבוירענעם טאַלענט אין פערשיעדענסטע צווייגען קונסט: זיי זענען געווען גלייך גרויס אין מאַלעריי, ווי אין סקולפּטור, און אויך אין די איבעריגע צווייגען פון קונסט. ראַסעטי איז געווען פונקט אזוי גרויס אין פּאָעזיע, ווי אין מאַלעריי.

אנדערע גייסטיגע ארבייטער זוכען פיזישע איבונגען. פון די אַלע פערוויילונגען פון דעם מין איז דאָס פיש-חאַפּען גאָר די רוהיגסטע. דעווי פלעגט פערזיכערען, אז דאָס געפינען זיך אין נאָהנטע בעציהונגען מיט דער נאַטור, וואָס דאָס פיש-חאַפּען שאַפט פאַר דעם מענשען, ענטהאַלט אין זיך איינע פון די הויפּט-מעלות פון דער דאָזיגער פערוויילונג. לויט זיין מיינונג האָט אויך די דאָזיגע פערוויילונג גאָר א גרויסע בעדייטונג פאַר דער ענטוויקלונג פונ'ם כאַראַקטער.

דאָס איז א מין איבען זיך אין מאָראַלישער דיסציפּלין, זאָגט ער, וואָס פאָדערט געדולד, פעסטקייט און זעלבסטהערשונג. דאָס האָט אויך א בעדייטונג צו ערלערנען דורך דעם די נאַטור, מחמת די דאָזיגע פערוויילונג פאָדערט, מען זאָל וויסען די נייגונגען פון א בעדייטענדער צאָהל בעשע-פענישען — פון די פיש און פון די בעשעפענישען, מיט וועלכע זיי שפּייזען זיך, מען זאָל זיין בעקאַנט מיט דעם וועטער און מיט די ענדערונגען, וואָס קומען אין דעם פאָר, ווי אויך מיט די אייגענשאַפטען פון וואַסער און לופט. די דאָזיגע פערוויילונג האָט אויך א פּאָעטישע בעדייטונג, א דאַנק דעם, וואָס זי צווינגט אונז צו געפינען זיך א לענגערע צייט אין דער איינפאַכער און שענער אומגעבונג פון דער נאַטור, נאָהנט פון די ריינע און דורכזיכטי-גע קליינע טייכלעך, וועלכע פליעסען פון די הויכע בערג.

אנדערע גרויסע לייט האָבען ליעב געהאַט צו פערוויילען זיך אויף דער פרייער לופט. זעהר אָריגינעל איז געווען דער אַרט פערוויילען זיך פון דעם גרויסען דיכטער שעלי. ער פלעגט ליעב האָבען לאָזען קליינע פּאַ-פּיערענע שיפלעך איבער דער טעמזא. אָפטמאָל פלעגט ער מאַכען די דאָזי-גע שיפלעך פון באַנק-בילעטען. דיקענס פלעגט ליעב האָבען געהן צופוס א סך צייט. סאַטיי און באָרדסוואָרט זענען געווען גרויסע פוס-געהער, מען פלעגט זיי שטענדיג טרעפען ארומשפּאַנען צוזאַמען אונטער'ן שטאָדט.

וואָרדסוואָרט פֿלעגט אויסזעהן פֿון דערווייטענס אין זיין גרויען אנצוג ווי א זעהעניש. איינער א אויסלענדער, וועלכער איז געווען ביי וואָרדסוואָרט אין הויז, האָט געוואָלט זעהען זיין קאבינעט. דער בעדינער האָט אוהם אין ביבליאָטעק אריינגעפֿיהרט און געזאָגט: „דאָס איז די ביבליאָטעק פֿון מיין בעל=הבית. ארבייטען ארבייט ער אָבער אין די פֿעלדער“. גאָר אנדערע האָבען זעהר ליעב געהאט צו פֿאָהרען רייטענדיג אויף פֿערד. צוויי פּרעמיער=מיניסטאָרען: דער בעלגישער — מאַלאָן און דער ענגלישער — גלאדסטאָן האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט האָלץ=האַקען.

די בעליעבסטע פֿערוויילונג פֿאר דושאָן גענטער איז געווען דאָס שטודירען פֿון דעם לעבען פֿון די ביהנען. גענטער פֿלעגט טהון יעדער זאך מיט דעם גרעסטען פעדאנטיזם, און ווען ער פֿלעגט זאָגען: יעצט וועל איך זיך אביסעל פֿערוויילען מיט די ביהנען, האָט דאָס געהייסען אז דאָס הויבט ער אָן א גאנצע רייהע אויספֿאָרשונגען, די מסקנות, פֿון וועלכע ער האָט אין א בעזונדער טראַקטאַט ארויסגעגעבען, ווען גענטער האָט זיך אויסגעבראָכען א פֿוס, האָט ער זיך גענומען צו שטודירען דאָס דאָזיגע שלאָפֿקייט און האָט ערפֿונדען א נייעם מעטאָד אויף צו היילען פֿון דעם שלאָפֿקייט.

פֿיעל פֿון'ם גייסטליכען שטאנד האָבען זיך בעשעפֿטיגט א חוץ דעם, וואָס זיי האָבען זייערע פפֿליכטען ערפֿילט, מיט דעם ערפֿינדען פֿון פֿערשיעדענע מאשינען. דאגעגען זעהען מיר, אז פֿיעל פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע ערפֿינדער זענען איבערגעגאנגען מיט דעם צוועק צו פֿערוויילען זיך אביסעל, צו אנדערע בעשעפֿטיגונגען. נעסמיט האָט זיך בעשעפֿטיגט מיט אסטראָנאָמישע ארבייט. ער האָט געמאַכט פֿאר זיך טעלעסקאָפּען, ער האָט שטודירט די זון מיט דער לבנה און האָט דערגרייכט אין אסטראָנאָמיע גאָר א בעדייטענדען נאָמען. מיט דער איינגענער ליידענשאַפֿט צו אסטראָנאָמיע האָט זיך אויך אויסגעצייכענט דער לאָנדאָנער ארויסגעבער דעלאריו.

מיסטער נעסמיט, וועלכער, זייענדיג א גרויסער ערפֿינדער און געלעהרטער, האָט גלייכצייטיג אויך געדענקט זעהר פֿיעל אינטערעסאנטע ערצעהלונגען, האָט אויך א מאָל דערצעהלט די פֿאָלגענדע ערצעהלונג, וועגען דעם דאָקטאָר אדאַם, וועלכער איז געווען רעקטאָר פֿון דער הויך=שולע אין עדינבורג און האָט פֿערפֿאַסט פֿיעל גרויסע און וויכטיגע ווערק.

דער דאָזיגער דאָקטאָר פֿלעגט ליעב האָבען צו פֿערברענגען אין דער צייט, וואָס ער איז געווען פֿריי פֿון זיינע בעשעפֿטיגונגען אלס לעהרער, עט=

ליבע שעה דורכאנאנד אין מאגאזין פון זיין פריינד בודזשא, וועלכער האט געהאט א שם מיט זיין בריה'ש אויסארבייטען פערשיעדענע מעסערס. דער ראקטאר פלעגט די גאנצע צייט שארפען ביי איהם פערשיעדענע מעסערס אדער ער האט געדרעהט די ראד.

איינמאל האבען זיך געווענדעט צו בודזשא'ן, וועלכער האט זיך געריהמט אלס גרויסער קענער פון דער לאטיינישער און גריכישער שפראכען, צוויי יונגע לייט, סטודענטען פון דער העכערער געזעלשאפט, מיט א ביטע, ער זאל זיי ערקלערען עפעס א שווערע שטעלע ביי א גריכישען שריפטשטעלער, וואס זיי האבען נישט געקענט פערשטעהען. בודזשא האט באלד איינגעפונען, אז די דאזיגע שווערע שטעלע איז נישט פאר זיינע כוחות און אלס שפאס האט ער צו זיי געזאגט: „א, דאס איז גאר איינפאך, דער ארבייטער מיינער, זאגאר, וועלכער שטעהט דארטען ביי דער מאשין, קאן עס אויך אייך איבערזעצען". „דזשאן, האט ער א רוף געטהון דעם אלטען, קומט נאר אהער אויף א מינוט!" דער מכלומר'שטער ארבייטער איז צוגעגאנגען און האט א קוק געטהון אויף דעם ארט, וואס די סטודענטען האבען געבעטען בודזשא'ן, ער זאל עס איבערזעצען פאר זיי.

אנטהועגענדיג די ברילען, האט דער אלטער איבערגעלייענט די שטעלע און האט זי שטרענג וויסענשאפטליך ערקלערט, פעררופענדיג זיך אויף פערשיעדענע געלעהרטע אויטאריטעטען, דורך וועלכע ער האט אויסגעוויזען די ריכטיגקייט פון זיין איבערזעצונג. ווען ער האט אבגעענדיגט דערמיט, האט ער זיך גענומען צו זיין ראד. די סטודענטען זענען געוועזען, נאטירליך, זעהר ערשטוינט פון אזא גרויסער געלערנטקייט פון א פראסטען ארבייטער. זיי האבען געזאגט, אז זיי האבען געהערט זעהר פיעל וועגען דער געבילדעטקייט פון דעם אינדוסטריעלען קלאס אין עדינבורג. דאס אבער, וואס זיי האבען יעצט געזעהן, שטייגט איבער אלעס, וואס זיי האבען געהערט.

קיין שום פראזע רעגט מיר נישט אזוי אויף — שרייבט קאאולי — ווי די, וועלכע עס קומט אויס צו הערען זעהר אפט, אז דער אדער יענער ווייסט נישט, ווי צו פערברענגען די צייט. די דאזיגע פראזע וואלט געקלונגען פאלש אפילו ביי מתושלח'ן, ווען ער וואלט זי זאגען אפילו שוין אויף דעם 969-טען יאהר פון זיין לעבען; שוין א כל-שכן, אז זי קלינגט פאלש פאר אונז, וואס מיר האבען פשוט קיין צייט נישט צו פערפאלקאמען זיך אפילו אין איין וועלכער עס איז צווייג פון דער וויסענשאפט, און דעריבער

קענען מיר שוין בכלל נישט האבען קיין שום סבה צו בעקלאגען זיך דערויף, אז מיר האבען כלומר'שט נישט מיט וואס צו בעשעפטיגען אונזער צייט. ביי'ם פרעמיער־מיניסטער פון דער גרעסטער מלוכה קען נישט זיין אזוי פיעל געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס קען זיין איינגענע ארבייט פאר א מענשען מיט פערשטאנד; אויב דער ערשטער האט נישט צופיעל פרייע צייט דערויף, ער זאל קענען זיין מיט זיך אליין, האט דער צווייטער נאר ווייניגער צייט דערויף, ער זאל קענען אין געזעלשאפט פערברענגען. אויף דעם ערשטען ליעגט נאר א טייל פון די ענינים פון זיין נאציע; אויף דעם צווייטען אבער — אלעס, וואס גאט און די נאטור האבען נאר אויף דער וועלט בעשאפען.

---

# צווייטעס קאפיטעל.

## דאס פיעל ארבייטען פון פערשידענע גרויסע מענשען.

### 1.

דער צושטאנד פון דער ציוויליזאציע, אין וועלכער מיר לעבען, איז אממעהרסטען א פראדוקט פון דער ארבייט פון די פריהערדיגע דורות. אלעס גרויסעס, וואס מיר פערמאגען אין דער מאראלישער, אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג אין דער קונסט אדער אין דער וויסענשאפט, האט זיך לאנג־זאם דערנעהנטערט צו פערפאלקאמענהייט א דאנק דער מיה פון פער־שידענע ארבייטער אין די פארצייטיגע דורות. יעדער דור האט זיין אוצר אריינגעטראגען אין די שעפפונגען פון דער פערגאנגענהייט, און די אוצרות פון קענטניסען און וויסענשאפט ווערען איבערגעגעבען איינאיינעם מיט די אלע ענינים, מיט וועלכע זיי זענען צוזאמענגעבונדען — די קומענדע דורות.

די גייסטיגע ארבייטער, די ערשטע לויט ווערט און בעדייטונג, זענען ווירקליך אמת'ע „ארבייט'ס־אריסטאקראטיע“. זיי זענען די הויפט־מענשען פון דער געזעלשאפט. זיי שטעהען בראש פון דער מענשהייט, ווארום נישט

קיין געלד און נישט רייכטימער הויבען אויף דעם מענשען אויף א העכערער מדרגה פון ענטוויקלונג און דיענען אלס בעוועגענדע קראפט פאר דער מענשהייט, נאר דער מענשליכער מוח און די מענשליכע ארבייט. די דאזיגע העכסטע ארבייט'ס־קראפט האט רעגירט מיט דער געזעלשאפט אין אלע צייטען. נישט קוקענדיג אויף די אלע שווירינקייטען, שטערונגען און פערפאלגונגען, רעגירט נאך מיט אונז אויך יעצט דער גרויסער גייסט פון די געשטארבענע. סאקראט, פלאטאן, דעקארט און לאקי לעבען נאך אויך יעצט אין דער פילאזאפיע; האמער, ווירגיליוס, דאנטע און שעקספיר — אין דער פאעזיע; אריסטאטעלעס, גאלילי, ניוטאן און לאוואזיע אין דער וויסענשאפט, דאמאלס, ווען די הערשער, קאנסולען און פרעזידענטען זענען שוין פון לאנג פערגעסען געווארען.

ביי פיעל פון די גרויסע גייסטער האט דער לוסט צו ארבייטען געטראגען א אמת'ן ליידענשאפטליכען חאראקטער, וועלכער האט געגרייכט ביז צו עקסטאז. די ארבייט האט זיך זיי אויסגעוויזען אזוי גרויס, און דאס לעבען אויף אזוי פיעל קורץ, אז זיי האבען זיך מיט יעדער מינוט בענוצט דערויף, זיי זאלען פון איהר ארויסבעקומען דעם מעגליכען רעזולטאט.

וועגען ברוסאנ'ען דערצעהלט מען, אז ער איז אינגאנצען געווען בלויז טהעטיגקייט, בלויז ליידענשאפט צו דער וויסענשאפט. דאס אייגענע ווייסען מיר וועגען מיקעל אנדזשעלא. עס האט איהם שטענדיג ליידענשאפטליך געצויגען צו דער ארבייט; ער פלעגט זאגען, אז די איבונג מיט דעם האמער האט ער נויטיג פאר זיין געזונד. ער פלעגט זיך אויסרוהען נאר דאן, ווען ער פלעגט מפסיק זיין פון דער ארבייט, און פלעגט זעהר אפט אויפשטעהן אין מיטען דער נאכט, ער זאל פארטזעצען די ארבייט, וואס ער האט אנגעהויבען בייטאג. זיין לאנג־דויערנדעם ארבייטס־לעבען האט ער ערקלערט דערמיט, וואס ער האט געפיהרט א איינגעהאלטען לעבען שטענדיג. ווען ער האט שוין זאגאר נישט געקענט געהן מיט די פיס, האט ער געהייסען, מען זאל איהם פיהרען אין בעלוועדער און דארטען פלעגט ער זיך שפיעלען אין די סטאטועז, און ווען ער איז שוין אויך גענצליך בלינד געווארען, האט ער געהאט גרויס פערגניגען דערפון, וואס ער פלעגט זיי ארומטאפען מיט די הענד.

לעאנארדא־דע־ווינטש איז אויך געווען זעהר ארבייטס־פעהיג און געדולדזאם. אין דער אייגענער און דער זעלבער צייט איז ער געווען מאלער,

סקולפּטאָר, חימיקער, שריפטשטעלער, ארחיטעקטאָר און אינזשענער, ער האָט פאָרמאַנט נאָר דעם גרעסטען מוח, און, מעגליך, אַז ער איז געװעזען דער גרעסטער אוניװערסאַלער גאון צװישען די אַלע אוניװערסאַלע גאונים, פון װעלכע עס װייס די װעלט. טיציאן האָט פאָרטגעזעצט זיין ארבייט ביז, כמעט, צום סאַמע לעצטען טאָג פון זיין לעבען. װען װאזארי האָט בעזוכט דעם דאָזיגען מאַלער, װען ער איז שוין אַלט געװעזען 89 יאָהר, האָט ער איהם געטראָפען שטעהען מיט אַ פּענזעל אין האַנד, און ער האָט נאָך אויך גאַנצע צעהן יאָהר נאָכדעם געאַרבייט.

װאנדיק איז גאָר קיינמאָל נישט מיעד געװאָרען ארבייטענדיג. אָפטמאָל פלעגט ער אָנהויבען און ענדיגען אַ פּאָרטרעט אין איין טאָג. דער ענגלישער מאַלער דזשעקסאָן האָט איינמאָל אָנגעשריבען פינף פערענדיגטע פּאָרטרעטען אין אַ משך פון אַ לאַנגען זומערדיגען טאָג. דער יונגער טעניער איז געװעזען גװאַלדיג ארבייטס-פעהיג. אויף זיינע בילדער װאָלט מען, לויט זיינע אייגענע װערטער, נויטיג האָבען אַ גאַלעריי פון צװיי מייל די לענג. ער האָט געאַרבייט ביז 80 יאָהר און די כוחות זיינע זענען נישט אָבגעשװאַכט געװאָרען ביז צום סוף.

דער אמת'ער געניאַלער מענש איז קיינמאָל נישט צופריעדען מיט זיין אייגענער שעפּפונג. עס פּייניגט איהם אָפטמאָל דאָס געפיהל פון אָנמאַכט צו קענען פערקערפּערען אין דער שעפּפונג פון זיינע הענד די אידעע פון פערפאָלקאָמענהייט, װאָס לעבט ביי איהם אין מוח און אין זיין פאָרשטעלונג. װען איינער פון די בעזוכער האָט אויסגעדריקט זיין ענטציקונג פון דער סטאַטוע, װאָס דער פלאַמאַנדער סקולפּטאָר דוקענוי האָט אַט ערשט געענדיגט, האָט דער קינסטלער אויסגעשריען, אַנריהרענדיג זיך מיט דעם פינגער צום שטערען: „אַך, װען איהר זאָלט קענען זעהען די סטאַטוע, װעלכע איז ביי מיר אָט דאָ א!"

דאָס אייגענע איז אויך מיט די, װאָס שאַפען זייערע קינסטלערישע װערק מיט דער קראַפט פון זייער פעדער. חאָטש װירגעלי האָט געאַרבייט 11 יאָהר אויף זיין ענעאידאַ, דאָך איז ער געװעזען אויף אַזוי פיעל אונצופריעדען מיט זיין שעפּפונג, װען ער האָט זי געענדיגט, אַז ער האָט זי אויש געװאָלט פערברענען. װאָלטער האָט ערקלערט, אַז ער האָט נאָך קיין זאַך נישט אָנגעשריבען, װעלכע זאָל איהם קענען צופריעדען שטעלען. װען עס קומט פאָר דער פּראָצעס פון איבערטראָגען דעם געדאַנק אויפ'ן פּאַפּיער,

ווערט, ווי עס ווייזט אויס, פערשוואונדען גאר דער פיינסטער געדאנק. אוליע זאגט: — דער געדאנק פערליערט זיין גאנצען געטליכען עלעמענט, ווען מען שפארט איהם אריין אין דער פעדער און מען טרינקט איהם אין טינט. אט אזוי, למשל, גיעט זיך זעהר אפט ניט איין, צו חאפען דעם סאמע חאראקטערנעם שטריך פון'ם געזיכט און איבערטראגען איהם אויפ'ן לייוואנד.

איינער א בעריהמטער שריפטשטעלער האט בעמערקט, אז ווען מען וואלט דרוקען נאר די ווערק, וועלכע שטעלען צופריעדען זייערע מחברים, וואלטען גאר די גרעסטע, וואס צווישען זיי, קיינמאל ניט אנגעקוקט די ליכטיגע שיין: אויף אזוי פיעל שטימען ניט די ווירקליכע רעזולטאטען מיט די אידעאלע פארשטעלונגען. דער מוח ארבייט גיכער פון דער פעדער און פערלויפט אפטמאל פאראויס. איידער די פעדער בעוויזט צו בעהערשען די אידעע און איינצופאסען זי אין געוויסען ראמאן, פליהט שוין אוועק אויף שטענדיג איהר שענקייט. מעג די אידעע זיין לויטער אין מוח פון קינסטלער ווי די שיין פון דער זון, ווערט זי דאך, דורך דער שריפטליכער פארם, וואס זי נעהמט אן, ארומגעוויקעלט מיט א נעבעל. דאס, וואס זי פליני בעמערקט וועגען פאעט טימאנט, אז זיינע אידעען האבען איבערגעשטיגען מיט זייער פראכט און גלאנץ ד זווערטער, מיט וועלכע ער האט זיי אויסגעדריקט, און אז אפילו די פון זיינע קונסט־ווערק, וועלכע האבען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פערפאלקאמענהייט, זענען אבגעשטאנען פון זיין גאונ'ישען טאלענט — די דאזיגע ווערטער זענען מעהר אדער ווייניגער ריכטיג בנוגע צו אלע גרויסע קינסטלער.

דערפון שטאמט דאס, וואס די גרויסע קינסטלער פון ווארט זיצען און ארבייטען אזוי פיעל דערויף, זיי זאלען געפינען א וואס מעהר מעגליכען בעסערען אויסדריק פאר זייערע אידעען. פעטרארקא האט איין שיר איבער־געמאכט ביז פינף און פערציג מאל. טאסא'ס מאנוסקריפטען איז אונמעגליך כמעט איבערצולייענען: אויף אזוי פיעל איז אין זיי די פערמעקטע און אויסגעבעסערטע ערטער. ביופאן האט איבערגעשריבען איינס פון זיינע בעסטע ווערק גאנצע עלף מאל ביז ער איז געבליבען צופריעדען. גיבאן האט איבערגעשריבען זיינע מעמוארען זיבען מאל און האט זיי נאך אלץ געלאזט ניט פערענדיגט. פאסקאל איז מיט קיין איינעם אפילו פון זיינע

פּראָווינציעלע בריעף נישט געווען צופֿריעדען, און האָט זיי גאַנצע 16 מאָל איבערגעשריבען.

פֿיליפּ וואָובערמאַן איז אויך אַזוי פֿיעל ווענינ צופֿריעדען געווען מיט זיין ערפֿאָלג, אַ ער האָט מיט אַ קליין שטיקעל צייט פֿאַר זיין טוידט, וועלכער איז צו איהם געקומען אויף דעם אַכט-און-פֿערציגסטען יאָהר, פֿערברענט די אַלע עטיודען, וואָס ער האָט געמאַכט אינ'ם משך פֿון זיין גאַנץ לעבען, מורא, אַז זיין זוהן, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו מאַלעריי, זאָל נישט אויסקלייבען פֿאַר זיך די פּראָפֿעסיע פֿון זיין פֿאָטער. דאָך געהערען וואָובערמאַנ'ס בילדער צו די ווערטפֿאָלסטע בילדער פֿון דער האָלענדער שולע און מען צאָהלט פֿאַר זיי געוואַלדיג גרויסע סומען געלד. איינינגערמאַסען שטעהט ער נישט אָב לויט דער מייסטערהאַפֿט פֿון דער אַרבייט פֿון קיין איינעם נישט אַפֿילו פֿון די גרעסטע מאַלער, וועלכע האָבען ווען עס איז געלעבט.

---

## .2

גאָר אַ בעדייטענדער טייל פֿון גרויסע מענער האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון די בעשעפֿטיגונגען, צו וועלכע זיי זענען געווען צוגעגרייט דורך זייער ערציהונג און האָבען זיך גענומען צו אַנדערע, צו וועלכע זיי האָבען געפֿיהלט מעהר נייגונג. געוועהנליך האָבען זיי די עלטערן צוגעגרייט צו וועלכער עס איז קאַריערע. די דאָזיגע קאַריערע אָבער האָט זיי אויסגעזעהען זעהר שווער און בעלאַסטענד און האָט ביי זיי אַרויסגערופֿען שטענדיגע אונצופֿריעדענהייט.

ס'איז פֿאַרהאַן אַ אַלטע לעגענדע וועגען אַ קעניג מיט אַ קעניגין, ביי וועלכע עס איז געבוירען געוואָרען זעהר אַ שענער זוהן. אין דעם טאָג פֿון זיין געבוירען זענען צוועלף מכשפֿות געקומען יעדע מיט אַ בעזונדער מתּנה: אַ עדעל אויסזעהן, חכמה, כח, שענקייט — דאָס אַלעס איז איהם געשענקט געוואָרען, אַזוי, אַז קיינער האָט זיך שוין מיט איהם נישט געקענט גלייכען, כמעט. דאָן איז געקומען די דרייצעהנטע פֿעע מיט דער מתּנה פֿון אונצו-

רפֿיערענהייט. דער פֿאטער איז אין כעס געווארען און האט ארויסגעטריבען די פֿעא מיט איהר מתנה. דאס קינד איז בשלום געוואקסען. ער איז געווען אנ'אמת'ע פֿערקערפּערונג פֿון פֿערפֿאלקאמענהייט. זענענדיג אבער צופֿריעדען מיט די וואונדערבארע מעלות, וואס ער האט פֿערמאגט, האט ער נישט געזארגט וועגען דעם, ער זאל זיי אנווענדען אויף גוטס אדער אויף שלעכטס. עס האט זיך אין איהם קיין שום ענערגיע נישט געפֿונען. א גוטמוטיגער און א רוהיגער, האט ער געלאזט דאס לעבען זאל דורכלויפֿען פֿערביי איהם און ער האט גארנישט געטהון. ענדליך האט דער קעניג פֿערשטאנען, אז די מתנה, וואס ער האט אבגעווארפֿען, האט איבערגעשטייגט די אלע איבריגע.

צווישען די, וואס האבען פֿערלאזט דעם ערשטען לעבענס=וועג דערפֿאר, וואס זיי זענען געווען נישט צופֿריעדען מיט איהם אדער דערפֿאר, וואס זיי האבען געפֿיהלט אין זיך א בערוף, צו אנ'אנדער ארט ארבייט, האבען זיך געפֿונען גאר פֿיעל גרויסע לייט. איינינגע פֿון זיי האבען אוועקגעווארפֿען די יורידישע פּראפֿעסיעס און האבען זיך אבגעגעבען צו דער וויסענשאפֿט, קונסט און ליטעראטור. מאליער האט גאנצע פֿינף יאהר אוועקגעגעבען, ער זאל זיך צוגרייטען צו דער פּראפֿעסיע פֿון אנ'אדוואקאט און נאכדעם האט ער אנגעהויבען שרייבען פֿאר דער סצענע. די מאלער סטענפֿעלד און דער שריפֿטשטעלער דוגלאס דזשעראלד האבען פֿערבראכט זייער יוגענד אויף דער שיף. ווען מען האט דארטען איינמאל איינגעארדענט א ספּעקטאקל, האט סטענפֿעלד געשריבען די דעקאראציע און דזשעראלד האט אויף זיך גענומען די ראלע פֿון רעזשיסער. מערקווירדיג איז דאס, וואס צום צווייטען מאל האבען זיי זיך אויך בעגעגענט צוליעב אזא ענין הינטער די קוליסען פֿון דרורילענער טעאטער, דאן, ווען מען האט געשטעלט דזשעראלד'ס א פּיעסע, פֿאר וועלכער סטענפֿעלד האט געשריבען די דעקאראציע.

די ליטערארישע טעטיגקייט ציהט צו צו זיך מענשען פֿון פֿערשידענע פּראפֿעסיעס. סקאט, דער בעריהמטער ראמאניסט, איז געווען אנ'אדוואקאט אין עדינבורג. טעקריי האט אויסגעביטען די מאלעריי אויף ליטעראטור. פּאל=דע=קאק האט געדיענט אין א באנק=קאנטאר, ווען ער האט אנגעהויבען צו שרייבען, נישט וויסענדיג אליין צו וואס, ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט. דער היסטאריקער, שטאטס=מאן און בעלעטריסט צשאקע, האט אנגעהויבען צו ארבייטען אויף דעם געביעט פֿון שרייבען דראמעס פֿאר וואנ=

דערנרע ארטיסטען. דער נאטוראליסט אלדראוואנד און דער מאלער רובענס
האבען ביידע געדיענט אין די יונגע יאהרען אלס פאזשען. דער בעריהמטער
אסטראנאם פיקאר האט אנגעהויבען צו מאכען די ערשטע טריט אויף דעם
וועג פון זיין בעריהמטקייט נאך דיענענדיג אלס גערטנער ביי דעם הערצאג
דע־קרעקי. די דאזיגע אלע מענשען האבען דורכגעמאכט זייער גרויסען לע־
בענס־וועג פון קלענער צו גרעסער. זיי האבען דערגרייכט זייער גרויסקייט
א דאנק זייער טאלענט און זייער שטארקען ווילען.

פיל האבען אוועקגעווארפען די ארמעע און זענען איבערגעגאנגען צו
ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט. דאנטע, טשאוסער, בען דזשאנסאן,
סידני, בעניען, איגנאטי, לאילא, דעקארט, סערוואנטעס, לאפעדע, וואגע,
קאמאענס, נעפס, לאמארק און פיעל אנדערע האבען געדיענט אין מילי־
טער־דיענסט. דער הרגל צו געדולד און צו קאנען איבערטראגען פיעל, דער
הרגל צו העלדענמוט און צו עהרליך אויספילען זייערע פליכטען, האט זיי
נאכדעם פיעל מיטגעהאלפען אין זייער טעטיגקייט, וואס האט זיי בעריהמט
געמאכט זייער נאמען. איינינע מיליטער־לייט זענען געווארען פאעטען, אנ־
דערע—ליטעראטען און גאר אנדערע—געלעהרטע.

דער געלעהרטער קאן זיך אויך פונקט, ווי דער ליטעראט איינטיעפען
אין זיינע אויספארשונגען ביז צום פערגעסען זיך. ער הערט גאר קיינמאל
נישט אויף צו פארשען און צו בעאבאכטען. די בעליעבטסטע פראזע ביים
גראף לאספעד פלעגט זיין: „לעבען הייסט—וואך זיין שטענדיג“. דאס, וואס
ער האט געשטאמט פון אנ'אריסטאקראטישער פאמיליע, און דאס, וואס
מען האט איהם ערצויגען אלס קינפטיגען מיליטער־מאן, האט, דוכט זיך,
נישט געקאנט וועקען ביי איהם א ליידענשאפטליכען אינטערעס צו דער
וויסענשאפט. דאך אבער א דאנק דעם, וואס ער האט געלייענט די געשיכ־
טע פון נאטור־וויסענשאפט פון ביופאנ'ען, וועלכע ער האט געלייענט אזוי
לאנג, ביז ער האט זי, כמעט, אינגאנצען אויסגעלערנט אויף אויסווענדיג,
האט דערוועקט ביי איהם נאר א גרויסען חשק אנצוהויבען שטודירען די
נאטור. אויף א געוויסער צייט האט ער זיך גענומען צו מוזיק, נאר נאכדעם
האט ער זיך אבגעגעבען צו באטאניק, חימיע און פיזיק. ער איז, ווירקליך,
געווען זעהר א פיעלזייטיגער מענש און אין יעדען מקצוע פון זיין טאלענט
האט ער ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען. ער האט אנגעשריבען אנ־
אפערא פאר דער סצענע און די אפערא האט געהאט גאר א גרויסען ער־

פאלג. ער האט זיך בעשעפטיגט מיט עלעקטרישע עקספערימענטען און האט אנגעשריבען א ווערק איבער דעם דאזיגען מקצוע, ווי אויך איבער דער אלגעמיינער פיזיק. נאך דער רעוואלוציע האט ער גענומען גאר א בעדייטענדען אנטייל אין כלל־ענינים און איז איינס נאך דעם אנדערען אויסגעקליבען געווארען אלס פרעזידענט פון פאריז, וועלכער האט קאמאנדעוועט מיט דער נאציאנאל־גווארדיע און אלס דעפוטאט פון אזשאן אין דער נאציאנאלער פערזאמלונג, וועלכע האט איהם אויסגעקליבען אין יאהר 1791 אלס פרעזידענט פון דער פערזאמלונג.

לאספעד האט קוים זיין לעבען געראטעוועט אין דער צייט, ווען עס האט געהערשט דער טעראר, און, ווען ער איז געקומען צוריק פון דעם ארט, וואו ער איז געווען אויסבעהאלטען, איז ער בעשטימט געווארען אלס פראפעסאר פון זאאלאגיע. דארטען האט ער פערבראכט דעם רעשט פון זיין לעבען אין אנגעשטרענגטער וויסענשאפטליכער ארבייט. ער האט געדרוקט גאר א בעדייטענדע צאהל פון ווערטספולע ווערק, אין וועלכע עס זענען קאנצענטרירט געווארען די רעזולטאטען פון אלע זיינע בעאבאכטונגען און אויספארשונגען. חאטש ער האט זיך גאר זעלטען ערלויבט צו שלאפען מעהר, ווי צוויי שעה נאכאנאנד, האט ער דאך ביז זיבציג יאהר געלעבט.

פיעל פון די פארשטעהער פון דער וויסענשאפט האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער גרעסטער פעהיגקייט צו קאנען ברענגען קרבנות אויף דעם מזבח פון דער וויסענשאפט. שפינאזא האט זיך אבגעזאגט פון דער פענסיע, וואס לודוויג דער XIV־טער האט איהם פארגעלעגט מיט דעם תנאי, ער זאל ווידמען דעם קעניג איינס פון זיינע ווערק. שפינאזא האט בעסער געוואלט בלייבען אונאבהענגיג און שפייזען זיך פון זיין אייגענער ארבייט, חאטש זיין פערדינענסט איז געווען נאר דערפון, וואס ער האט געשליפט אפטישע גלעזלעך. ער איז אויך אזוי פיעל געווען פעהיג צו פערטיעפען זיך אין זיינע ביכער און בעשעפטיגונגען, אז עס פלעגט טרעפען אמאל, אז גאנצע עטליכע טעג איז ער פון זיין צימער נישט ארויסגעגאנגען. דער אונגארישער מאטעמאטיק, פאטער, פלעגט שלאפען נאר דריי שעה אין מעת־לעת זומער און פיער שעה ווינטער, און די גאנצע איבריגע צייט פלעגט ער זיך פערנעהמען מיט זיינע בעשעפטיגונגען. בייל פלעגט ארבייטען 14 שעה אין מעת־לעת אין א משך פון פערציג יאהר.

אויף וויפיעל די וויסענשאפטליכע אויספארשונגען קאנען פעראינטערעסירען דעם מענשען ביז זעלבסט-פערגעסונג, קאן מען זעהן פונ'ם צופאל, וואס איז געוועזען מיט דעלאמבאר'ען, וועגען וועלכען מען דערצעהלט, אז אין דער צייט, וואס די פעראייניגטע ארמעע האט שטארק געשאסען אויף פאריז אין יאהר 1814, האט ער זיך גאנץ רוהיג פארטגעזעצט זיינע אסטראנאמישע בעאבאכטונגען, חאטש זיין הויז האט זיך געפונען כמעט אין צענטער פון דעם שונא'ס קוילען. ער האט א גאנצען טאג נישט אויפגעהערט צו ארבייטען, אין א משך פון 16 שטונדען, פון אכט אזייגער אין דערפריה ביז שפעט ביי דערנאכט, ארויסווייזענדיג א מערקווירדיג גרויסע מרנה פון זעלבסט-בעהערשונג, פון איבערגעבענקייט דער וויסענשאפט און גלייכגילטיגקייט צום אייגענעם לעבען, דעמאלט ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם ערפאלג פון דער וויסענשאפט, צו וועלכער עס האט נאך אפשר קיינער קיינמאל נישט דערגרייכט.

אלעקסאנדער פ. הומבאלדט האט אויך ארויסגעוויזען א מערקווירדיגע ארבייטס-פעהיגקייט און פרוכטבארקייט. אין א משך פון גאנצע דרייסיג יאהר פלעגט ער אויפשטעהן זומער רעגולער פיער אזייגער אין דערפריה און נעהמען זיך פאר זיין ארבייט. הומבאלדט'ס ידיעות האבען געטראגען אויף זיך א אוניווערסאלען חאראקטער, ארומנעהמענדיג די אלע צווייגען פון דער וויסענשאפט, וואס זענען נוגע דער פיזישער נאטור. אין איינעם פון זיינע מערקווירדיגסטע אפאריזמען, האט ער אנגעוויזען אויף דריי בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג פאר גייסטיגער ארבייט: „קלארקייט און רוהיגקייט פון מוח, ליעבשאפט צו וועלכער עס איז צווייג פון וויסענשאפטליכער טעטיגקייט און א ריין געפיהל, וואס זאל זיין פעהיג צו הנאה האבען פונ'ם פערגניגען, מיט וועלכען די פרייע נאטור קאן אונז שטענדיג בעשענקען“. און ווירקליך, זיין אייגען לעבען האט געדיענט אלס בעסטער בעווייז פאר דער ריכטיגקייט פון די דאזיגע ווערטער.

ווילהעלם פ. הומבאלדט ,וועלכער איז געוועזען דער עלטערער ברודער פונ'ם נאטור-פארשער, האט געהאט נאך מעהר כבוד אין דייטשלאנד. ער איז געוועזען א מלוכה-עסקן און א פילאלאג און אלעס, וואס ער האט געטהון, האט ער מיט דער אייגענער ארבייטס-פעהיגקייט און ארבייטס-ליעבשאפט געטהון. אין א משך פון גאנצע פערציג יאהר האט ער געש'מט אלס איי-

נער פֿון די גרעסטע פֿילאָזאָפֿען און ליננוויסטען פֿון אייראָפּא.

לויט מיין אונערליך געפֿיהל,—זאָגט ער אין איין אָרט,—איז אַרבייטען פּונקט אַזוי נויטיג דעם מענשען, ווי עסען און שלאָפֿען. אפילו די, וואָס טהוען גאָרנישט איז זין פֿון ערנסטער אַרבייט, מיינען דאָך, אַז זיי זענען מיט עפּעס פֿערנומען. עס איז גאָר שווער דעם מענשען צו געפֿינען אויף דער וועלט, וועלכער זאָל זיך האַלטען פֿאַר אַ פֿוילען".

אין זיינעם אַ בריעף צו איינעם פֿון זיינע קאָרעספּאָנדענטען שרייבט ער: „אין אייער לעצטען בריעף איז פֿאַרהאַן אַ מערקווירדיג שענער אויסדריק, וואו איהר זאָגט, אַז דאָס לעבען איז אַ קאַסע, וואו מיר לעגען אַריין צים בעהאַלטען די אַלע גייסטיגע אוצרות, וועלכע געהערען אונז. דאָס איז אַ מערקווירדיג גליקליכער געדאַנק. ווירקליך, דער מענש קאָן מאַכען פֿון זיין לעבען אַלעס, וואָס ער וויל, און מאַכען עס אויף אַזוי פֿיעל ווערטספֿול פֿאַר זיך און פֿאַר יענעם, אויף וויפֿיעל ער וויל נאָר".

איינינע אַרבייטען צוליעב דעם, זיי זאָלען זיין מיט וואָס עס איז בעשעפֿטיגט, אַנדערע—צוליעב געלד, די דריטע—צוליעב כבוד; עס איז אָבער אויך פֿאַרהאַן אַזוינע, פֿאַר וועלכע די אַרבייט איז—אַ נויטווענדיג בעדערפֿניש. אָהן אַרבייט ,אָהן בעשעפֿטיגונג איז די עקזיסטענץ פֿאַר זיי אונמעגליך. ווען עס קומט צו זיי רוהם און כבוד, איז עס אונערוואַרטעט פֿאַר זיי. אַנ'אַנדערש מאָל איז דאָס זאָגאָר פֿאַר זיי אונאַנגענעהם. פֿיעל דערגרייכען ערפֿאָלג נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען זעהר אַרבייטס־פֿעהיג. פֿליני דער עלטערער פֿלעגט שטענדיג, ווען ער פֿלעגט זיך אין דאָרף געפֿינען, אָדער אַליין לייענען, אָדער עס פֿלעגען איהם אַנדערע לייענען, אַחוץ נאָר דער צייט, וואָס ער האָט פֿערבראַכט מיט באָדען זיך. דער גרעסטער טייל פֿון די גרויסע חימיקער, פֿיזיקער און נאַטוראַליסטען פֿלעגען זעהר שטאַרק אָבהיטען זייער צייט, מאַכענדיג שטענדיג בעאָבאַכטונגען און נאָטיצען.

דאַלטאָן פֿלעגט זיין שטענדיג פֿערנומען מיט זיינע בעאָבאַכטונגען און פֿערגלייכונגען. נאָכדעם פּאַראַליטיש־אַנפֿאַל זאָגאַר, וועלכער האָט מיט איהם געטראָפֿען, ווען ער איז שוין אַלט געוועזען איין און זיבציג יאָהר, האָט ער באַלד, ווי ער האָט זיך אַ ביסעל ערהאָלט, ווידער אַמאָל זיך גענומען פֿאַר זיינע בעאָבאַכטונגען, ווי שטענדיג. אין דער לעצטער נאַכט פֿון זיין

לעבען, האט ער נאר אנגעשריבען אנ'איינלייטונג צו זיין בוך, און וועלכען ער האט פערצייכענט די אלע מעטעאראלאגישע בעאבאכטונגען, די צאהל פון וועלכע האט אנגעטראפען א חשבון פון צוויי הונדערט טויזענד און א משך פון א האלבען יאהרהונדערט.

---

## 3.

איינינע פון די, וואס האבען גאר א מעכטיגע ווירקונג געהאט אויף דער מענשהייט, זענען נישט געווען אויף אזוי פיעל געניאל, וויפיעל זיי זענען געווען מענשען מיט אנ'אייזערנעם חאראקטער און מיט אנ'אונבעגרענצטער ארבייטס-פעהיגקייט. צו דער דאזיגער קאטעגאריע מענשען האט אויך געהערט מארטין ליוטער, קאלווין, איגנאטי, לאיאל, דשאן נאקס און דשאן אועלס.

ליוטער האט געהאט אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, ענערגיע און נעדולדזאמקייט. מען קאן זאגען, אז זיין לעבען פערקערפערט אין זיך די גאנצע געשיכטע פון דער רעפארמאציע אין אייראפא. ער איז אין דער אייגענער און דערזעלבער צייט געווען אי א לינגוויסט, אי א פילאזאף, אי א פרעדיגער און א פאליטיקער,—די אלע גרויסע בעוועגונגען פון זיין צייט, האבען זיך קאנצענטרירט אין איהם. צוערשט האט ער איבערגעזעצט דעם „ברית חדשה“, נאכהער האט ער איבערגעזעצט דעם תנ"ך. די פרעסע, וועלכע האט זיך צו יענער צייט ערשט אנגעהויבען צו ענטוויקלען, איז פערפלייצט געווארען דורך איהם מיט פערשידענע טראקטאטען, אין וועלכע ער האט פערטיידיגט די פרייהייט פון קלערען און פארשען. דאס איז געווען, לויט זיין מיינונג, די וויכטיגסטע און גרעסטע רעכט פון דעם מענשליכען מוח. די פעהיגקייט צו ארבייטען האט זיך אבער ארויסגעוויזען ביי איהם נישט מיט אמאל: די ליעבע צו ארבייטען איז צוביסלעכווייז איבערגעגאנגען אין א הרגל אין זיין לעבען. ארבייטס-פעהיגקייט, ענערגיע און ענטשלאסענהייט זענען געווען די שטענדיגע בעגלייטער פון זיין לעבען. קיין זאך האט

איהם נישט געקאנט אבשטעלען דעמאלט, ווען ער האט קלאר געזעהן דעם וועג פון זיין לעבען.

ביז פינף און דרייסיג יאהר האט ליוטער זעהר וועניג געהאט אנגעשריבען. פון יענער צייט אן אבער איז ער געווארען נישט נאר דער פרוכטבארסטער שריפטשטעלער אין דייטשלאנד, נאר אויך דער פאפולערסטער. מיט דער ענערגיע פון זיין סטיל און מיט דעם פייערדיגען טעמפעראמענט, מיט וועלכע ער האט זיינע איבערצייגונגען ארויסגעזאגט, האט ער געצוואונגען יעדען צו שטעלען זיך פאר איהם אויף די קניע. זיין שפראך האט געקאנט צופאסען זיך צו די פערשידענסטע טענער, זעענדיג צייטענווייז אבגעהאקט און שארף ווי שטאל, און צייטענווייז בויגזאם און פליסענד. גלייכצייטיג איז ער געוועזען איבערפולט מיט פרעהליכקייט און גוטהערציגקייט, געניסענדיג פון זיין אנגענעהמען פאמיליען־לעבען און פערווייליגענדיג די פרוי מיט די קינדער מיט מוזיק, ווארום ער פלעגט שפיעלען אויף א גיטארא און אויף א פלייט. ג

די מוזיק, — פלעגט ער זאגען, — איז די קונסט פון די נביאים; דאס איז די איינציגע קונסט, וועלכע קאן גלייך מיט דער טעאלאגיע בערוהיגען די שמערצען פון דער נשמה און צווינגען דעם שטן, ער זאל אנטלויפען. נישט אבער נאר דאס אליין. איינציגע פרייע שעה פלעגט ער אויך אויסנוצען אויף זייגער־מאכעריי און אויף טאקארסקע ארבייט. ער האט קיינמאל אין ערגעץ אהן קיין ארבייט נישט געקאנט בלייבען. „ווען איך בין בעלאגערט פון שווערע אומשטענדען, — זאגט ער אין זיינע שריפטען, — וואלט איך זיך בעסער געווארפען אין דער סטאדע ארייין פון מיינע חזירים, איידער בלייבען דעמאלט מיט מיר אליין.“ זיין דורשטיגקייט צו ארבייטען האט דערגרייכט ביז צו גאר א גוואלדיגער קראפט. פאר דריי יאהר צייט האט ער אנגעשריבען און אבגעדרוקט פיער הונדערט זעקס און פערציג ווערק, צו פיעל פון וועלכע עס זענען צוגעגעבען געווארען גראוויורען, וועלכע מען האט לויט זיינע צייכנונגען געמאכט; גלייכצייטיג האט ער אויך געפיהרט גאר א גרויסע קארעספאנדענץ מיט פיעל בערוהמטע פערזענליכקייטען פון אייראפא. מען קאןווירקליך זאגען, אז ער האט ארויפגעלעגט זיין גייסטיגען שטעמפעל אויף דעם גאנצען דור פון זיין צייט און אויף דער גאנצער נאציע. א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט האט ער געלעגט אויף דער פאלקס־בילדונג; דייטשלאנד בעדארף פיעל דאנקען ליוטער'ען פאר דעם, וואס זי

איז געוואָרען דאָס, וואָס זי איז. זעהר פיעל, פיעל גרויסעס און וויכטיגעס פון דעם, וואָס דייטשלאנד פערמאָגט, איז בעשאַפען געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון ליוטער'ען, א דאנק זיין פערזענליכער ווירקונג און זיין ענערגישער טעטיגקייט.

קאַלווין איז נישט אָבגעשטאַנען פון ליוטער'ן מיט זיין אונערמידעט ווערען און מיט זיין ליעבע צו ארבייטען. ער איז געוועזען דער טעאָלאָג און דער דיאלעקטיק פונקט, ווי ליוטער דער פרעדיגער און דער פובליציסט, פון דער רעפאָרמאציע. קאַלווין האָט דורכגעמאַכט אין דער יוגענד א שטרענגע און לאנגדויערנדע שולע פון גייסטיגער דיסציפלין און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע ערפאָלגען אין שולע. ער איז אַלט געוועזען א יאָהר פינף און צוואנציג, ווען ער האָט אָנגעשריבען זיינע „אינסטיטוטען“ — א ווערק, וואָס האָט געהאַט א גוואלדיגע ווירקונג אויף די מענשען פון זיין צייט און זאָגאר אויך אויף די קומענדע דורות. (

נאָכדעם, ווי דאָס דאָזיגע בוך איז ערשיענען, האָט קאַלווין גאָר נישט אויפגעהערט צו ארבייטען. ער פלעגט טאָג־טעגליך פרעדיגען, דריי מאָל א וואָך האָט ער געלייענט די סטודענטען לעקציעס אין טעאָלאָגיע, ער האָט אויך געפיהרט גאָר א גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, פּאָלעמיזירט מיט די טעאָלאָגען פון אַלע לענדער און דאָס ביסעל פרייע צייט, וואָס איז איהם געבליבען, האָט ער געווידמעט פאָר ליטעראַרישע בעשעפטיגונגען. פון זשענעווא פלעגט ער אָפטמאָל פאָהרען קיין דייטשלאַנד און קיין פראנקרייך, אָבער דאָס פלעגט ער נאָר טהון, ווען עפּעס א נייע ארבייט האָט עס געפאָדערט פון איהם. פון סטראַסבורג האָט ער געשריבען איינעם פון זיינע פריינד: „איך געדענק שוין גאָרנישט קיין טאָג, אין וועלכען איך זאָל זיין אַזוי פערנומען מיט פערשידענע ארבייטען. א שליח האָט געוואַרט אויף דעם אָנהויב פון מיין בוך, און איך האָב נאָך געהאַט דורכצוקוקען ארום צוואנציג זייטען; גיב נאָך צו דערצו, אַז איך האָב נאָך בעדאַרפט לייענען א לעקציע, האַלטען א פרעדיג, אָנשרייבען פיער בריעף, ענטפערען אויף פיער אָנפראַגען און אָננעהמען מעהר, ווי צעהן בעזוכער“.

אין א אַנדער אָרט קלאָגט ער זיך דערויף, וואָס מען שלאָגט איהם שטענדיג איבער די ארבייט און שרייבט, אַז ער ערוואַרטעט מיט אונגעדולד די לאַנגע נעכט, ווען ער וועט האָבען מעהר פרייהייט“, חאָטש, אמת, די דאָזיגע פרייהייט האָט ער בעדאַרפט, ער אַל נאָך האָנען ארבייטען אַנ'אַנדער.

אַרבײַט. ער האָט געאַרבײַט בײַטאָג און בײַנאַכט, ווען ס'איז געווען די צײַט דערפֿון און ווען ס'איז נישט געווען די צײַט דערפֿון, דאַן אַפֿילו, ווען זײַנע פֿיזישע שמערצען האָבען זיך נאָר שטאַרק פֿערגרעסערט. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געפֿיהרט אַ אײַנגעהאַלטען אײַנפֿאַכען אָרט לעבען, האָט זיך איהם אײַנגעגעבען צו לעבען 55 יאָהר. פֿאַר דער צײַט פֿון זײַן לעצטער שלאַפֿקײַט, ווען ער האָט קוים געקענט אָטהעמען, האָט ער איבערגעזעצט אײנס פֿון זײַנע ביכער פֿון לאַטײן אויף פֿראַנצויזיש, איבערגעקוקט זײַן איבערזעצונג פֿון „בראשית“ און אָנגעשריבען זײַן „קאָמענטאַריע אויף דעם ספֿר הושע“. צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך אויך בעשעפֿטיגט מיט די פֿיעלע פֿערשיעדענע ענינים פֿון פֿערשיעדענע קלויסטערס און האָט געענטפֿערט אויף זײערע פֿאָדערונגען מונדליך אָדער שריפֿטליך, אָבהענגיג דערפֿון, ווי עס איז נויטיג געווען. זײַנע פֿרײַנד פֿלעגען איהם בעטען, ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיך. ער פֿלעגט אָבער שטענדיג ענטפֿערען אויף אַזוינע בקשות, אַז דאָס, וואָס ער האָט דערווײַל אָבגעטהון איז זעהר נישטיג, און אַז מען בעדאַרף איהם נישט שטערען צו בעשעפֿטיגען זיך דערמיט, צוליעב וועלכען גאָט האָט איהם אויף דער וועלט אַראָבגעשיקט.

מיט דער זעלבער אײַזען־שטאַרקער ענערגיע און שטענדיגער אַרבײטס־פֿעהיגקײַט האָט זיך אויך נאָקס אויסגעצײכענט. ער האָט זיך שטענדיג געפֿונען בײַ אַרבײט — געלערענט, געפּרעדיגט, געגעבען עצות, בעשעפֿטיגט זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע פֿון זײַנע אַנהענגער. שטענדיג האָט ער זיך בעשעפֿטיגט מיט דער דאָזיגער אַרבײט, אי דאַמאָלס, ווען איהם איז אויסגעקומען אויסבעהאַלטען זיך פֿון זײַנע פֿערפֿאָלגער, אי דאַמאָלס, ווען איהם איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטען פֿרײַ, נישט לעגענדיג קיין שום אויפֿמערקזאַמקײט אויף דער געפֿאַהר, וואָס איז איהם פֿאַרגעשטאַנען.

אין אַ משך פֿון גאַנצע צוויי יאָהר האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטען אַלס פֿערברעכער אויף קאַטאָרגע אין פֿראַנקרײַך, וואו ער האָט געמוזט טראָגען קעטען און אַרבײַטען אונטער די שמיץ פֿונ'ם קנוט, אינאײנעם מיט די הוגענאָטען און מיט די קאַטאָרזשניקעס. ענדליך איז ער בעפֿרײַט געוואָרען. זײַן געזונד האָט אָבער זעהר שטאַרק געליטען דערפֿון, וואָס מען איז זיך מיט איהם זעהר שלעכט בעגאַנגען, חאָטש זײַן גײַסטיגער כח איז אַפֿילו אויף קײן האָר נישט פֿערקלענערט געוואָרען. נישט אָברוהענדיג זיך אויף אַ ווײַלע, איז ער אַליין געלאָפֿען פֿון אײן אָרט אויף דעם צווייטען שטאַרקענ־

דיג דעם גײסט פון זײנע ברידער. און חאטש מען האט איהם ערקלערט אלס מורד און געשטעלט אויסער דעם געזעץ, האט זיך דאך געבילדעט ארום איהם א לעבעדיגע וואנד אויף איהם צו פערטיידיגען. זײן ענערגיע און ארבײטס-פעהיגקײט, זײן טאלענט און העלדענמוט, זײן ערנסטקײט און זײן איבערגעגעבענקײט ביז צו מסירות-נפש דער זאך, וועלכע איז בײ איהם הײליג געווען — האבען געבראכט דערצו, אז זײן „עהרליכער קאמף“ זאל פאלשטענדיג זיעגען. ווען מען האט איהם אין קבר ארײנגעלעגט, האט זיך דער לארד מארטאן אנגערופען, קוקענדיג אויף דעם קבר: „דא ליעגט דער, וועלכער האט קײנמאל קײן מורא נישט געהאט פאר קײן מענשליך געזיכט“.

נישט װעניגער ארבײטס-פעהיג און איבערגעגעבען צו דער זאך, וועלכע איז בײ איהם טײער געווען, איז אויך געווען דשאן אעסלי. קײן אײן מינוט אפילו איז בײ איהם אומזיסט נישט פערפאלען געווארען. ער פלעגט אויפשטעהן 4 א זײגער אין דערפריה, זומער, ווי ווינטער, און א משך פון 50 יאהר. און 5 אזײגער פלעגט ער שוין אנהויבען פרעדיגען, אויב עס פלעגען זיך צונויפקומען צו איהם צוהערער. יעדעס יאהר פלעגט ער אויספאהרען פון פיער ביז פינף טויזענד מײל, און אומעטום פלעגט ער לערנען, פרעדיגען און ארגאניזירען זײנע קהלות. די הפסקות פון זײן ארבײט זענען שוין פאר איהם געגונג געווען, ער זאל איבערלײענען גאר פיעל ביכער און אויך אנשרײבען זעהר פיעל ווערק. אינאײנעם דערמיט איז ער אויך געווען דער פערלעגער און דער פערקויפער פון זײנע ביכער. איבריגענס, בכלל האבען בײ איהם ביכער גאר א קלענערע בעדײטונג געהאט, ווי לעבעדיגע מעשים. דאס זעהען מיר גאנץ דײטליך ארויס פון דער בעמערקונג, וואס ער האט געמאכט אײנעם פון זײנע שילער: „היט זיך, אז די ביכער זאלען אײך נישט אײנשלינגען! אײן אונצע ליעבע איז טײערער פון א גאנץ פונט וויסען“. זײנע ארגאניזאטארישע און אדמיניסטראטיווע פעהיגקײטען זענען געווען מערקווירדיגע, מיר קענען זיך אין דעם זעהר גוט איבערצײגען דערפון, וואס ער האט גאר א מעכטיגע קהלה ארגאניזירט פאר זײן לעבען, וועלכע האט זיך נאך מעהר פערגרעסערט נאך זײן טוידט.

אועסלי האט זיך אויסגעצײכענט מיט זײנע גרויסע פעסטע ידיעות, מיט דער ענטשלאסענקײט פון זײן ווילען און מיט דער קלארקײט פון זײן מוח. די דאזיגע אלע מעלות האבען אבער א אמת'ע ווערט בעקומען נאר א

דאנק זיין לעבענס־פעהיגקייט, וועלכע האט געהאט זעהר א גוטע ווירקונג אויף יעדען, ווען עס איז נאר אויסגעקומען ווען עס איז צו שטעלען זיך אונטער איהר ווירקונג און האבען איהם פאר זיך אלס ביישפיעל. ווען ער איז שוין גאנצע זעקס און אכציג יאהר אלט געווען, פלעגט ער נאך צוויי, און אמאל אויך דריי, פרעדיגען האלטען יעדען טאג. ווען עס איז איהם זיעבען און זיעבציג יאהר געווארען, האט ער געשריעבען: „א דאנק גאט. איך ענדער נישט מיין ארבייט; איך קען נאך אלץ פרעדיגען און שרייבען". אויך אינ'ם אכט און אכטציגסטען יאהר, דאס הייסט, אין יאהר פון זיין טוידט, האט ער נאך געפרעדיגט.

דאס, וואס ער האט אזוי פיעל געלעבט און האט אויף אזוי לאנג איינגעהיט אין זיך די פעהיגקייט צו ארבייטען, האט ער אליין צוגעשריבען זיין שטענדיג איינגעהאלטען זיין אין אלעם. פון גאר דער פריהסטער יוגענד איז ער געווען איינער פון די גאר איינגעהאלטענסטע מענשען. מען בעדארף נאך אויך דאס בעמערקען, אז ער איז בעזעסען אזא שאץ, וועלכער איז זעהר וויכטיג פאר די, וועלכע ארבייטען מיט דעם מוח און וועלכער פעהלט טאקי זעהר אפט דעם רוב פון זיי — ער איז פעהיג געווען איינצושלאפען, ווען ער האט נאר געוואלט. לויט זיינע אייגענע רעד, האט ער פון קינדווייז אן פון קיין איין שלאפלאזע נאכט נישט געוואוסט.

די צאהל פון דער ארבייט, וואס איינינגע מענשען האבען אבגעטהון אויף זייער לעבען איז פשוט ערשטוינענד. ריטשארד בעקסטער האט אנגעשריבען 145 פערשיעדענע ווערק, צווישען, ווי ער האט זיך אליין אויסגעדריקט, „א גרויסער צאהל פון פערשיעדענע אנדערע ארבייטען". דע־פא האט אונאויפהערליך ארויסגעלאזט בראשורען און ביכער, פון וועלכע מען ווייסט שוין גאר, כמעט, נישט יעצט. דאס איז אהן צווייפעל, אז דער גרעסטער טייל פון די ביכער, וואס ווערען געשריבען פון זעהר פרוכטבארע שריפטשטעלער, ווערען פערשוואונדען אינאיינעם מיט די אומשטענדען, וועלכע האבען זיי צום לעבען ארויסגערופען. נאר ווייניג צווישען זיי און זעהר אפט דוקא יענע, וועלכע מען האט אמווייניגסטען געשעצט דאמאלס, ווען זיי זענען ערשיענען, זענען זוכה, זיי זאלען איבערבלייבען אויך פאר די קומענדע דורות. „ראבינזאן קרוזא" איז פארגעלעגט געווארען עטליכע בוכהענדלער און קיינער האט איהם נישט געוואלט אבדרוקען; ביי יעצטיגער צייט איז דע־פא'ס נאמען, דער מחבר פונ'ם אויבענדערמאהנטען בוך,

דוקא דורך דעם דאָזיגען ווערק פֿערעווינט געוואָרען.

מען קען אָנרופֿען זעהר פֿיעל פּרוכֿטבאַרע מחברים, וועלכֿע זענען ביי יעצטיגער צייט שוין גענצליך פֿערגעסען. אזא מזל האָט אויך פּרין געהאָט. עס איז אויסגערעכֿענט געוואָרען, אַז פֿון די קינדערשע יאָהרען אָן ביז צום טאָג פֿון זיין טויט, האָט ער דורכֿשניטליך אָנגעשריבען אכֿט זייטען אין פֿאָרמאַט פֿון קוואַרטאָ אַ טאָג, מערקווירדיגער אָבער פֿון אַלעס איז דאָס, וואָס זיינע ווערק זענען געווען צו זיין צייט אונגעוועהנליך פּאָפּולער. עס האָבען זיך געפֿונען פֿערלעגער, וועלכֿע האָבען בעשלאָסען צו צאָהלען איהם צו עטליכֿע הונדערט פֿונט שטערלינג פֿאַר אַ טייל. איצט זענען די דאָזיגע ווערק קיינעם נישט בעוואוסט, אחוץ די ביבליאָפֿילען.

די ווערק פֿון די אַנדער פּרוכֿטבאַרע מחברים זענען געווען כּמעט גאָר אינגאַנצען אונבעוואוסט, אפילו אין דער צייט, וואָס זיי זענען ערשט פֿון דרוק אַרויס. איינמאָל האָט זיך עמיצער אַרויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט פֿאַר קעמפּבעלען, דער מחבר פֿון דעם „פּאָליטישען איבערבליק איבער ענגלאַנד“, אַז ער וואָלט וועלען האָבען זיינע זעמטליכֿע שריפֿטען. אויף דעם צווייטען טאָג, האָ טער צו זיין גרויסער ערשטוינונג, געפֿונען ביי זיין טיר אַ גרויסען באַרג פֿונ'ם דאָקטאָר'ס חבורים. דערביי, נאַטירליך, אויך אַ חשבון פֿון מעהר ווי אויף זיבציג פֿונט! סוועדענבאָרג'ס פֿאָטער, דער עפּיסקאָפּ סנויבערג, האָט געלאָזט אונאויפֿהערליך, כּמעט, אַרבייטען אויף זיינע ווערק די דרוק-מאַשין. „איך רעכֿען,—האָט ער געזאָגט,—אַז מען וואָלט קוים אויף צעהן פֿוהרען געקאָנט אוועקפֿיהרען דאָס אַלעס, וואָס איך האָב אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט אויף מיין אייגענעם חשבון“. זיין זוהן עמנואל איז אויך געווען זעהר אַ פּרוכֿטבאַרער שריפֿטשטעלער. אין משך פֿון זיין לעבען האָט ער אָנגעשריבען זעכֿציג ווערק.

דער אַבאַט פּרעוואָ האָט אָנגעשריבען פֿאַר זיין לעבען מעהר ווי הונדערט זיבציג בענדער, האָטש נאָר איינער פֿון זיי לייענט זיך נאָך אויך ביז איצט. האַנס זאַקס, אַ דייטשער שוסטער און שריפֿטשטעלער, איז געווען איינער פֿון די גאָר אַרבייטס-פֿעהיגסטע לייט. אחוץ די שיך, וואָס ער האָט גענייהט און פֿערקויפֿט, האָט ער פֿערפֿאַסט און דרוקען געלאָזט מעהר, ווי צוויי הונדערט קאָמעדיעס, טראַגעדיעס און פֿאָרסען און אַרום זיבען הונדערט משלים, אַלעגאָרישע ערצעהלונגען און ריפֿמען און פּאָעמען פֿון פֿערשידענעם אינהאַלט. מאָזער, דער דייטשער קאָמפּאָזיטאָר פֿונ'ם פֿערגאַנ-

נענעם יאהרהונדערט, האט איבערגעלאזט פיער הונדערט ווערק, פון וועלכע זיבצעהן זענען נאך ביז צו היינטיגען טאג נישט ארויסגעגעבען געווארען. א צווייטער דייטש האט אליין א גאנצע ענציקלאפעדיע צוזאמענגעשטעלט, וועלכע איז שוין בעשטאנען אין יאהר פון זיין טויט, אין יאהר 1796, פון צוויי און זיבציג בענדער אין א גרויס אלטעל פארמאט.

דער איכות פון ביופאנ'ס ווערק איז דורך יעדען אנערקענט; אלע זיינע ווערק, וועלכע זענען ארויסגעגעבען געווארען נאך זיין טויט, זענען בעשטאנען פון 36 בענדער; בעגריצענדיג זיך מיט זיין אויסדריק, הייסט עס, אז „פופציג יאהר האט ער פערבראכט ביים שרייב-טיש". גיבאן האט אבגעגעבען פופצעהן יאהר אנגעשטרענגטער ארבייט אויף צו שטודירען און צוזוגרייטען זיין „צעפאלען זיך פון דער רוימישער אימפעריע". דער עדינבורגער געלעהרטער, דאקטאר ראבערטסאן, איז געוועזען א מערקווירדי-גער ארבייטער אי מיט דעם איכות, אי מיט דעם כמות פון זיינע ווערק. פון גאר דער פריהסטער יוגענד אן איז ביי איהם אלס דעוויז געוועזען: „דאס לעבען אהן ליטעראטור איז א טויט". סער דזשאן סינקלער האט גאר קיין מאל נישט אויפגעהערט צו ארבייטען. נאך זענענדיג אין שולע האט ער פאר זיך אויף דעם פאלגענדען אופן די צייט איינגעטיילט: שלאפען זיבען שעה; אנטהון זיך א האלבע שעה; עסען און אויסרוהען זיך נאך דעם שלאף—צוויי מיט א האלבע שעה; פיזישע איבונגען צוויי שעה; וויסענשאפטליכע בעשעפטיגונגען צוועלף שעה, וואס מאכט אויס אינאיינעם פיער און צוואנציג שעה. ער האט שטענדיג געארבייט ביז איין און אכציג יאהר, און דער מוח זיינער איז ביז צום סוף געבליבען פעסט און לויטער. אין משך פון זיין לעבען האט ער ארויסגעגעבען צעהן גרויסע ווערק אין אכטצעהן בענדער און האט אכטונג געגעבען אויף דער אויסגאבע פון פיער אנדערע ווערק, וועלכע זענען בעשטאנען פון הונדערט זעקס בענדער. דערצו נאך האט ער ארויס-געלאזט נישט ווייניגער, ווי דריי הונדערט זיבען און זעכציג בעזונדערע בראשורען אויף פערשידענע טעמעס.

# 4.

ביי ליטרע'ן זענען די בעדינגונגען פון זיין וויסענשאפטליכער ארבייט געוועזען א ביסעל אנדערש, ווי ביי דזשאן סינקלער. צוערשט האט זיך ליטרע בעשעפטיגט מיט מעדיצין, נאכדעם האט ער פיעל געארבייט אלס זשורנאליסט און ערשט צום סוף האט ער זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט לעקסיגאלאגיע. ווען עס איז איהם שוין זעכציג יאהר געווארען, האט ער זיך גענומען פאר זיין ריעזיגער ארבייט, וועלכע האט גאר אויפ'ן העכסטען גראד איהם בערוהמט געמאכט—פאר דעם „ווערטערבוך פון דער פראנצויזישער שפראך“.

ער האט אליין אבגעטהון אהן שום זייטיגער הילף דאס, פאר וואס עס איז נויטיג געוועזען אין די פריהערדיגע יאהרען די פעראייניגטע ארבייט פון די אלע מיטגליעדער פון דער גאנצער פראנצויזישער אקאדעמיע. ליטרע'ס ווערק איז נישט נאר א ווערטערבוך פון דער פראנצויזישער שפראך. דאס דאזיגע ווערק ענטהאלט אין זיך אויך די געשיכטע פון יעדען ווארט, די בעדייטונג און דער אויסשפרוך, די עטימאלאגיע, די פערשידענע סינאנימען, אינאיינעם מיט סטיליסטישע ביישפיעלען, וועלכע ער האט גענומען ביי בערוהמטע שריפטשטעלער. אזא ארבייט איז נאך קיינמאל נישט אבגעטהון געווארען דורך איין מענשען און אין א משך פון אזא קליין שטיקעל צייט. דער דאזיגער ווערטערבוך האט ביי איהם פערנומען עטוואס מעהר פון פיערצעהן יאהר. ליטרע איז צוגעטראטען צו דער דאזיגער ארבייט אין יאהר 1863, ווען ער איז שוין אלט געוועזען דריי-און-זעכציג יאהר, און האט געענדיגט די ערשטע פיער בענדער, צו דריי טויזענד זייטען אין א באנד, אין יאהר 1878. עס איז איהם געבליבען צוזאמענשטעלען נאך איין באנד אלס הוספה, אין וועלכען עס זענען אריינגעגאנגען ביז פיער טויזענד זייטען מיט הוספות און קאמענטאריעס.

ער האט אליין בעשריבען זיין ארט ארבייטען אין דער צייט, ווען ער האט געארבייט אויף דעם ווערטערבוך. ער פלעגט אויפשטעהן אכט אזייגער און האט מיטגענומען מיט זיך וועלכע עס איז ארבייט, אראבגעהענדיג אונטען אויף דער צייט, וואס מען האט זיין צימער אין ארדנונג געבראכט. ניין אזייגער איז ער ווידער ארויפגעגאנגען צו זיך און האט דארטען די

קאָרעקט צורעכט געמאַכט ביז צום פֿרישטיק. פֿון איינס ביז דריי האָט ער געאַרבייט פֿאַר א זשורנאַל, און פֿון דריי ביז זעקס, האָט ער געאַרבייט אויף זיין ווערטערבוך. זעקס אַזייגער איז ער אַראָפּגעגאַנגען אונטען צו מיטאָג, וועלכער האָט געדויערט אַרום א שעה צייט. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די מעדיצין פֿערבאָט, זיך נעהמען צו דער אַרבייט באַלד נאָכדעם, ווי מען עסט זיך גוט אָן, פֿלעגט דאָך ליטרע זיך זעצען באַלד נאָך מיטאָג צו דער אַרבייט און האָט גאָרנישט געליטען דערפֿון. פֿון זיבען אַזייגער פֿאַרנאַכט ביז דריי אַזייגער ביינאַכט איז ער געזעסען איבער דעם ווערטערבוך און נאָכדעם האָט ער זיך געלעגט אין בעט. ער פֿלעגט אָבשלאָפֿען געשמאַק די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין בעט געלעגען, ווי אועסליי, און אַכט אַזייגער פֿלעגט ער שוין אויפֿשטעהן, ער זאָל שוין ווידער אָנהויבען דעם אייגענעם סדר-היום פֿון נעכטען. אויפֿ'ן אַכציגסטען יאָהר איז ליטרע געשטאָרבען.

„אַרבייטען" — איז אויך געווען די רעליגיע פֿון סאָאוטי. ער האָט שטענדיג געליינט, געשריבען אָדער נאָטיצען געמאַכט. זיין מוח איז שטענדיג געווען פֿאַרנומען מיט פֿערשידענע וויכטיגע פּלאַנען, חאָטש ער האָט ניט זוכה געווען צו דערלעבען פֿערווירקליכען די דאָזיגע אַלע פּלאַנען. דאָך האָט ער בעוויזען אָנצושרייבען אינ'ם משך פֿון זיין לעבען מעהר, ווי הונדערט ווערק אויף פֿערשידענע טעמען, א חוץ דרייסיג גרויסע אַרטיקלען פֿאַר איינעם פֿון די וויכטיגסטע זשורנאַלען. שילער האָט פֿיעל וועניגער געלעבט פֿון סאָאוטי'ן, ער האָט זיך אָבער אויך, פּונקט ווי ער, אויסגעצייכענט מיט זיין אַרבייטס-פֿעהיגקייט. די בעסטע ווערק זיינע האָט ער אָנגעשריבען אין משך פֿון די לעצטע פֿופֿצעהן יאָהר פֿון זיין לעבען, ווען קיין איין טאָג, כמעט, האָט ער דאַמאָלס ניט איבערגעלעבט אָהן פֿיזישע ליידען.

מען מוז אָבער אויך דאָס בעמערקען, אַז זעהר פֿיעל גייסטיגע אַרבייט ווערט פֿערלאָרען נאָר פֿאַר „אייגענעם פֿערברויך", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, פֿון אייגענעם פֿערגניגען וועגען, ניט דערויף, מען זאָל עטוואָס נוצליכעס אויפֿטהון, ניט דערויף, מען זאָל בילדען אָדער פֿערוויילען צום ווענינגסטענס אַנדערע.

מעצאַפֿאַנטי, למשל, האָט אַלע בעוואוסטע שפּראַכען אויסגעשטודירט. ער האָט אָבער אפילו קיין איין געדרוקט וואָרט ניט איבערגעלאָזט,

וואָס זאָל קאָנען לײַכטער מאַכען די אַרבײט פֿאַר די, וואָס אַרבײטען אויף דעם דאָזיגען געביט.

מאַליאַבעקי, דער „ביכער־פּרעסער“, וועלכער האָט זײַן גאַנץ לעבען צווישען ביכער פֿערבראַכט, וועלכער האָט אויך בײַם שלאָף און אויך בײַם עסען, געהאַלטען ביכער, וועלכע ער האָט ווירקליך קײנמאָל פֿון האַנד ניט אַרויסגעלאָזט; דער דאָזיגער מאַליאַבעקי, וועלכער איז ניט מעהר ווי צוויי מאָל אויף זײַן לעבען אַרויסגעפֿאָהרען פֿון פֿלאָרענץ, שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ צווייטען בײַשפּיעל פֿון אַן׳אוננוצליכען גײַסטיגען אַרבײַטער, וועלכער לעבט אויסשליסליך נאָר פֿאַר זיך און טהוט גאָרניט דערויף, אַז די וועלט זאָל פֿיהלען אויך וויפֿיעל עס איז דאַנקבאַרקײַט צו איהם פֿאַר זײַן אונאויפֿהערליך לעזען.

וואַלדעראַן און לאָפּע דע וועגע געהערען צו דער צאָהל פֿון די גאָר פֿרוכטבאַרסטע מחברים: אײנער פֿון זײ האָט אַרײַנגעטראָגען אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור אַן׳אוצר פֿון פֿיער טויזענד פֿערשידענע זאַכען און דער צווייטער — מעהר, ווי צוויי טויזענד דראַמאַטישע ווערק. לאָפּע־דע־וועגאַ האָט געשריבען מיט דער אײגענער גרינגקײַט, מיט וועלכער עס רעדען קונצליכע רעדנער ניט צוגרײטענדיג זיך פֿריהער און אָהן שום אָנשטרענגונג. ער איז ווירקליך געווען אַ איטפּראָוויזאַטאָר. ער האָט געשריבען דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט געקאָנט ניט שרײַבען. זעהר זעלטען פֿלעגט טרעפֿען, עס זאָל בײ איהם אַ גאַנצער חדש אוועקגעהן אָהן וועלכען עס איז נײַעם סאָנעט, ראָמאַנס, קאָמעדיע אָדער דראַמע. ער אַליין שרײַבט, אַז אַרום הונדערט דראַמען האָט ער, וואָס יעדע פֿון זײ האָט ער אָנגעשריבען אין אַ משך פֿון אײן טאָג. אין אַ משך פֿון פֿופֿציג יאָהר פֿון זײַן אויטאָרישער טעטיגקײַט האָט ער אָנגעשריבען מעהר, ווי צוואַנציג מיליאָן פֿערזען, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרען, און אַ חוץ דעם נאָך 21 בענדער (אין קוואַרטאָ) פֿון פֿערשידענעם אינהאַלט.

דער אײנציגסטער שריפֿטשטעלער פֿון דער נײַער צײַט, וועלכען מען קאָן גלײַכען מיט לאָפּע־דע־וועגאַ, בנוגע צו קאָנען שנעל אַרבײַטען, איז — וואַלטער סקאָט, וועלכער האָט, איבריגענס, אָנגעוואָרען די קרעפֿטען אַ סך פֿריהער ווי דער ערשטער. אין דער צײַט, ווען ער איז שוין געווען אויפֿ׳ן העכסטען גראַד פּאָפּולער, האָט ער געשריבען זײַנע „וואַווערליי האַוועלס“ צו 12 בענדער אַ יאָהר. „איוועגגאָ“, „מאָנאַסטיר“, „אַבאַט“ און „קעניל־

װאָרט" זענען אנגעשריבען געװאָרען אין אַ משך צײט פון װעניגער װי 12 חדשים.

אין אמת'ען האָט װאלטער סקאָט געקאַנט גיכער פ ע ר פ א ס ע ן, װי ש ר ײַ ב ע ן, װען זײַן שלאַפקײט און אָבגעשװאַכטקײט האָבען איהם שוין נישט ערלױבט מעהר צו אַרבײַטען, האָט ער זיך געװענדט צו דער הילף פון לעדלאָ און דזשאָן באַלענטײַן, װעלכע זענען געװען זײַנע סעקרעטאַרען. זײַ פלעגט זעהר אָפט אױסקומען צו בעטען איהם אָבצושטעלען זיך אױף אַ װײַלע, כדי זײַ זאָלען בעװײַזען צו פערשרײַבען זײַנע װערטער. דזשאָן באַלענטײַן פלעגט צוגרײַטען געװעהנליך אַ טױז פעדערען, אײַדער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אנטקעגען דער סאָפע, אױף װעלכער עס איז געלעגען װ. סקאָט, און האָט זיך פאַר זײַן אַרבײַט גענומען. חאָטש װ. סקאָט פלעגט זעהר אָפט זיך װאַרפען אױף דער קישען און האָט געקרעכצט פון גרױס װעהטאָג, פלעגט ער דאָך ענדיגען געװעהנליך די פראַזע, אָהן דעם עס זאָל איהם דער אָטעם פערהאַפען. װען ער פלעגט צוקומען צו אַן'אָרט אָדער אַ דיאַלאָג, װאָס איז געװען דורכגעדרונגען מיט אַ בעזונדער בעגײַסטערונג, האָט דער גײַסט זײַנער געװעלטיגט בעזיגט דעם קערפער. װ. סקאָט פלעגט דאַמאָלס זיך אױפהױבען פון בעט און איז אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער איבער דעם צימער, מאַכענדיג אַלע מאָל העכער און נידריגער די שטימע, גלײַך, װי ער װאָלט שפּיעלען אױף דער סצענע.

אָט אױף אַזאַ אופן איז בעשאַפען געװאָרען די „לאַמערמאָרער כלה".

דאָס מערקװירדיגסטע, װאָס איז געבונדען מיט דער דאָזיגער שעפּפונג, װעלכע איז דער מעהר דראַמאַטישער און טראַגישער זאַגאַר ראָמאַן פון אַלע ראָמאַנען פון װ. סקאָט, בעשטעהט אין דעם, דאָס בשעת מען האָט איהם געגעבען דעם דאָזיגען ראָמאַן נאָכדעם, װי ער איז שוין געזונד געװאָרען, האָט דער מחבר קײן אײן פאַקט אפילו זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, קײן אײן חאַראַקטער, קײן אײן געשפּרעך פון דעם גאַנצען אינהאַלט פון ראָמאַן. די פאַבולאַ אַלײן איז געלעגען בעהאַלטען בײַ איהם אין מוח נאָך פון די קינדערשע יאָהרען אָן, די בעאַרבײַטונג אָבער פון דער דראַמע, מיט אַלע איהרע װאונדערליכע אײַנצעלהײַטען, איז אױסגעפיהרט געװאָרען דורך איהם פונקט, װי אין חלום. איבריגענס, מעגליך, אַז מען בעדאַרף צוגעבען דאָס, װאָס װ. סקאָט האָט אין דער צײַט פון'ם דאָזיגען װאונדערבאַרען שעפּפונגס-פּראָצעס זיך געפונען אונטער דער װירקונג פון אָפּיום, װעל-

כען ער האט אײנגענומען נאר אין א גרויסער מאס, אויף צו פערגרינגערען א ביסעל די שרעקליכע קאנוואולסען פון מאגען, און דעריבער איז ער געווען אין אנ'אונגארמאלען נערוועזען צושטאנד און אין גרויס אויפרעגונג.

ווען וו. סקאט האט געשריבען זײן ווערק „דאס לעבען פון נאפאלעאן“, האט ער זיך געפונען אין א שרעקליך געדריקטען צושטאנד. דאס דאזיגע גרויסע ווערק, וואס האט צוגענומען בײם מחבר נישט פיעל צײט, פערהעלטענישמעסיג, האט ער ספעציעל געשריבען מיט דעם צוועק, ער זאל זיך קאנען ארומצאהלען פון די חובות. בשעת ער האט דאס דאזיגע ווערק געשריבען, איז ער פיעל צרות און לײדען אויסגעשטאנען. נײן בענדער גאנצע זענען נאר גיך אנגעשריבען געווארען אין א משך צײט פון ווײניגער א יאהר. אין דער זעלבער צײט האט וו. סקאט געארבײט אויף זײן „וואודסטאק“, וועלכער איז געווען פאר איהם א מין ארט אויף אבצורוהען זיך דארטען פון דער מעהר שווערער און טרוקענער ארבײט, וואס ער האט געארבײט.

וו. סקאט האט אנגעשריבען ארום און ארום פיער=און=זיבעציג בענדער ראמאנען, אײן=און=צוואנציג בענדער פון לידער און ארום דרײסיג בענדער היסטארישע און ביאגראפישע ווערק, א חוץ נאר א בעדײטענדער צאהל ארטיקלען פאר פערשידענע זשורנאלען. הונדערט מיט פיער בענדער זענען אנגעשריבען געווארען צווישען די יאהרען 1814 און 1831, אין די סאמע פרוכטבארסטע יאהרען פון זײן לעבען, דורכשניטליך מאכט עס אויס זעקס בענדער א יאהר. שוין די מעכאנישע ארבײט אלײן פון אזא שריפטליכער ארבײט איז זעהר גרויס. מען בעדארף נאך אויך דאס צוגעבען, אז וו. סקאט האט זיך נישט בעגנוגענט נאר מיט דער טעטיגקײט פון א שריפטשטעלער. ער איז גלײכצײטיג אויך געווען שעריף פון זײן פירשטענטום, געדיענט אין ארטיגען געריכט, געווען אנ'אנטײלנעהמער אין א טיפאגראפיע און פערלאג=אונטערנעהמונג, ער האט אויך געפיהרט גאר א גרויסע קארעספאנדענץ מיט זײנע פיעל פרײנד, וואס ער האט געהאט אין די פערשידענע טײלען פון דער וועלט און, אלס בעזיצער פון א שלאס און א גוט, האט ער זיך אויסגעצײכענט מיט דער גאר גרעסטער גאסטפרײנדליכקײט. אין איהם האט זיך פעראײניגט העלדענמוט, ארבײטס=פעהיגקײט און הויכער טאלענט מיט דער אמת'ער עדעלקײט פון אנ'אמת'ען דזשענטעלמען.

עס איז אבער גאר קײן ספק נישט, אז אין גײסטיגער ארבײט בע=

דארף מען מעהר שעצען דעם איכות, ווי דעם כמות. איינינע שריפטשטעלער האבען פיעל מיה אבגעגעבען אויף אזוינע ווערק, וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען צום סוף נישט אלס גאר זעהר גרויסע אין כמות. אט אזוי, למשל, האט די אנאלאגיע פון בעטלער'ען צוגענומען ביי איהם גאנצע צוואנציג יאהר און בעשטעהט פון גאר א קליינעם באנד. ער האט געשריבען און איבערגעשריבען זעהר פיעל מאל פערשידענע טיילען פון דעם דאזיגען ווערק און האט בעארבייט יעדע פראזע און יעדעסווארט, ביז דער געדאנק זיינער האט נישט בעקומען זיין ריכטיגען אויסדריק.

מאנטעסקיע האט בעדארפט האבען גאנצע פינף־און־צוואנציג יאהר דערויף, ער זאל אנשרייבען זיין בוך „דער גייסט פון די געזעצען“, א בוך, וואס מען קאן דורכלעזען אין א משך פון עטליכע שעה. די הכנות צום דאזיגען בוך, האבען איהם, ווי דער מחבר האט זיך אויסגעדריקט פאר איינעם פון זיינע פריינד, ווייס געמאכט די האהר. דאס ווערק פון גערוויי'ען „וועגען דער בעוועגונג פון הארץ און בלוט“, אין וועלכען ער האט ערקלערט דעם פראצעס, ווי אזוי דאס בלוט פליסט ביים מענשען, האט איהם געקאסט זעקס־און־צוואנציג יאהר ארבייט. דער נאטורפארשער סוואממערדאלי האט אכט יאהר גאנצע געארבייט אויף זיין „אנאטאמיע פון געוועהנליכע פליעגען“, וואס איז געוועזען דאס לעצטע פון זיינע ווערק. אריאסטא האט גאנצע צעהן יאהר פערבראכט אויף זיין „ארלאנדא פוריאס“ און די ערשטע אויסגאבע געדרוקט נאר אין הונדערט עקזעמפליארען, וועלכע זיינען פערקויפט געווארען א בוך־הענדלער צו פערציג קאפיקעס אנ'עקזעמפליאר.

---

## 5.

די בעריהמטעסטע שריפטשטעלער שרייבען זעהר שנעל און מיט התלהבות, פון וועלכער די געוועהנליכע ליטעראַרישע ארבייטער ווייסען נישט. אלפיערי דערצעהלט, אז ער האט געשריבען דעם ערשטען אקט פון „אלדעבטא“ אין א מצב פון זעלבסט־פערגעסונג און מיט טרעהרען אין די אויגען. אין ווירקליך, די גרויסע שעפפונגען פון די גאונים ווערען זעהר

זעלטען געשאפען לאנגזאם. דאן, ווען דער פאעט שטעלט זיך אב אויף א ווײלע דערויף, ער זאל א ביסעל ארומגלעטען און בעארבײטען דעם געדאנק, פליהט אוועק דער גאנצער „ארמאט פון דעם שעפפונגס־פראצעס“. דער אנפאל פון רוח־הקודש געהט פאריבער און די פערבינדונג, וואס צווישען די געדאנקען פערשווינדען.

שעקספיר, פעטרארקא, דאנטע, וו. סקאט, געטע, שעלי האבען אלע זעהר שנעל געארבײט, חאטש פעטרארקא פלעגט ליעב האבען צו בעארבײטען נאכדעם זײנע ליעדער. געטע האט נישט געלאזט, עס זאל אפילו בײ איהם קײן איין געדאנק נישט פערשוואונדען ווערען, באלד ווי עס האט איהם א וועלכער ס'איז געדאנק א בליץ געטהון אין מוח, האט ער איהם באלד אויפ'ן פאפיער ארויפגענומען. ווען עס איז בײ איהם אײנמאל געווען צו־גאסט א געקרוינטע פערזענליכקײט, איז געטע פלוצלינג פערשוואונדען געווארען אין מיטען פון זעהר אנ'אינטערעסאנטען געשפרעך און איז ארײנגעגאנגען אין אנ'אנדער צימער, כדי צו פערשרײבען דעם געדאנק, וועלכער האט איהם אט ערשט אין מוח א בליץ געטהון, פאר זײן „פויסט“. פאפע האט קײנמאל קײן שום געדאנק נישט דורכגעלאזט, ווען דער געדאנק איז צו איהם אפילו בײנאכט געקומען; ער פלעגט אויפשטעהן, אנצינדען א ליכט און פערנאטירען דעם געדאנק.

מען מוז אבער דא בעמערקען, אז עס טויג לחלוטין נישט צו פרובען מאכען פאקוסען, ווי אט יענער פאעט, וועגען וועלכען עס דערצעהלט האראציוס, אז ער האט פערפאסט צוויי הונדערט שירים שטעהענדיג אויף איין פוס. עס איז גאר לחלוטין איבריג צוצוגעבען, אז קײן איין ליעדעל אפילו פון די דאזיגע אלע „אײנפיסיגע“ ליעדלעך האט נישט איבערגעלעבט דעם מחבר. ווארום גרינג ארויסברענגען אויף דער וועלט זאכען, וועלכע האבען א געוויסען ווערטה, קאן מעגליך זײן נאר דאמאלס, ווען מען מאכט פריהער די גוטיגע הכנות און מען שטודירט אוים דעם ענין, ווי עס געהער צו זײן. חאטש דער פראצעס פון שאפען זעהט אוים, ווי פלוצלינג און מאמענטאל, דאס איז אבער דאך א רעזולטאט פון פריהערדיגע ארבײט.

ווען אײנער א רײכער מאן האט געבעטען ווערנע'ן, א קלײנעם אלבאם־צײכנונג מיט א בלײשטיפט, האט ווערנע געמאכט די צײכנונג און געהײסען זיך בעצאהלען דערפאר 1000 פראנק. „איהר האט דאך אבער אויסגעבראכט

דערויף נישט מעהר, ווי פֿינף מינוט צייט", האט דער רייכער מאן בעמערקט.—„יא, האט געענטפֿערט ווערנע, איך האב דרייסיג יאהר בעדארפֿט האבען דערויף, איך זאל זיך אויסלערנען מאכען אזא צייכנונג אין א משך פֿון פֿינף מינוט".

עראזם האט אנגעשריבען זיין „לויב־געזאנג דער נארישקייט" אין זיבען טעג. זי האט אבער ענטהאלטען אין זיך די רעזולטאטען פֿון זיין נייסטיגער ארבייט אין א משך פֿון א גאנץ לעבען.

סמאלעט האט קאנקורירט מיט יומ'ען, ווען ער האט געשריבען זיין „געשיכטע פֿון ענגלאנד". אין 14 חדשים האט ער אנגעשריבען 4 בענדער אין פֿארמאט פֿון קווארטא. איינס פֿון זיינע בעסטע ווערק „דאס לעבען פֿון סאוועגדזשע" איז אנגעשריבען געווארען, לויט זיינע רעד, אין א משך פֿון זעקס־און־דרייסיג שעה, און זיין „הבל הבלים פֿון די מענשליכע פֿערלאנגען", וועלכער ענטהאלט אין זיך צוועלף זייטען מיט לידער, איז אנגעשריבען געווארען אין איין טאג. „ראסעלאס" איז אנגעשריבען געווארען אין די אווענדען פֿון איין וואך צייט, מיט דעם צוועק צו דעקען די הוצאות אויף דער קבורה פֿון זיין מוטער. באלד, ווי ער האט דאס דאזיגע ווערק געענדיגט, האט ער עס גלייך אוועקגעשיקט אין דרוק. דיומא—דער פֿאטער, איז געווען איינער פֿון די גאר שנעלסטע ארבייטענדע שריפֿטשטעלער פֿון אונזער צייט. ער האט אנגעשריבען די ערשטע פֿיער טיילען פֿון „מאנטע־קריסטא" אין א משך פֿון זעכצעהן טעג, אין א קליין שטיבעלע פֿון א פֿישער אין טרוויל, ביי דעם איינעגעם טיש, ביי וועלכען עס איז געזעסען זיין מיטארבייטער מאניע; דערביי בעדארף מען בעמערקען, אז דאס דאזיגע ווערק איז געווען דאס פאפולערסטע צווישען אלע זיינע ווערק.

די גרויסע קאמפאזיטארען ארבייטען אויך על־פי־רוב אונערמידעט. דער עלטערער סקארלאטי האט אנגעשריבען נישט ווייניגער, ווי צוויי הונדערט מעסעס, הונדערט אפערעס און דריי טויזענד קליינע זאכען. הײדען האט אנגעשריבען א חוץ די זעקס ארטאריעס, פֿון וועלכע עס זענען צוויי געווען „בריאת העולם" און „די צייטען פֿון יאהר", נאך הונדערט זעקס סימפאניעס, צוויי הונדערט קאנצערטען, דריי־און־אכציג פֿיערעל־קווארטעטען, זעכציג פֿארטאפיאן־סאנאטען, פֿופֿצעהן מעסעס, פֿיערצעהן אפערעס, צוויי־און־זעכציג קאנטאנטען, און א חוץ דעם נאך „טע דעאום" און „סטאבאט מאטער", דערצו בעדארף מען נאך צוגעבען, אז איינינע פֿון

זיינע בעסטע ווערק זענען אנגעשריבען געווארען נאר בעזונדערס שנעל.

רענדעל האט געארבייט שטענדיג און זעהר שנעל, אויך דאמאלס זאנאר, ווען זיינע קרעפטען זענען שוין געווען אבגעשוואכט דורך דעם פאראליטש. ווען עס פלעגט איהם אנקומען דאס שרייבען, פלעגט ער ארבייטען מיט אונגעוועהנליכער התלהבות. „משיח" איז פערפאסט געווארען אין א משך פון דריי-און-צוואנציג טעג, „די אידען אין מצרים"—אין זיבען-און-צוואנציג טעג. אין איין יאהר האט ער אנגעשריבען „שאול", „די אידען", „די אדא פון דראפדען", „יופיטער אין ארגאס" און צוועלף גרויסע סאנאטען. די דאזיגע אלע זאכען רעכענען זיך פאר ערשטקלאסיגע ווערק.

מאצארט האט געארבייט נאך שנעלער. זיין „פיגארא'ס חתונה" איז אנגעשריבען געווארען אין איין חודש, דערביי האט געפאדערט דער גרויסער פינאל פונ'ם צווייטען אקט מעהר נישט, ווי צוויי נעכט און איין טאג, אין משך פון וועלכע דער קאמפאזיטאר האט געארבייט אהן אנ'אויפהער. „דאן דזשואן" איז אנגעשריבען געווארען אין זעקס וואכען. ערב דער פארשטעלונג האט ער נאך נישט געהאט אנגעהויבען די אובערטורא. ער איז צוגעטראטען צו איהר ארום האלבער נאכט און אויף אין דערפריה איז זי שוין געווען פארטיג. די נאטען זענען אבגעגעבען געווארען, מען זאל זיי איבערשרייבען. די ארבייט איז אבער געווען זעהר א שווערע און א לאנגדויערנדע, אזוי, אז דאס פובליקום האט געמוזט אין אווענד, ווען די פארשטעלונג האט זיך אנגעהויבען, ווארטען גאנצע דריי-פיערטעל שעה אויף דער אובערטורא. ענדליך האט מען אויף גיך צעטיילט די נאטען צווישען דעם ארקעסטער, בעשיטענדיג זיי פריהער מיט זאמד, און עס האט זיך אנגעהויבען די פארשטעלונג, וועלכע איז פארביי-געגאנגען גאר מיט גרוים ערפאלג. דער „פערצויבערטער פלייט" איז אויך זעהר שנעל אנגעשריבען געווארען, חאטש מאצארט'ס געזונד האט שוין אנגעהויבען ווערען אבגעשוואכט צוליעב זיין אוננארמאלען ארט לעבען און צופיעל ארבייטען. ער האט געארבייט אויף דער דאזיגער אפערא ביי טאג און ביי נאכט און האט זי געענדיגט אין עטליכע וואכען.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז די גאר מייסטערהאפטע ווערק פון מאצארט'ען זענען אנגעשריבען געווארען אין מאמענטען, ווען ער האט שרעקליכע ליידען איבערגעלעבט, צוליעב דעם, וואס מען האט איהם זעהר אפט זיין ווירטשאפט איבערגעשריבען פאר די חובות, וואס מען האט ביי

אויהם געמאנט; א חוץ דעם, האט ער נאך געהאט שטענדיג גאר א סך אנ־דערע קליינע דאגות און אונאנגענעהמליכקייטען. הענדעל האט געשריבען זיינע גרויסע ווערק אין דער צייט פון זיינע שרעקליכע אנפאלען פון שגעון און שלאפקייטען, ווארום ער פלעגט קאנען אויפגערעגט ווערען זעהר גיך פון יעדער זאך און האט פערמאגט זעהר נישט קיין פעסט געזונד. די גרא־ציעזסטע ווערק פון וועבער'ן זענען פערטראכט און בעשאפען געווארען ביי דעם, וואס עס האבען אויהם שטענדיג בעאונרוהיגט שטענדיגע קליינע דאגות, און די מעכטיגע אידעען פון אבעראן האבען זיך פונקט, ווי די „לאמערמערער כלה“ פון וו. סקאט, בעוויזען אויף דער וועלט דאמאלס, ווען דער מחבר איז געווען אבגעשוואכט געווארען פון די צרות און ליידען, וואס איז אויהם אויסגעקומען צו ליידען. זיין גייסט האט שטענדיג זיך מתגבר געווען אויף זיין קערפער און פלעגט זיך געגענשטעלען געגען די אלע צרות און יסורים, וועלכע זענען אויהם אונאויפהערליך בעפאלען.

---

איבריגענס, אזוינע ווערק ווערען פערטראכט און בעשאפען אין אזא פאלשטענדיגער פערפאלקאמענהייט נישט נאר מיט דער הילף פון אט יענע פריהערדיגע הכנות, וועגען וועלכע מיר האבען פריהער געשריבען, ווען עס ווערען אפילו אוועקגעלעגט אויף זיי גאר זעהר גרויסע אנגעשטרענגטע כחות, נאר דורך דער ווירקונג פון דעם, וואס מיר רופען אן גאונות. דאס דאזיגע ווארט לאזט זיך זעהר שווער צו בעשטימען. מעגליך, אז דאס דאזיגע גאונות בעשטעהט אין דעם, וואס די קראפט פון דעם טאלענט איז ענטוויקעלט ביז דעם גאר העכסטען גראד.. א גאון אבער איז נאך עטוואס מעהר דערפון. דער גאון בלאזט ארײן א גייסט פון לעבען אין דעם, וואס לעבט נישט.

לייט ווי האזלעט זאגט, איז דער ערשטער אימפולס פונ'ם גאון צו בעשאפען דאס, וואס האט נאך קיינמאל נישט עקזיסטירט ביז דאן. רעסקא רופט עס אן: „דאס פעהיג זיין אריינצודרינגען אין דעם שורש און דער טיעפעניש פון דער זאך“. מיל זאגט, אז דאס איז „א מתנה פון דער נאטור צו קאנען זעהן דעם אמת מעהר טיעפער, ווי דאס איז מעגליך פאר דער וועלט“. דזשאן פאסטער בעשטיימט דעם דאזיגען בעגריעף אלס „פעהיגקייט צו קאנען ברענגען מיט דעם אייגענעם פייער“. פלייניאנס בעשטיימט דעם בעגריעף אלס „העכסטער גראד פון ענטוויקלונג פונ'ם מוח“.

## '6

דער גאון געהט אָבער נאָך ווייטער. דאָס איז—אינטענסיווע ענערגיע; דאָס איז—עטוואָס בעשטימטעס, איינציגעס, וואָס מען רופט אין דער מעניש „אליין“. דער גאון איז העכער פון פערשטאנד: דאָס איז א בעגייסטערטער אינסטינקט.

דער בעוואוסטער ענגלישער פיזיאלאָג, דאָקטאָר דזשאָן פלעטשער, שרייבט: וואָס מעהר עס ארבייט דער מעניש, שטרעבענדיג צו דער פערפאָלקאָמענהייט פון זיינע ווערק, אונטער דער ווירקונג פון דעם אינסטינקט, אלץ העכער איז דער גאון אין איהם. וואָס ער ווירקט אָבער מעהר אונטער דער ווירקונג פונ'ם פערשטאנד און שכל, איז אלץ העכער אין איהם דער טאלענט... דאָס בעוואוסטזיין פון דעם, וואָס עס עקזיסטירען אין אונז פעהיגקייטען, וועלכע שטעהען העכער פון די, איבער וועלכע מיר קאָנען רעגירען, האט געצוואונגען די פאָעטען פון די פערשיעדענסטע עפּאָכעס ווענדען זיך צו אפּאָלאָנ'ען און צו די מוזעס, זיי זאָלען משפיע זיין אויף זיי רוח־הקודש. מיט אנדערע ווערטער—ווענדען זיך צום אינסטינקט אָדער ליידענשאפט, וועלכע בעדארפען שטעהן העכער פון פערשטאנד. עס איז אויך קיין ספק נישט, אז אזא אינסטינקטיווע פעהיגקייט האט רעגירט מיט דעם מוח און בעוועגט מיט איהר מעכטיגער האנד מיקעל אנדזשעלא'ן און ראפאעל'ען, און האט ארויסגערופען נישט נאָר פאָרשטעלונגען, נאָר אויך פיזישע בעוועגונגען, וועלכע האָבען געמאכט מעגליך, אז עס זאָלען זיך בעווייזען אזוינע ווערק, וואָס די מענשען הערען נארנישט אויף צו בעוואונדערען זיי איין יאָהרהונדערט נאָך דעם אנדערען.

עס זענען ווירקליך פאַרהאַן געבוירענע מיליטער־לייט, מוזיקאנטען, קינסטלער און פאָעטען. „מען קאָן נישט ווערען קיין פאָעט, מען מוז א פאָעט געבוירען ווערען“. דער גאון הויבט זיך אָן דארטען, וואו עס ענדיגען זיך די כללים. געדולד און ארבייט זוכען דעם וועג, און דער גאון געפינט איהם. דער פערשטאנד איז זאר א פלי־זיין: [illegible] איז [illegible], א מתנה פון גאָט. דעריבער האָבען אויף איהם געקוקט די מענשען [illegible] די פארצייטיגע צייטען, ווי אויף עטוואָס אוננאטירליכעס און געטליכעס. דעם געניאלען מענשען האָט מען געהאלטען פאַר א נביא.

מיקעל אנדזשעלא האט געזעהן מיט זיין גייסטיגען אויג, אהן דער הילף פֿון א מאדעל אדער א צייכנונג, די סטאטוע, וואס ליגט בעהאלטען אין דעם שטיק מראמאר, ער האט גענומען דעם האמער אין האנד, אראפּגענומען די מאסקע און בעפֿרייט דארטען גאט צו דער ערשטוינונג פֿון אלע יאהרהונדערטען. מען דערצעהלט, אז פאגאניני פֿלעגט אין דעם מאמענט, ווען ער איז בעהערשט געווארען פֿון זיין שעפּפֿונגס־גייסט, זיך איינ־נורען אין זיין בעט, סטארענדיג זיך ארויסצוטרייבען פֿון זיין זכרון די אלע כללים און דינים, וואס מען האט געלערנט, געבענדיג פֿאלשטענדיגע פֿרייהייט זיינע געפֿיהלען, שרייענדיג דערביי: העלף מיר, גאט, פֿערגעסען, אז איך בין א מוזיקאנט.

דאמאלס, ווען מענשען ווערען ערצויגען צו א בעשטימטען לעבענס־וועג, ווערען זיי אויף אזויפֿיעל צוזאמענגעבונדען מיט דעם דאזיגען לעבענס־וועג, אז עס איז זיי שווער זיך צו שיידען מיט איהם נאכדעם. זייער מוח און געוואהנהייטען נעהמען אן א געוויסע פֿארם, זייער מזל ענטוויקעלט זיך אין א געוויסער ריכטונג און זיי זענען גענויטיגט אונטערצוגעבען זיך די אומשטענדען, דורך וועלכע זיי ווערען געבונדען. דער אבער, וואס איז בעשענקט מיט גאונות, ווערט נישט אונטערגעווארפֿען אונטער אזוינע צווינגענדע מיטלען. גאונות צערייסט די קעטען, וואס די אומשטענדען שמידען אויס פֿאר איהר, זי רייסט זיך דורך דורך אלערליי פֿערשידענע שוויריגקייטען. אט אזוי זעהען מיר, אז האנס זאקס האט זיך, סוף־כל־סוף, ארויסגעריסען פֿון זיין שוסטעריי, דזשאן סטא—פֿון שניידעריי, אסקרייט—פֿון פאבריקמאכעריי, קלאד לארען און פֿיעל אנדערע האבען זיך אלע ארויסגעריסען פֿון די נידריגע פראפֿעסיעס, מיט וועלכע זיי האבען זיך בעשעפֿטיגט פֿון דער יוגענד אן, און זענען געווארען גרויס און בעריהמט אויף דער גאנצער וועלט.

ראבלע איז פֿריהער געוועזען א דאקטאר, און לאק—א חירורג, דאך איז דער ערשטער געווארען א גרויסער סאטיריקער, און דער צווייטער—א גרויסער פֿילאזאף. גאלוואני איז געוועזען א דאקטאר מיט א גרויסער פּראקטיק דאמאלס, ווען ער האט געמאכט די ערפֿינדונג, וואס איז פֿערבונדען מיט זיין נאמען. שילער און סמאלעט זענען געוועזען מיליטער־דאקטוירים. דער רייזענדער מונקא פּארק, דער פּאעט קראב, דער ראמאניסט גאלדסמיט, דער איטאליענישער מלוכה־טהוער פּארסיני, דער ענגלישער ארכיטעקטאר ריק־

מען, סער טאמאס ברוין, סער ריטשארד בלעקמאר אלקאט, אקסיסייד און קיטס—זיי אלע האבען געהערט צו דער דאזיגער פראפעסיע. הערדען האט גלייכצייטיג דערמיט, וואס ער האט זיינע גראוויורען געמאכט, געהאט אויך גאר א גרויסע פראקטיק אין לאנדאן, און ס. בעוו, האט געוויזען נישט וועניגער בריה'שאפט אין אנאטאמיע, וויפיעל נאכדעם אין קריטישען אנאליז.

---

איינער פון די גרעסטע ענגלישע פיזיאלאגען האט אמאל געזאגט, אז קיין שום מענש פון די, וואס האבען געוואלט דערגרייכען גרויסקייט, האט עס דערגרייכט. און, ווירקליך, מענשען, וואס זענען מיט דער גרעסטער גאונות בעשענקט געווארען, האבען גאר אליין נישט געוואוסט דערפון. ווי עס ווייזט אויס, איז אויך געווען פון די שעקספיר, וועלכער איז צופריעדען געווען ארויסצוטרעטען אין איינער פון די אמווייניגסטע וויכטיגע ראלען פון בען דזשאנסאנ'ס טראגעדיע, און איבערלייענען די שווערע ווייסע ריפמען פון זיין פריינד. פאפע זאגט וועגען שעקספיר'ען, אז ער האט ערווארבען אונשטערבליכקייט, נישט קוקענדיג דערויף, וואס ער אליין האט אמעהרסטען געשטערט דערויף.

בעזונדערס איז אין דעם ערשטען לעבענס-פעריאד, ווייסט דער גאון נישט פון זיין גאונות, פונקט ווי עס ווייסען נישט דערפון אנדערע. דאס גאונות ווייזט זיך ארויס דורך אפטע פרובען פערשיעדענע, און אמאל אויך דורך אפטע פערשיעדענע דורכפאלען.

חאטש דער גאון ווערט אמאל געבוירען מיט זיינע אייגענע געזעצען, דערגרייכט ער דאך אפט זיין ציעל דורך דער הילף פון פיעל אנגעשטרענגטער ארבייט, וועלכע איז זיך גובר איבער אלע שטערונגען. שוין די פעהיגקייט אליין צו בעשטימטער און אנגעשטרענגטער ארבייט איז פון דעם גאונ'ס אייגענשאפטען.

מיר האבען שוין אנגעוויזען, אז דער גרעסטער אונטערשיעד צווישען מענשען בעשטעהט נישט אזוי אין זייערע זעלבסטשטענדיגע געבוירענע פעהיגקייטען, ווי אין זייער פעהיגקייט צו ארבייטען פיעל און אינטענסיוו. עס מוז אבער אונבעדינגט אויך זיין א פונק פון שעפפערישער פעהיגקייט: אנדערש קאן די ארבייט אן און פאר זיך נישט ברענגען קיין אנגעזעהענע

רעזולטאטען. די געניאלע מענשען זענען נישט נאר ארבייטספעהיג און איינגעשפארט אין זייער ארבייט: זיי זענען א חוץ דעם אויך ענטוזיאסטען. אויף דעם געביעט פון ערפינדונגען און ענטדעקונגען קאן מען קיין שום זאך נישט דערגרייכען אהן ענטוזיאזם. דער געניאלער מענש געהט געוועהנליך אויף זעהר פיעל אוועק ווייטער פון זיין דור. נישט נאר זיין דור אנערקענט איהם נישט, ער לאכט איהם נאך אויך זעהר אפט אויס און פערפאלגט איהם.

מען קאן דאך נישט זאגען, אז דער גאון זאל שטענדיג אזוי וועניג אנערקענען זיך אליין, ווי מיר זעהען עס ביי שעקספיר'ן און נאטאנ'ען. איינינגע געניאלע מענשען האבען געוואוסט, ווי זיך צו שעצען און האבען אנגעוויזען אויף זייער גאונות, איידער זי איז אנערקענט געווארען פון דער וועלט.

„ווען איך וועל שטארבען, האט געזאגט דער גרויסער פיזיאלאג דזשאן גענטער, וועט איהר נישט אזוי גיך בעגעגענען אנ'אנדערען דזשאן גענטער“. דאנטע האט געפאדערט פאר זיך דעם ערשטען פלאץ צווישען די פאעטען און האט פאראויסגעזאגט זיין רוהם. קעפלער האט געגלויבט, אז זיין לאנד וועט בעריהמט ווערען דורך איהם, און אז זיינע ענטדעקונגען וועלען בעשטעטיגט ווערען אין די קומענדע דורות. וועגען איינס פון זיינע ביכער פלעגט ער זאגען: „צי עס וועלען לעזען דאס בוך די מענשען פון דעם יעצטיגען דור אדער די מענשען פון די קומענדע דורות—דאס האט נישט קיין בעדייטונג. דאס בוך קאן נאך א יאהרהונדערט ווארטען אויף זיין לעזער, אויך גאט האט גאנצע זעקס טויזענד יאהר נישט ארויסגעשיקט אויף דער ערד אזא בעאבאכטער ווי איך“. איין מאל האט וואלטער אויסגעשריען אין דער געזעלשאפט פון קאט'ען און פון וואנדאמ'ען: „מיר אלע זענען—קעניגען, פרינצען אדער פאעטען“. מיראבא האט געהאט א שוואכקייט, אז וואו ערגעץ א גאון, האט ער גערעדט וועגען איהם, ווי וועגען זיינעם א קרוב. דערמאנענדיג דעם גענעראל קאליניע, פלעגט ער שטענדיג צוגעבען: „און וועלכער (אין קלאמערען) איז געוועזען מיין קרוב“.

געטע האט זיך גאנץ אפענהערציג מודה געווען, אז ער האט נאך קיינמאל קיין שום שבח נישט געהערט, וועלכען ער זאל זיך פריהער אליין נישט געבען.

אין א געוויסען זין זענען די גרויסע מענשען א פראדוקט פון זייער

צייט. זיי פֿארמירען זיך ענטשפּרעכענד יענער צייט, און וועלכער זיי לעבען. ווירקענדיג פֿון זייער זייט אויף זייער דור, שטעהען זיי אליין אויך אונטער דער ווירקונג פֿון זייער דור. זייער פֿאמיליען־אומגעבונג, זייער ערציהונג און בילדונג, די פּאליטישע און רעליגיעזע אנשויאונגען פֿון זייער עפּאכע האָבען א גרויסע ווירקונג אויף זייער נאטור, גיבען א געוויסע ריכטונג זייער כאראקטער און רופֿען ארויס צום לעבען זייערע בעסטע פֿעהיגקייטען. דעריבער בעווייזען זיך די גרויסע מענשען זעהר אָפֿט, אונטער דער ווירקונג פֿון געוויסע סבות, צו גאנצע גרופּען מיט אמאל.

אין איטאליען האָט זיך בעוויזען א גאנצע גרופּע פֿון גרויסע קינסטלער אין איין צייט, כמעט — לעאָנארדאָ־דע־ווינטשע, מיקעל אנדזשעלאָ, פּערוּדזשינאָ, ראפֿאעל, סעבאסטיאן־דע־דעל פּיאמבאָ, טיציאן, קארעדזשיאָ, לואיני און נאָך אנדערע.

שפּעטער האָבען מיט אמאל, כמעט, אנגעהויבען אויך אין דייטשלאנד צו לייכטען א גאנצע מענגע שטערען פֿון פּאָעטען און קריטיקער — קלאָפּשטאָק, געטע, לעסינג, ווילאנד, שילער, שלעגעל, ריכטער, הערדער, און די ברידער הומבאָלדט.

און אויך אין שאָטלאנד האָט א געוויסע צייט עקזיסטירט א אנגעזעהענע גרופּע פֿון טאלענטען, און וועלכער עס האָבען זיך געפֿונען א חוץ דזשעמס וועט: אדאם סמיט, דזשאָזעף בלעק, ראָבינסאָן, יום, פּרעזער־טייטלער און דיוגאָלד סטוארט. על פּי רוב זענען זיי גאר אינגאנצען נישט געווען קיין ערפֿינדער לויט פּראָפֿעסיע. זיי זענען זאָגאר קיין אינזשעניערען נישט געוועזען. וואַט האָט געארבייט מאטעמאטישע אינסטרומענטען, ארקרייט איז געווען א ראזירער. קארטרייט איז, ווי מיר האָבען שוין פֿריהער געזאָגט, געווען א גלח. בעל, וועלכער האָט צולעצט ערפֿונדען א מאשין אויף שניידען תבואות, איז אויך געווען א גלח. אואיטסטאָן, וועלכער האָט ערפֿונדען דעם עלעקטרישען טעלעגראף, האָט געארבייט מוזיקאלישע אינסטרומענטען. די דאָזיגע אלע גרויסע לייט האָבען צופֿעליג ענטדעקט זייער בערוף און האָבען זיך מתגבר געווען אויף אלע שוועריגקייטען און שטערונגען, וואָס איז זיי געשטאנען אויפֿ'ן וועג.

# דריטעס קאפּיטעל.

## 1.

די וועלט האט מעהר יונג אויסזעהען, ווי א אלט אויסזעהען. די קליינע אינגלעך, די קליינע מעדלעך, די יונגע לייט, די יונגע פֿרויען — בילדען מיט זיך דעם בעדייטענדסטען טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. דעריבער פֿערנעהמט אזא וויכטיגען פּלאץ די ערציהונג. די יוגענד איז די צייט פֿון וואקסען און ענטוויקלען זיך, פֿון טהעטיגקייט, פֿון דמיון, חלום און איניציאטיווע. די גוטע זאמען, וואס מען פֿערזייהט אין דער יוגענד וואקסען אויס אין גוטע ווערטער און מעשים, און ווען זיי שטעהען זיך שוין גאר אינגאנצען אויס, ווערען זיי אין רגילות פֿערוואנדעלט. דארטען, וואו דער מוח און דאס הארץ זענען נישט ערצויגען געווארען, ווי געהעריג אין דער יוגענד, בעדאַרף מען קוקען מיט שרעק אויף דעם דערנעהנטערען זיך פֿון מעהר עלטערע יאהרען, אויב נישט זאגאר מיט יאוש. סאאוטי זאגט: „וויפֿיעל מיר זאלען נישט לעבען, איז די ערשטע צוואנציג יאהר בילדען מיט זיך נאר דעם לענגסטען פּעריאד פֿון אונזער לעבען. אלס אזוינע זעהען זיי אויס בשעת זיי געהען נאך; אלס אזוינע שטעלען זיי זיך אונז פֿאר, בשעת מיר קוקען זיך אום צוריק, און דעריבער פֿערנעהמען זיי ביי אונז אין מוח מעהר פּלאץ ,ווי אלע קומענדע יאהרען".

יעדעם מענשליכע וועזען ענטהאלט אין זיך די גרעסטע מעגליכקייטען, פּונקט, ווי יעדער שטיק מארמאר ענטהאלט אין זיך די פֿיגור פֿון אפּאלאנ'ען, וועלכער דער סקולפּטאר קען צוגעבען די פֿערענדיגטע פֿארם. דער ערציהער איז אויך מחויב צו ענטוויקלען די ערשטע שפּראצונגען פֿון די בעסטע איינגעשאַפֿטען פֿון דער מענשליכער נאטור, פּונקט, ווי דער סקולפּטאר פֿערוואנדעלט דאס שטיקעל מארמאר אין א גראנדיעזער שענער סטאטוע.

די ערציהונג הויבט זיך אן און ענדיגט זיך אינאיינעם מיט דעם לעבען: אין דעם זין אונטערשיידעט זי זיך שוין פֿון דער ארבייט פֿונ'ם סקולפּטאר. אין דער מענשליכער ענטוויקלונג איז קיין שטעהענדער צושטאנד נישט פֿארהאן. דער קערפּער קען אין זיינע שטריכען און פֿארמען

איבערבלייבען אהן יעדער ענדערונג, דער פערשטאנד בייט זיך אבער שטענדיג. די געדאנקען, פערלאנגען און דער געשמאק בייטען זיך פון יאהר צו יאהר; דאס לעבען און די ערציהונג ענטוויקלען אדער בעדארפען ענטוויקלען איהרע בעסערע פארמען. מיר ווייסען נאך דערווייל זעהר ווענינ וועגען די אומשטענדען, וועלכע בעשטימען די ענטוויקלונג פון הארץ, און נאך ווענינער ווייסען מיר וועגען די אומשטענדען, וועלכע ווירקען אויף דאס הארץ. די אלגעמיינע שטריכען אבער פונ'ם חאראקטער ווייזען זיך ארויס זעהר פריה. דעריבער בעדארף מען זיין זעהר פארזיכטיג אין דער ערציהונג. די קאפ און דאס הארץ בעדארפען זיין נאהנט צווישען זיך, כדי די מעהר ענטוויקעלטע גייסטיגע פעהיגקייטען זאלען קענען ארבייטען צו גייסטיגע נוצען. „ווירקליך — זאגט עמערסאן — איז דאס, אז דאס לעבען פונ'ם מענשען איז א אמת'ער ראמאן, וועלכער פערשאפט דעם דמיון א סך מעהר פערגניגען, ווי די אינטערעסאנטעסטע אויסגעטראכטע מעשה“.

זעהר אינטערעסאנט איז דער אונטערשיעד בנוגע צו דער עלטער, אין וועלכער די מענשען ווייזען ארויס זייערע פעהיגקייטען צו דענקען.

„אייניגע — זאגט בעקאן — ווערען גאר צופיעל רייף, דערפאר אבער ווערען זיי אויך גאר פריה פערוועלקט, און מיר זעהען אפטמאל, ווירקליך, ווי עס ווערט אבסאלוט גאר נישט פון קינדער, וועלכע האבען אין זייער קינדערשער עלטער איבערראשט יעדען מיט זייערע ידיעות און מיט זייער פערשטאנד. א צופריהעדיגע ענטוויקלונג ווייזט זיך אפטמאל נאכדעם ארויס אלס קרענקליכע ערשיינונג. עס קומט פאר צוליעב דעם, וואס די נערווען-ארגאניזאציע געפינט זיך אין א אויפגערעגטען צושטאנד אדער דורך דער צופיעל אנשטרענגונג פונ'ם יונגען און ווייכען מוח.

דער קליינינקער הייגעקען אין לובעק האט אויסגעלערענט דעם גרעסטען טייל פון תנ"ך און „ברית חדשה“, ווען עס איז איהם דאס צווייטע יאהר געגאנגען, אויפ'ן דריטען יאהר האט ער שוין געקענט רעדען לאטיין און פראנצויזיש, אויף דעם פיערטען יאהר האט ער שוין טעאלאגיע געקענט און געוואוסט די גאנצע געשיכטע פון דער קירכע; אויף דעם 5-טען יאהר אבער איז ער צוליעב דעם, וואס ער איז געווען זעהר א שוואך קינד און זיין מוח האט זיך שטענדיג געפונען אין א אויפגערעגטען צושטאנד, שלאף געווארען און געשטארבען.

די אייגענע און די לעהרער פעגעסען אפטמאל, אז די הויפט-זאך

פֿאַר דעם קינד איז ראשית כּל — צו וואַקסען, אַז אין די גאַר יונגע יאָהרען קען מען נישט קיין שווערע משׂא אַנלעגען אויף דעם מוח, עס זאָל נישט ברענגען קיין גרוי [illegible] אָרען פֿאַר דעם פֿיזישען געזונד פֿונ'ם קינד. די מוסקולען, די לונגען, דער מאָגען, בעדאַרפֿען פֿריהער אַ לאַנגע צייט געפֿינען זיך אין אַ געזונדען צושטאַנד. מען בעדאַרף געדענקען, אַז דער מוח ווערט פֿערטיג שפּעטער פֿון אַלע איברים.

מען קען אָנווייזען אויף זעהר פֿיעל ביישפּיעלען פֿון קינדער, וועלכע האָבען זיך צופֿריה ענטוויקעלט, וואָס בליהען נאָר דערווייל, כּדי זיי זאָלען באַלד פֿערוועלקט ווערען, און מאַכען דורך זייער קליינינקען לעבענס־וועג אין איניגע קורצע יאָהרען. די אָנשטרענגונג פֿון זייער נערווען־סיסטעם שטייגט פֿיעל איבער דאָס, וואָס זייער פֿיזישע אָרגאַניזאַציע קען איבער־טראָגען, און זיי שטאַרבען אויך פּונקט אַזוי שנעל, ווי שנעל זיי הויבען אָן צו לעבען. ... די אינגלעך אַז די מעדלעך זענען ביי דער יעצטיגער צייט צופֿיעל בעשעפֿטיגט מיט לעזען, שרייבען און מיט לעקציעס צוגרייטען. דערפֿין שטאַמען די אַלע קאָפּ־שמערצען און אַלגעמיינע אָבגעשוואַכטקייט.

נישט מיט די הענד און מיט די פֿינגער בענוצט זיך די יוגענד אין אונזערע צייטען אין דער מאָס, אין וועלכער זי וואָלט זיך בעדאַרפֿט מיט זיי בענוצען. זי בענוצט זיך ווייניג אויך מיט זייערע אויגען. דעריבער וואַקסט אויס דער יונגער דור, זייענדיג אונפֿעהיג צו האַנד־אַרבייט און קערפּערליכע טוּג. ערציהונג הייסט כּלל נישט, אַז מען בעדאַרף אָנשטאָפּען דעם מוח מיט דער אָדער מיט יענער תּורה. ערציהען הייסט ענטוויקלען דעם מוח און דעם כאַראַקטער. דער מוח ענטוויקעלט זיך אַמבעסטען דאַמאָלס, ווען מען לערנ[illegible] גלייך מיט די מעדלעך, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך בענוצען מיט זייערע קרעפֿטען. דערויף איז נויטיג דעריבער די איבונג פֿון דער פֿיזישער זייט פֿון זייער וועזען. ווען מען וואָלט מעהר אויפֿמערקזאַמקייט געלעגט דערויף, וואָלט מען זיך ווייניגער בעקלאָגט אויף דעם ערמידעט ווערען פֿונ'ם קינדערשען מוח.

איבריגענס, עס זענען אויך פֿאַראַן קינדער, בעזאָנדערס צווישען אינגלעך, וואָס האָבען אַ מעהר פֿעסטערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האַלטען אויס די שעדליכע ווירקונג פֿון איבעריגער אָנשטרענגונג און אויפֿרעגונג. זיי בלייבען לעבען און פֿערווירקליכען דאָס, וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט אין דער יוגענד.

מעהר ווי אלעם ווייזען אונז דאס די גרויסע מוזיקאנטען. מיר זעהען עס אין דעם לעבען פונ'ם גרויסען הענדעל, וועלכער האט שוין פערפאסט א גאנצע רייהע פון סאנאטען, ווען ער איז אלט געווען 10 יאהר. זיין פאטער, וועלכער איז געווען א דאקטאר האט געוואלט, אז זיין זוהן זאל זיין א יוריסט און האט איהם פערבאטען צוריהרען זיך צו א מוזיקאלישען אינסטרומענט. ער האט איהם אפילו אין קיין געזעלשאפטליכע שולע נישט געוואלט שיקען, כדי מען זאל איהם דארטען קיין נאמען נישט לערנען. מען האט אבער נישט געקענט דערשטיקען דעם בעגעהר פונ'ם קליינעם הענדעל צו מוזיק. דאן איז דער סאקסען-ווייסענפעלסער הערצאג געוואהר געווארען וועגען דעם קינד'ס ליידענשאפט צו מוזיק און ער האט געבעטען פאר איהם ביי'ם פאטער, ער זאל איהם לאזען שטודירען מוזיק. צו 14 יאהר האט ער שוין געשפּילט אויף א עפענטליכען קאנצערט. אויפ'ן 16-טען יאהר האט ער איבערגערירכטעט אויף מוזיק די דראמא „אלמעריא“; אין קומענדען יאהר האט ער אנגעשריבען „פלארינדא“ און „נעראן“. געפינענדיג זיך אין פלארענץ, אויף דעם 21-טען יאהר, האט ער אנגעשריבען זיין ערשטע אפערע „ראדריגא“, און אין לאנדאן האט ער אנגעשריבען אויף דעם 26-טען יאהר זיין בעריהמטע אפערע „רינאלדא“. נאכדעם האט ער נאך געגעבען דער וועלט א גאנצע רייהע פון אפערעס און אראטאריעס, און אין יאהר 1741, אלט זייענדיג שוין 56 יאהר, האט ער בעשאפען זיין גרעסטע שעפפונג „משיח“, אין א משך פון 23 טעג.

די ביאגראפיע פון הענדעל'ן בעווייזט, ווירקליך, אז די פריהערדיגע ענטוויקלונג זיינע אלס קינד האט נישט געהאט קיין שעדליכע ווירקונג אויף זיינע שעפפונגען פון דער שפעטערדיגער עלטער, ווארום מיר זעהען דאך, אז די גרעסטע שעפפונגען זיינע האט ער בעשאפען אין דער שפעטערדיגער צייט פון זיין לעבען, צווישען די 54 און 67-ער יאהרען.

די מוזיקאלישע ענטוויקלונג פון היידענ'ען איז אויך גאר פריה פאר-געקומען. ביי 13 יאהר האט ער שוין אייגענע זאכען פערפאסט. דער העכ-סטער אויסדרוק אבער פון דעם גאון, וואס האט אין איהם געלעבט, זענען געווען זיינע לעצטע ווערק, וועלכע ער האט געשריבען דאמאלס, ווען ער איז שוין אלט געווען מעהר ווי 60 יאהר. „בריאת העולם“, וועלכע איז די

גרעסטע פון זיינע שעפּפונגען, האט ער אנגעשריבען, ווען ער איז שוין אלט געווען 65 יאהר.

סעבאסטיאן באר, האט אין אנהויב פון זיין מוזיקאלישער בילדונג געליטען פון די אייגענע שטערונגען, פון וועלכע עס האט געליטען העגדעל.

זיין עלטערער ברודער חריסטאפאר, א ארגאניסט האט איהם זעהר מקנא געווען פאר זיינע גרויסע מוזיקאלישע פעהיגקייטען, און פלעגט אויסבעהאלטען פון איהם די העפטען מיט נאטען, א וואו עס זענען געווען פערשריבען די פיעסען פון די בעסטע קאמפאזיטארען. סעבאסטיאן אבער האט דאס העפטעל געפונען, ער האט עס אריינגענומען צו זיך אין צימער און פלעגט זיצען גאנצע נעכט און איבערשרייבען עס, נישט האבענדיג קיין ליכט אפילו אין צימער. ער האט געשריבען ביי דער שיין פון דער לבנה. ענדליך איז דערפון געוואהר געווארען זיין ברודער און האט מיט אונרחמנות צוגענומען ביי איהם אי דעם ארגינאל, אי די קאפיע. קיינע שטערונגען אבער האבען נישט געקענט אבשטעלען די ענטוויקלונג פון די מוזיקאלישע גאוני'שע פעהיגקייטען, מיט וועלכע דאס קינד איז בעשענקט געווארען. ווען ער איז 18 יאהר אלט געווען איז ער שוין געווען א הויף־מוזיקאנט אין וויימער, און פון יענער צייט אן איז דער ערפאלג זיינער נאר שנעל געוואקסען. אלס ארגאניסט האט ער נאר איין קאנקורענט געהאט: דאס איז געווען העגדעל.

פון די אלע גרעסטע וואונדער, פון וועלכע עס ווייסט די מוזיקאלישע וועלט, איז דער גרעסטער מאצאט. אויף איהם האט מען, ווירקליך, געקענט זאגען, אז ער האט געשפּיעלט „כנוח עליו הרוח“.

ווען ער איז נאך אלט געווען נישט מעהר, ווי פיער יאהר, האט ער שוין מאטיווען פערפאסט, נישט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט נאך נישט געקענט שרייבען. אין 2 יאהר ארום האט ער אנגעשריבען א פארטעפּיאן־קאנצערט. ווען ער איז 12 יאהר אלט געווארען, האט ער זיין ערשטע אפּערע אנגעשריבען. די פּראפעסארען פון מוזיק פון דער גאנצער וועלט האבען מיט גרויס שרעק געקוקט אויף דעם אינגעל, וועלכער האט געמאכט די גרעסטע מוזיקאלישע אויפגאבען, וואס מען האט איהם פערגעבען, און נאכדעם האט ער אנגעהויבען ארומצושפּרינגען איבער דעם צימער, רייטענדיג אויף דעם פאטער'ס שטעקען. זייענדיג א פאלשטענדיג פערענדיגטער און פארמירטער ארטיסט, איז ער בנוגע צו אלעם איבעריגען געבליעבען א קינד. זיין אפּערע „מיטרידאט“, וועלכע ער האט אנגעשריבען, ווען איהם

איז געוועזען 14 יאהר, איז אויסגעפיהרט געווארען 20 מאל איינם נאך דעם אנדערען, און אין דריי יאהר ארום האט ער אנגעשריבען נאך א אפערע, וועלכע האט אויסגעהאלטען 26 פארשטעלונגען. נאך דער דאזיגער אפערע האט ער געשאפען א גאנצע רייהע פון אנדערע גרויסע מוזיקאלישע ווערק. „אידאמענא“ האט ער אנגעשריבען, ווען ער איז אלט געוועזען 25. „פיגארא“—30, „דאן-זשואן“—31. זיין לעצטע מוזיקאלישע שעפפונג האט ער אנגעשריבען, ווען ער איז שוין געלעגען אויפ'ן טוידטען בעט. ער איז געשטארבען אין יאהר 1792, זייענדיג אויסגעמאטערט פון נישט נארמאלער ארבייט און פון צופיעל אנשטרענגונג.

בעטהאווען האט נישט ארויסגעוויזען א צופריהעריגע ענטוויקלונג, ווי הענדעל אדער מאצארט. אייניגע מאסען האט איהם זיין פאטער, וועלכער האט געוואלט מאכען פון איהם א פענאמען, געשטויסען אויף דעם וועג פון זיין מוזיקאלישער קאריערע. דער יונגער בעטהאווען האט געשפיעלט אין קאנצערטען און האט פערפאסט 3 סאנאטען, ווען ער איז אלט געוועזען נישט מעהר, ווי 13 יאהר. די שעפפונגען אבער, א דאנק וועלכע ער איז בערוהמט געווארען, האבען זיך אנגעהויבען ביי איהם נישט פריהער, ווי ווען ער איז אלט געווארען 21 יאהר.

אויך דער גרעסטער טייל פון די איבעריגע דייטשע קאמפאזיטארען האבען גאר יונג ארויסגעוויזען סימנים פון מוזיקאלישער גאונות. ווינטער האט געשפיעלט אין ארקעסטער פונ'ם באווארישען קעניג, ווען ער איז 10 יאהר אלט געוועזען. ער האט אנגעשריבען די ערשטע אפערע „בעלעראפאן“, ווען ער איז 25 יאהר אלט געוועזען. וועבער, וועלכען מען האט געהאלטען פאר נישט קיין געראטען קינד, האט געהאט מערקווירדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען. זיין ערשטע אפערע „דאס וואלד-מעדכען“ איז אויסגעפיהרט געווארען אין וויען, אין פראג און אין פעטערבורג, ווען עס איז איהם דאס 15-טע יאהר געגאנגען. מענדעלסאן האט געפרובט צושפיעלען איידער ער האט נאך גערעדט. ער האט אנגעשריבען 3 קווארטעטען פאר פארטאפיאנא, פידעל און וויאלאנטשעל, ווען ער איז נאך קיין 12 יאהר נישט אלט געוועזען. זיין ערשטע אפערע האט ער אנגעשריבען אויף דעם 16-טען יאהר און די סאנאטא ב. — דור אויף דעם 18-טען יאהר, דעם „חלום אין א זומער-נאכט“, ווען ער איז נאך קיין 20 יאהר נישט אלט געוועזען. די „רעפאמאציאנס-סימפאניע“ האט ער אנגעשריבען, ווען ער איז אלט געוועזען נישט

מעהר, ווי 22 יאהר, און זיינע אלע איבעריגע גרויסע שעפּפונגען צווישען די דאזיגע יאהרען און צווישען דעם 38־טען יאהר, אין וועלכען ער איז געשטארבען. מעיערבער איז געוועזן דער צווייטער מוזיקאלישער פענאמען. אלט זייענדיג 9 יאהר, איז ער שוין געוועזן א אויסגעצייכענטער פיאניסט. ער האט אנגעהויבען צו שרייבען זיינע מוזיקאלישע ווערק שוין פון 10 יאהר אן, און ווען ער איז 18 יאהר אלט געווארען האט מען געשטעלט אין מינכען זיין ערשטע דראמאטישע אפּערע. ערשט אויף דעם 37־טען יאהר פון זיין לעבען האט ער אנגעשריבען זיין גרויס ווערק „ראבערט דער טייוועל“, וועלכער האט איהם בעריהמט געמאכט אויף דער גאנצער וועלט.

אין דעם „לעבען פון שילער'ן“ פון קארלייל געפינען מיר זעהר אינטערעסאנטע איינצעלהייטען וועגען דניאל שובארט, וועלכער איז געוועזן מוזיקאנט, פּאעט און אראטאר. אין זיין גאנץ לעבען האט ער געהאלטען אין ארומשפּרינגען פון איין זאך צו דער צווייטער. אט האט ער גוואלדיג אנגעשטרענגט זיך גענומען צום ארבייטען, אט האט ער זיך באלד אבגעזאגט פון יעדער מין ארבייט און איז ארומגעגאנגען פוסט און פּאס גאר א גרויסע צייט. ער האט פערמאגט מערקווירדיג אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ער איז געוועזן א אויסגעצייכענטער מוזיקאנט, א גרויסער אראטאר און זעהר א טאלענטפולער צייטונגס־רעדאקטאר. איינס נאך דעם אנדערען איז דאס אזוי ביי איהם געגאנגען: אט האט מען איהם די גרעסטע אוואציעס געמאכט אומעטום, אט איז ער געזעסען אין טורמע און אט האט ער זיך גאר געפינען אין גלות. דאס איז געוועזן עפּעס א מין בלאנדזשענדען פייער. אויף דעם 52־טען יאהר פון זיין לעבען איז ער געשטארבען, איבערלאזענדיג א פרוי מיט קינדער אהן מיטלען, כמעט.

פראנץ שובערט, דער וויענער מוזיקאלישער גאון, איז שוין כלל נישט געוועזן געראטען אין איהם, און דאך איז ער אויך געוועזן אזוי אונגליקליך, ווי יענער. נאך זייענדיג א קינד, האט ער געשפּיעלט פידעל, פארטאפּיאנא און אויף א ארגאן. זיין גאוני'שער טאלענט האט געשאפען גראציעזע מוזיקאלישע פאנטאזיעס, אין וועלכען מיר קענען זיך איבערצייגען אין די פילע מוזיקאלישע ווערק, וואס ער האט אנגעשריבען. מען רעכענט, אז ער האט אנגעשריבען מעהר, ווי 500 לידער, א חוץ אפּערעס, מעסעס, סאנאטען, סימפאניעס און קווארטעטען. ער איז געשטארבען, ווען ער איז אלט געוועזן 31 יאהר, אין גרויס ארעמקייט.

די איטאליענער קאמפאזיטארען האבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט די איינגענע גאר פריהערדיגע סימנים פון גאונות.

ספאנטיני האט אנגעשריבען זיין ערשטע אפערע, ווען ער איז אלט געווען 17 יאהר און האט געהאט גאר גרויס ערפאלג. זי האט בעריהמט געמאכט זיין נאמען איבער גאנץ איטאליען. קערוביני האט פערפאסט א מעסא, ווען ער איז אלט געווען 13 יאהר. די דאזיגע מעסא איז געווען א געוואלדיגע סענסאציע אין זיין געבורטס־שטאדט פלארענץ. פאאיזיעלא האט אנגעשריבען א קאמישע אינטערלודיא, ווען ער איז אלט געווען 14 יאהר, און ווען ער איז אלט געווען 22 יאהר, האט ער געהאט א פארשלאג אנצושרייבען א אפערע פאר דעם הויפט־טעאטר אין באלאניע. טשימאראזע האט אנגעשריבען זיין סטראמבער באראנעסא, וועלכע איז ביי איהם געווען די ערשטע מוזיקאלישע שעפפונג, ווען ער איז 19 יאהר אלט געווען. פאגאניני האט שוין געשפיעלט פידעל, ווען ער איז אלט געווען 8 יאהר, און אין דער איינגענער עלטער האט ער אנגעשריבען א סאנאטא. ראסיני'ס פאטער האט געשפיעלט אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט אין ארקעסטער פון א וואנדערענדע טרופע אקטיארען, וואו זיין פרוי איז געווען א אקטריסע און א זענגערין. זייענדיג אלט 10 יאהר, פלעגט זייער זוהן העלפען שפיעלען דעם פאטער אין ארקעסטער, און נאכדעם האט ער געזונגען אין חאר, כל־זמן עס איז ביי איהם די שטימע נישט פערפאלען געווארען. ווען ער איז 18 יאהר אלט געווען, האט ער זיין ערשטע אפערע אנגעשריבען, און מיט 3 יאהר שפעטער האט ער אנגעשריבען „טאנקרעד“, א דאנק וועלכען ער איז בעריהמט געווארען אין גאנץ אייראפא.

די פראנצויזישע קאמפאזיטארען: בוואלדיע, גרעטרי און הלוי האבען ארויסגעוויזען מערקווירדיגע פעהיגקייטען נאך גאר אין די יונגע יאהרען. בואלדיע האט אנגעשריבען זיין ערשטע איינאקטיגע אפערע, ווען ער איז אלט געווען 18 יאהר. גרעטרי'ס לידער האט מען געזונגען אומעטום, ווען ער איז נאך אפילו קיין 20 יאהר נישט אלט געווען. אין דער איינגענער עלטער האט הלוי בעקומען זיין ערשטע פרעמיע פאר זיין א מוזיקאליש ווערק.

חאטש די ענגלענדער האבען נאך ביז יעצטיגער צייט נישט ארויסגעגעבען קיין גרויסע מוזיקער, דאך האט פערסעל אנגעשריבען אייניגע פון זיינע בעסטע ווערק, ווען ער איז נאך געווען א חאריסט אלס אינגעל אין

אויסטמינסטער. קראטש האט זיך אויסגעצייכענט מיט פריהעדיגע ענטוויקלונג. ווען ער איז אלט געווען 4 יאהר האט ער שוין געשפיעלט אויף א ארגאן. אבער אין אלע זיינע מוזיקאלישע ווערק קען מען אפילו קיין איין מאטיוו נישט געפינען, וועלכען ער זאל נישט געווען איבערנעהמען ביי די פריהערדיגע קאמפאזיטארען אדער ביי די, וואס האבען אין זיין צייט געלעבט. ביידע אוועסלע'ס האבען זיך זעהר פריה ענטוויקעלט: טשארלז האט געשפיעלט, ווען ער איז שוין 3 יאהר אלט געווען, און די מוטער פלעגט בעדארפען צובינדען איהם צום בענקעל, ער זאל נישט ארונטערפאלען. באלד האט שוין פערפאסט א מוזיקאליש ווערק, ווען ער איז 9 יאהר אלט געווען.

עס איז מערקווירדיג, וואס ביישפיעלען פון פריהעדיגע מוזיקאלישע פעהיגקייטען אדער בכלל מוזיקאלישע גאונות האט זיך קיינמאל נישט ארויסגעוויזען צווישען מעדלעך. עס פלעגט זיך מאכען צווישען זיי מוזיקאלישע פענאמען, עס איז אבער געוועהנליך פון זיי גאר נישט געווארען. די פרויען האבען פון זיך קיין איין באך, מאצארט און הענדעל נישט ארויסגעגעבען, דאמאלס, ווען די צאהל פון די מעדלעך, וואס שטודירען מוזיק, איז נאר בעדייטענד גרעסער פון די אינגלעך-מוזיקאנטען, און זיי בעגעגנען בכלל ווייניגער שטערונגען אויף דעם דאזיגען געביעט.

מען בעדארף נאך אויך דאס בעמערקען, אז דאס מוזיקאלישע גאונות, ווירקט, ווי עס ווייזט אויס, צערשטערענד. שובערט איז געשטארבען אויפ'ן 31-טען יאהר, מאצארט אויף דעם 36-טען, פערטעל אויף דעם 37-טען, מענדעלסאן אויף דעם 38-טען און וועבער אויף דעם 40-טען. די דאזיגע גרויסע מוזיקאנטען זענען, ווי פערברענט געווארען פון זייער אייגען פייער. ראסיני האט אנגעשריבען זיין „ווילהעלם טעל“, ווען ער איז אלט געווען 37 יאהר און נאכדעם האט ער שוין נישט פיעל געשריבען.

אין די ביאגראפיעס פון די גרויסע מאלערס און סקולפטורען זעהען מיר אויך, אז עס האבען זיך ביי זיי גאר פריה ענטוויקעלט זייערע פעהיגקייטען. אט אזוי איז געווען מיט דעם גרעסטען פון זיי, מיט מיקעל-אנדזשעלא. פון גאר די יונגסטע יאהרען אן האט ער ארויסגעוויזען א שטארקע ליידענשאפט צו צייכענען. ווי ער האט נאר געקענט רוהרען מיט די הענד און מיט די פינגער, האט ער בעדעקט די ווענד פון הויז מיט פערשיעדענע צייכנונגען. ווען ער האט אנגעהויבען געהן אין שולע האט ער גאר ווענוג רואה ברכה געווען אין די למודים, וואס מען האט מיט איהם געלערענט.

דערפֿאַר האָט ער גאָר נישט אויפֿגעהערט צו אַרבײַטען מיט דעם בלײַשטיפֿט און פֿלעגט בעזוכען זעהר אָפֿט מאַלער׳ס, װען זײ זענען געשטאַנען און האָבען געאַרבײַט.

צו יענער צײַט האָט זיך געזעלענט די פּראָפֿעסיע פֿון אַ קינסטלער נישט פֿון די געהויבענע פּראָפֿעסיעס, און דער פֿאָטער זײַנער, װעלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ בעוואוסטער און אַ בערימטער פֿאַמיליע, האָט זיך געמטאַרעט צו װירקען אויף זײַן זוהן מיקעל פֿריהער מיט מאָראַלישע איבערצײַגונגען, און דאַן, װען דאָס האָט נישט געהאָלפֿען אויך מיט שטראָף. ער האָט גאַנץ שאַרף ערקלערט, אַז זײַן זוהן װעט זיך קײנמאָל נישט בעשעפֿטיגען מיט דער קלאָגעדיגער אַרבײַט פֿון האַקען שטײנער. דאָס אַלעס איז אָבער געװעזען אומזיסט: דאָס קינד האָט געמוזט װערען אַ קינסטלער און נישט עפּעס אַנדערש.

די זאַך האָט זיך געענדיגט דערמיט, װאָס דער פֿאָטער איז, ענדליך, בעזיעגט געװאָרען און האָט אײַנגעשטימט, ענדליך, אָבצוגעבען זײַן זוהן אַלס שילער צו גירלאַנדײַאָ׳ן און מיקעל־אַנדזשעלאָ איז געװאָרען דאָס, װאָס ער איז געװאָרען.

אין דער אײַגענער צײַט האָט געלעבט נאָך אַ צװײטער יונגלינג, בײַ װעלכען עס האָבען זיך גאָר פֿריה ענטװיקעלט זײַנע פֿעהיגקײטען. דאָס איז געװעזען ראַפֿאַעל, דער פֿאָטער, פֿון װעלכען האָט, פֿערקעהרט, מיט אַלערלײ מעגליכקײטען געמטאַרעט זיך צו ענטװיקלען די געניאַליטעט פֿון זײַן זוהן, װעלכער איז שוין צו 17 יאָהר בערימט געװאָרען. מען דערצעהלט, אַז אויהם האָבען בעגײַסטערט די גרויסע װערק פֿון מיקעל־אַנדזשעלאָ, מיט װעלכע עס איז געװעזען בעפּוצט די סיקסטינער קאַפּעלאַ אין רוים. מיט אַ רײנעם געפֿיהל מיט װעלכען נאָר אַ אמת גרויסע נשמה איז בעשענקט, האָט ער געדאַנקט גאָט, װאָס ער איז געבוירען געװאָרען אין אײן עפּאָכע מיט אַזאַ גרויסען קינסטלער, װי מיקעל־אַנדזשעלאָ.

ראַפֿאַעל האָט אָנגעשריבען די „אַטענער שול“ אויף דעם 25־טען יאָהר פֿון זײַן לעבען, און די „איבערענדערונג“ אויף דעם 37־טען יאָהר, אין דעם יאָהר, אין װעלכען ער איז געשטאָרבען. דאָס דאָזיגע בילד האָט מען געטראָגען בײַ אויהם אויף דער לויה צום קבר אין פּאַנטעאָן. חאָטש דאָס דאָזיגע בילד איז נישט פֿערענדיגט געװאָרען, רעכענט זיך עס דאָך פֿאַר אײנס פֿון די גרעסטע בילדער אין דער װעלט.

לעאָנאַרדאָ-דע-ווינטשע האָט אויך זעהר יונג אַרויסגעוויזען די סימנים פֿון זיין מערקווירדיגען טאַלענט, און דער יוגענד איז ער געוועזען אין אַ גלייכער מאָס גרויס אי אין מאַטעמאַטיק, אי אין מוזיק, אי אין צייכנונג. זייענדיג אַ שילער ביי ווערראָקיאָ, האָט ער אויסגעמאָלט אַ מלאך אין אַ בילד פֿון זיין לעהרער. דער מלאך איז אָנגעשריבען אויף אַזוי פֿיעל אויסגעצייכענט, אַז ווערראָקיאָ האָט זיך פּלוצלינג דערפֿיהלט נידעריגער פֿון זיין שילער און פֿון יענער צייט אָן האָט ער אויפֿגעהערט גלויבען אין זיין צוקונפֿט אַלס קינסטלער. ווען לעאָנאַרדאָ-דע-ווינטשע האָט דערגרייכט די מיטעלעה-ריגע עלטער האָט די גאַנצע וועלט שוין אָנערקענט זיין געניאַלען טאַלענט. ער איז געוועזען אין אַ גלייכער מאָס גרויס אי אַלס מאַטעמאַטיק, אי אַלס אַרכיטעקטאָר, אי אַלס אינזשעניער, אי אַלס מוזיקאַנט און אי אַלס מאַלער.

זייענדיג אַלט 10 יאָהר, האָט גווערטשינאָ שוין אַרויסגעוויזען גרויסען טאַלענט. טינטאָרעטאָ האָט אויף אַזוי פֿיעל בריה'ש בעהערשט בליישטיפֿט און דאָס פּענזעל, אַז זיין לעהרער טיציאַן האָט איהם אָנגעהויבען מקנא צו זיין און האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון זיין בעדיענונג. נאָר דאָס אַ האָט איהם נאָך מעהר ענערגיע צוגעגעבען, און ער האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען מיט אַ גוואַלדיגער שנעלקייט, ביז ער איז אָנערקענט געוואָרען אַלס איינער פֿון די גרעסטע און פֿרוכטבאַרסטע מאַלער פֿון איטאַליען.

וועגען קאַנאָווען דערצעהלט מען, אַז ער האָט ביי 4 יאָהר שוין זיין טאַלענט אַרויסגעוויזען, אויסקלעבענדיג אַ לייב פֿון אַ שטיק שמאַנד-פּוטער. ווען ער איז אַלט געוועזען 14 יאָהר, האָט ער שוין אָנגעהויבען אַרבייטען סטאַטועען.

קלאָד זשאָסעף ווערנע האָט שוין געצייכענט מיט טאַלענט אויף דעם 5-טען יאָהר, און איידער ער איז נאָך 20 יאָהר אַלט געוועזען זענען שוין זיינע בילדער בעריהמט געוואָרען. אואילקי האָט געקענט צייכענען נאָך איידער ער האָט געקענט שרייבען, און האָט שוין געשריבען מיט פֿאַרבען נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעלערענט צו לעזען שנעל. זיין בילד אַ „יריד אין פּיטלעסי“, וועלכעס ענטהאַלט אין זיך ביז 140 פֿיגורען, האָט ער אָנגעשריבען אויף דעם 19-טען יאָהר. דער סער עדווין לענדסיר האָט אָנגעשריבען זיינע „קעמפּפֿענדע הינד“, ווען ער איז אַלט געוועזען 16 יאָהר; דאָס בילד

האָט אַרויסגערופֿען אַלגעמיינע ערשטוינונג, און איז שוין דאַמאָלס פֿערקויפֿט געוואָרען.

גלייך מיט די מוזיקאַנטען און מיט די אַרטיסטען, האָבען אויך די פּאָעטען אין פֿיעל פֿאַלען אַרויסגעוויזען זייער גאונות, בעזאָנדערס די פּאָעטען, וואָס האָבען פֿערמאָגט אַ פֿיהלבאַרען, פֿייערדיגען און ליידענשאַפֿטליכען כאַראַקטער.

די גרויסע איטאַליענישע פּאָעטען — דאַנטע, טאַסאָ, אַלפיערי האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ צופֿריהעדיגער ענטוויקלונג. דאַנטע האָט עס אַרויסגעוויזען דערמיט, וואָס, זייענדיג אַ קינד פֿון 9 יאָהר, האָט ער זיך ליידענשאַפֿטליך איינגעליעבט אין בעאַטריטשען, וועלכע איז געווען אַ מעדעלע פֿון 8 יאָהר ; די דאָזיגע ליידענשאַפֿט איז געווען דער הויפּט־משפּיע אויף זיין לעבען און האָט געדיענט אַלס קוואַל פֿון זיינע שפּעטערדיגע שעפּפֿונגען פֿון זיין מוזע.

טאַסאָ האָט אויך פֿערמאָגט אַזאַ צאַרטען, פֿיהלבאַרען טעמפּעראַמענט, וועלכען עס פֿערמאָגט אַ גאון. ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָהר, האָט ער אָנגעשריבען זיין רינאַלדאָ און 12 ליעדער, און אויף דעם 31־טען יאָהר האָט ער פֿערענדיגט זיין גרויסע פּאָעמאַ „די בעפֿרייאונג פֿון ירושלים", וועלכע ער האָט אָנגעהויבען, ווען ער איז אַלט געווען 21 יאָהר.

מעטאַסטאַזיאָ האָט, זייענדיג אַ קינד פֿון 10 יאָהר, אימפּראָווי־זירט אויף די גאַסען פֿון רוים, און גאַלדאָני האָט, זייענדיג אַלט 8 יאָהר אָנגעצייכענט דעם אַבריס פֿון זיין ערשטער פּיעסע. ער פֿלעגט אָפֿט לויפֿען צו דער טרופּע פֿון די וואַנדערענדע אַקטיאָרען. זיינע אייגענע פֿלעגען איהם אָפֿטמאָל אַרויסשלעפּען פֿון דאָרטען און צווינגען צו שטודירען יוריספּרודענץ, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָכדעם בעשעפֿטיגט מיט גרויס ערפֿאָלג. זיין ליעבשאַפֿט אָבער צו דער סצענע איז געווען צו שטאַרק ביי איהם, און, ענדליך, האָט ער זיך געווידמעט צו דראַמאַטישע טהעטיגקייט, וועלכע ער האָט אָוועקגעגעבען דעם גרעסטען טייל פֿון זיין לעבען.

איינער פֿון די גאָר אונגעוועהנליכסטע יונגע לייט פֿון זיין צייט איז געווען אַלפיערי, וועלכען מען האָט גערופֿען דער איטאַליענישער באַראָן. פּונקט, ווי פֿיעל אַנדערע פּאָעטען, וועלכע האָבען זיך גאָר פֿריה ענטוויקעלט, איז ער אויך געווען אין זיין קינדהייט זעהר אַ שוואַכער און איז געווען שטענדיג פֿערטראַכט און פֿערטרוימט. זייענדיג אַלט מעהר נישט, ווי 8

יאָהר, האָט ער זיך געפּרובט סמ'ן בשעת א אַנפאַל פון מעלאַנכאָליע. ער האָט זיך אַנגעגעסען מיט גראָזען, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר גיפטיגע, ער איז אַבער דערפון נאָר פערשלאָפט געוואָרען. דערזעהענדיג צום ערשטען מאָל דעם ים אין גענוא, ווען ער איז אלט געוועזען 16 יאָהר, איז ער אריין אין גוואַלדיגע התפעלות; קוקענדיג אויף איהם, האָט ער געפיהלט עפּעס א אונ־ענדליכע טרויעריגקייט און ער האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט, אז ער איז א פּאָעט. נישט קוקענדיג אויף זיין רייכקייט האָט ער נישט בעקומען קיין געהעריגע בילדונג, און איז נישט געוועזען אימשטאַנד צו געפינען א אויסדריק, וועלכע האָבען געזאָטען אין איהם. ער האָט זיך צוריקגענומען פאַר זיינע ביכער און איז זאָגאר אריינגעטרעטען אין שולע. נאָכדעם האָט ער אַרומגערייזט אין אויסלאַנד, איבערפאָהרענדיג אויף גיך פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. ער האָט אויך בעזוכט לאָנדאָן, צערשטערענדיג זיין בעַנקשאַפט און מעלאַנכאָליע אין פערשיעדענע פערוויילונגען, און אלט זייענדיג 19 יאָהר, האָט ער זיך שטאַרק פערליעבט אין א פרוי. ארייגפאַלענ־דיג אין גרויסען יאוש, צוליעב דעם, וואָס מען האָט איהם אויף זיין ליעבע נישט געענטפערט, האָט ער גערעכענט, אז זיין הארץ איז שוין אויף עוויג צובראָכען און האָט בעשלאָסען צו שטאַרבען, נאָר זיין דיענער האָט איהם דאָס לעבען אָבגעראַטעוועט. אלפיערי איז געקומען צו זיך, ער האָט זיך נאָך אַמאָל פערליעבט און מען האָט איהם ווידער אויף זיין ליעבע נישט געענט־פערט. ער איז יעצט ווידער אין שרעקליכען יאוש אריינגעפאַלען און דאַן האָט ער זיך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער, אַרומשערענדיג די האָר, און אין דער איינזאַמקייט, אויף וועלכער ער האָט זיך פעראורטיילט, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייבען ליעדער. נאָכדעם איז דאָס געוואָרען ביי איהם זיין הויפּט־בעשעפטיגונג אינ'ם משך פון זיין גאַנץ לעבען. זיין ערשטע טראַגעד־יע „קלעאָפּאַטריא“ איז אָנגעשריבען געוואָרען און געשפּיעלט געוואָרען אין טורין, ווען ער איז אלט געוואָרען 26 יאָהר, און אין די קומענדע 7 יאָהר האָט ער בעשאַפען 14 פון זיינע מעהר בעוואוסטע טראַגעדיעס.

אין ליעדער שרייבען האָט זיך צו ערשט אויך סערוואַנטעס'עס גאונות אויסגעדריקט. ווילאַנד איז אויך געוועזען איינער פון די פּאָעטען, וועלכע האָ־בען זיך גאָר יונג ענטוויקעלט: צו 3 יאָהר האָט ער שוין געקענט לעזען, צו 7 יאָהר האָט ער שוין געלעזען קאָרנעל נעפּאָט אויף לאַטיין, און צו 13 יאָהר האָט ער שוין פערטראַכט א עפּישע פּאָעמא. פּונקט, ווי ביי פיעל פון אלע

אנדערע פאעטען האט אויך ביי איהם די ערשטע ליעבע געדיענט אלס סטימול פאר זיין פאעזיע. ווען ער איז אלט געווען 16 יאהר האט ער אנגעשריבען זיין דיראקטישע פאעמא „די וואלקאמנסטע וועלט“.

---

## 2.

גאר זעהר פריה האט זיך ארויסגעוויזען קלאפשטאק'ס טאלענט. פריהער איז ער געווען א שטיפעריש אינגעל, נאכדעם איז ער געווען א שטורמישער סטודענט, א איינגעליעבטער יונגער מאן און א בעריהמטער פאעט.

שילער האט געפיהלט א ליידענשאפטליכען דראנג צו פאעזיע נאך אין די קינדערשע יאהרען. עס איז וועגען איהם א לעגענדע איבערגעבליעבען, אז מען האט איהם איינמאל געפונען בשעת א שטורם-ווינד, זיצענדיג אויף א צווייגעל פון א בוים, אויף וועלכער ער איז ארויפגעקראכען, „כדי צו זעהען, פון וואנען עס קומט אן דער בליץ, ווארום עס איז דאך אזוי שען!“ דאס חאראקטעריזירט אויף דעם העכסטען גראד דעם נייגעריגען און זוכענדען טעמפעראמענט פון שילער'ן.

שילער האט צום ערשטען דערפיהלט אין זיך זיין פאעטישען טאלענט, ווען ער האט געלעזען קלאפשטאק'ן. זיינע סימפאטיען זענען אנגעווענדעט געווען אויף הייליגע סיושעטען, און, ווען עס איז איהם געווארען פונקט 14 יאהר האט ער פערענדיגט א עפישע פאעמא מיט דעם נאמען „משה“.

געטע האט זיך אויך ענטוויקעלט נאך גאר זעהר יונג: פון די ערינערונגען, וואס זענען איבערגעבליעבען וועגען איהם, זעהט מען, אז אלט זייענדיג נאך מעהר ניט, ווי 8 יאהר, האט ער געקענט לעזען דייטש, פראנצויז, גריכיש און איטאליעניש. אין דער דאזיגער יונגער עלטער האבען איהם שוין בעאונרוהיגט רעליגיעזע פראבלעמען. ער האט צוגעטראכט גאר א בעזונדערע פארם פון דינען דעם „גאט פון דער נאטור“ און האט איהם קרבנות געבראכט. מוזיק, צייכנונג, נאטור-געשיכטע, שטודירען פערשיעדע-

נע שפּראַכען. דאָס אַלעס האָט געהאַט אַ בעזונדערען רייץ פֿאַר דעם אונגעוועהנליכען אינגעל.

נאָוואַליס איז אויך געוועזען אַ פֿיעל פֿערשפּרעכענדעס קינד. זיין לעבען און טהעטיגקייט האָבען זיך פֿערענדיגט אויף דעם 29-טען יאָהר פֿון זיין לעבען.

פֿיעל ביישפּיעלען פֿון קינדער, וועלכע האָבען פֿיעל פֿערשפּראָכען אין זייערע יונגע יאָהרען און האָבען נאָכדעם, ווירקליך, אויסגעפֿיעלט דאָס, וואָס זיי האָבען אין די דאָזיגע יאָהרען פֿערשפּראָכען, קען מען אויך ברענגען פֿון די פֿראַנצויזישע און ענגלישע פּאָעטען.

און ווירקליך דאָס פּאָעטישע נאַטור, וואָס איז אַבהענגיג פֿון אַ בעזונדער אָרגאַניזאַציע און טעמפּעראַמענט בעווייזט זיך גאָר אַם פֿריהסטען. אויב עס ווייזט זיך נישט אַרויס ביז דעם 12-יעהריגער עלטער, בעדאַרף מען רעכענען, אַז עס וועט זיך שוין גאָר איננאַנצען קיינמאָל נישט אַרויסווייזען. מאָנטען האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז אונזערע נשמות פֿאָרמירען זיך שוין פֿאָלקאָם ביז צו די דאָזיגע יאָהרען. „אַ נשמה, זאָגט ער, וועלכע האָט ביז צו דער צייט נישט אַרויסגעוויזען ערנסט איהרע כּוחות און איהרע מעגליכקייטען, וועט שוין אויך שפּעטער זיי נישט אַרויסווייזען.

די דאָזיגע מיינונג, וועלכע איז, מעגליך, צו קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט געוואָרען, איז דאָך אין פּרינציפּ פֿאָלקאָם ריכטיג. דער מוח און די נשמה ווייזען אַרויס זייערע קינפֿטיגע גלענצענדע מעלות אין דער יוגענד, און האָטש איינציגע פֿלאַנצונגען בליהען גאָר שפּעט, דער גרעסטער טייל אָבער פֿון זיי בליהט זעהר אָפֿט מעהר אין דער פֿריהלינגס-און-זומער-צייט, ווי אין דער צייט פֿון הערבסט און ווינטער.

דער אירלענדער פּאָעט מור בעמערקט, אַז, כּמעט, אַלע ערשט-קלאַסיגע קאָמעדיעס און אויך פֿיעל פֿו די ערשט-קלאַסיגע טראַגעדיעס זענען בעשאַפֿען-געוואָרען דורך יונגע לייט.

לאָפּע-דע-וועגא און קאַלדעראָן, צוויי פֿון די פֿרוכטבאַרסטע דראַמאַטורגען האָבען אָנגעהויבען צו שרייבען זעהר פֿריה — איינער צו צוועלף יאָהר, דער אַנדערער צו 13 יאָהר. דער ערשטער פֿלעגט דעקלאַמירען די לידער פֿון זיינע ווערק, וואָס ער האָט געשריבען, און פֿלעגט זיי אויסבייטען ביי די חברים אויף שפּיעל-רענדלעך. ווען ער איז אַלט געוועזען 12 יאָהר האָט ער, ווי ער האָט אַליין דערצעהלט, נישט נאָר געשריבען קורצינקע פּיעסען, נאָר ער האָט אויך דראַמען פֿערפֿאַסט.

קאלדעראן איז אויך געווען זעהר א פֿרוכטבארער דראמאטורג נאך אין דער יוגענד. ער האט אריינגעטראגען ביז 400 דראמען אין דער ליטעראטור פֿון זיין פֿאלק. זיין ערשט ווערק האט ער אנגעשריבען, ווען ער איז אלט געווען 13 יאהר. ווען ער איז אלט געווען 50 יאהר, איז ער געווארען א גייסטליכער, און פֿון דאמאלס אן האט ער אנגעהויבען צו שרייבען רעליגיעזע דראמען.

די דאזיגע שפאנישע דראמאטורגען האבען זיך שוין אין די גאר יונגסטע יאהרען גענצליך פֿארמירט. פונקט, ווי די מערליעד פֿון דרום, וואס ווערען יונג רייף, אזוי האבען זיי אויך געשאפֿען אלע זייערע גרויסע שעפּונגען נאך א סך פֿריהער ביז צו זייער מיטעלען לעבענס-פעריאד.

אין צפֿון-קלימאט וואקסען די גייסטיגע פֿעהיגקייטען לאנגזאמער. ראסין האט אנגעשריבען זיין ערשטע טראגעדיע, וועלכע האט געהאט ערפֿאלג, ווען ער איז אלט געווען 25 יאהר. און זיין גרעסטעס מייסטער-ווערק „פֿעדרא“, אויף וועלכען ער האט אליין געקוקט, ווי אויף דעם העכסטען אויסדרוק פֿון זיין דראמאטישער מוזא, ווען ער איז אלט געווען 38 יאהר.

וואלטער האט אנגעהויבען פֿון דעם, וואס ער האט אנגעהויבען צו שרייבען סאטירעס אויף די יעזואיטען, ביי וועלכע ער האט זיך ערצויגען, ווען ער איז נאך קיין 12 יאהר נישט אלט געווען. זיין פֿאטער האט געוואלט, אז זיין זוהן זאל זיין א אדוואקאט און האט איהם גערעכענט פֿאר א פֿערפֿאלענעם, ווען ער איז געווארען געוואהר, אז ער שרייבט ליעדער און בעזוכט די קרייזלעך פֿון די פֿרעהליכע לייט אין פאריז. ווען ער איז 20 יאהר אלט געווען האט מען איהם אין דער באסטיליען איינגעזעצט דערפֿאר, וואס ער האט אנגעשריבען א סאטירע אויף דעם דאמאלסדיגען פֿערבערעכערישען הערשער פֿון פֿראנקרייך. דארטען האט ער צורעכט געמאכט זיין טראגעדיע עדיפּ, וועלכע ער האט אנגעשריבען, ווען ער איז 19 יאהר אלט געווען, און נאכדעם האט ער אנגעהויבען „העגריאצא“. די דערמאהנטע טראגעדיע איז געשטעלט געווארען אויף דער סצענע, ווען וואלטער'ן איז געגאנגען דאס 22-סטע יאהר.

קאצעבו קען אויך דינען אלס ביישפיעל, אויף וויפֿיעל פֿריה עס בעווייזט זיך אמאל א דראמאטישער טאלענט. זיינע פאעטישע עקספּערימענטען הויבען זיך אן פֿון 6 יאהר אן, און ווען ער איז אלט געווען 7 יאהר, האט ער שוין אנגעשריבען א קאמעדיע אויף איין זייטעל. ער פֿלעגט זיך דעהר

אפט ארייננגב'נען שטילערהייד אין ווייםארער טעאטער, וואו ער האט נישט געקענט ארייננעהן אויף א געוועהנליכען שטייגער, און האט זיך אויסבעהאלטען הינטער דעם גרויסען פויק ביז די פארשטעלונג האט זיך אנגעהויבען. זיין הויפט־שפיעלעריי איז בעשטאנען דערפון, וואס ער פלעגט איינארדנען שפיעל־טעאטערלעך קליינינקע און אויספילען די ראלען דורך קוקלעם־אקטיארען. זיין ערשטע טראגעדיע איז געשפיעלט געווארען פריוואט אין יענא, וואו ער האט געשטודירט אלס סטודענט, ווען ער איז אלט געווען 18 יאהר.

אין עטליכע יאהר ארום, נאך דעם, ווי ער האט געוואהנט אין רעוועל, האט ער אנגעשריבען, צווישען אנדערע פיעסען, א דראמא, וועלכע האט געהאט גאר א גרויסען ערפאלג אין ענגלאנד.

„די רויבער“ האט שילער אנגעהויבען צו שרייבען, ווען ער איז אלט געווען 19 יאהר, און איז אבגעדרוקט געווארען, ווען ער איז אלט געווען 21 יאהר. „פיאסקא“ און „ליעבע און פאלשקייט“ זענען אנגעשריבען געווארען דורך איהם, ווען ער איז אלט געווען 23 יאהר.

וויקטאר הוגא האט גאר יונג אנגעהויבען זיין טהעטיגקייט אלס דראמאטורג. ווען ער איז אלט געווען 15 יאהר, האט ער אנגעשריבען זיין ערשטע טראגעדיע. ער האט בעקומען איינס נאך דעם אנדערען 3 פרעמיעם פון דער אקאדעמיע און דערמיט האט ער ערווארבען דעם טיטול „לעהרער“ אין דעם דאזיגען אנשטאלט. בכלל זענען די אלע בעוואוסטע פאעטען פון יענער צייט געווען יונגע לייט. „קיין שריפטשטעלער, בעמערקט טאראקאסטיש
צייט געווען יונגע לייט. „קיין שריפטשטעלער, בעמערקט סאראקאסטיש
איז שוין אלט מעהר פון 18 יאהר“.

קאזימיר דעלאווין האט אנגעהויבען צו שרייבען לידער, ווען ער איז אלט געווען 14 יאהר און האט ארויסגעלאזט דעם ערשטען באנד פון זיינע ווערק, ווען ער איז 20 יאהר אלט געווען.

וואס אנבעלאנגט די ענגלישע פאעטען, איז מעגליך, אז זיי האבען זיך נישט אויסגעצייכענט מיט א פריהעריגער ענטוויקלונג, האטש פיעל פון זיי האבען יא זעהר פריה ארויסגעוויזען סימנים פון גאונות.

מיר ווייסען זעהר ווייניג וועגען די יונגע יאהרען פון שעקספיר, טשאוסער און ספענסער און זייער נישט פיעל זאגאר וועגען די שוין מעהר עלטערע יאהרען. אויף וויפיעל עס איז בעוואוסט, האט שעקספיר אנגעשריבען

זײַן ערשטע פּאָעמאַ „װענערא און אדאָניס" אױף דעם 28־טען יאָהר פֿון זײַן לעבען; ער האָט אָנגעהױבען צו שרײַבען פּיעסען אױך אַרום דער אײגענער צײַט, װעלכע ער האָט אױך געװיס געשריבען ביז צום טױדט, װעלכער איז צו איהם געקומען אױף דעם 52־טען יאָהר.

ספּענסער דער פּאָעט האָט אָנגעשריבען זײַן ערשטע פּאָעמאַ, װען ער איז אַלט געװען 26 יאָהר. מילטאָן האָט אױך אין דער אײגענער עלטער אָנגעשריבען אײנע פֿון זײַנע בעסטע װערק, חאָטש ער האָט נאָך פֿריהער אױך אַרױסגעװיזען סימנים פֿון זײַן מערקװירדיגען טאַלענט. קאָאולא האָט זיך ענטװיקעלט פֿריהער פֿאַר איהם חאָטש ער האָט זיך קײנמאָל נישט דערהױבען צו דער הױך אױף װעלכער עס איז געשטאַנען דער שעפּפֿער פֿונ'ם „פֿערלאָרענעם גן־עדן". װען ער איז 15 יאָהר אַלט געװען, האָט ער אַרױסגעלאָזט אַ באַנד לידער אונטער דעם נאָמען „פּאָעטישע בלומען", צװישען װעלכע עס האָט זיך אױך געפֿונען „די טראַגישע געשיכטע פֿון פּיראַם און טיזבאַ", װאָס ער האָט אָנגעשריבען, װען ער איז אַלט געװען 12 יאָהר.

פּאָפּע האָט אונבעדינגט געװאָלט זײַן אַ פּאָעט, װען ער איז נאָך אַ קינד געװען און האָט אױסגעאַרבײַט פֿערשידענע פּלאַנען, װי אַזױ ער זאָל זיך צוגרײטען צו דער פּאָעטישער קאַריערע. נישט קוקענדיג דערױף, װאָס עס האָט איהם שטענדיג װעה געטהון די קאָפּ און זײַן געזונד איז בכלל זעהר שװאַך געװען שטענדיג, האָט ער דערגרײכט דאָס, װאָס ער האָט װירקליך אָנגעהױבען שרײַבען גוטע לידער. שױן אַלס אינגעל האָט זיך אין איהם בעמערקט דער קינפֿטיגער פּאָפּע. ער האָט אָנגעהױבען פֿון סאַטירא, און, אַלט זײַענדיג 12 יאָהר, איז ער אױסגעשלאָסען געװאָרען פֿון דער שולע דערפֿאַר, װאָס ער האָט אױסגעלאַכט זײַן ערציהער. ער האָט זיך נישט בענוגענט נאָר מיט סאַטירע אַלײן. דזשאָנסאָן שרײַבט, אַז פּאָפּע האָט אָנגעשריבען די אָדאַ צו אײנזאַמקײַט, װען ער איז אַלט געװען 12 יאָהר, „די אָדאַ „צום שװײַגען"", װען ער איז אַלט געװען 14 יאָהר, און די „פּאַסטאָראַלען" — 16 יאָהר, חאָטש זײ זענען געדרוקט געװאָרען, װען עס איז איהם שױן געװאָרען 21 יאָהר.

דער װאונדערפּאַרער יונגלינג טשאַטערטאָן, װעלכער איז אומגעקומען דורך זײַן שטאָלץ, האָט דורכגעמאַכט זײַן שנעלען און גלענצענדען לעבענס־װעג אין אַ משך פֿון 17 יאָהר מיט 9 חדשים. דער פּאָעט קעמפּבעל

האט געזאגט וועגען איהם: קיין איין ענגלישער פאעט האט זיך אין עלטער פון 16 יאהר נישט געקענט פערגלייכען מיט טשאטערטאנען. זיין בערימטע אדע „צו דער פרייהייט" און דאס מערקווירדיגע ליער „די ליער פון מינעסטרעל" קענען אונז געבען דעם בעסטען בעגריף וועגען דער קראפט און וועגען דער פאנטאזיע פון זיין טאלענט. זיין אונזיכערער מוח אבער און זיין אלעס פערזאכטענדער שטאלץ, זיין זאנדערבארער מאראלישער כאראקטער און דאס, וואס דאס לעבען איז איהם אבסאלוט אונבעקאנט געוועזען, האבען פון איהם א תל געמאכט, און טשאטערטאן האט זיך געסמ'ט נאך איידער ער האט אנגעהויבען צו לעבען.

מיר וועלען ברענגען נאך איינינע ביישפילען פון פאעטען, וועלכע האבען זיך גאר יונג אנגעהויבען צו נטוויקלען. דער עפיסקאפ העבער האט איבערגעזעצט אין ריימען „פעדרא" פון גריכיש אויף ענגליש, ווען ער איז אלט געווען זיבצעהן יאהר. ווארנס, וועלכען מען קאן גיכער אריינשטעלען אין צעטעל פון טעמפע קינדער, האט אנגעהויבען שרייבען ליעדער, ווען ער איז אלט געווען זעכצעהן יאהר. דזשעמס מאנגאמערי האט צו דרייצעהן יאהר שוין אנגעהויבען שרייבען ליעדער. ער האט אנגעשריבען א שפאס=העלדישע פאעמע, אלט זייענדיג דרייצעהן יאהר און דאמאלס האט ער שוין אויך אנגעהויבען צו שרייבען אנ'ערנסטע פאעמע אונטער דעם נאמען „די וועלט".

אזוי פריה איז אויך פארגעקומען די פאעטישע ענטוויקלונג פון טאמאס מור. ער איז געווען זעהר א שעהן קינד. דזשאזעף אטקינסאן פערגלייכט איהם מיט קופידאנ'ען, וועלכער פערוויילט זיך מיט ווענערע'ן. מור האט שוין געשריבען ליעבעס=ליעדער צו זעליע'ן, ווען ער איז אלט געווען דרייצעהן יאהר און אויפ'ן פערצעהנטען יאהר האט ער אנגעהויבען איבערצוזעצען „אנאר רעאן". גלייכצייטיג האט ער אנגעשריבען צוויי גרינגע אדעס, וועלכע האבען פערשאפט שמערצען זיין מוטער, וועלכע איז געווען א פרוי פון א קליינעם סוחר.

איינינע פון די פאעטען, וואס האבען זיך גאר פריהצייטיג ענטוויקעלט, זיינען געשטארבען אין דער יונגער עלטער. הענרי קארק אוואייט האט אנגעשריבען אלע זיינע ווערק צווישען דעם דרייצעהנטען און איין=און=צוואנציגסטען יאהר, אין וועלכען ער איז געשטארבען. מיטשעל ברויס איז אויך געשטארבען אויף דעם איין=און=צוואנציגסטען יאהר און האט איבער=

געלאזט נאר א גרויסע צאהל פון ליעדער, וועלכע האבען זעהר פיעל פערשפראכען. די דאזיגע ליעדער זענען שוין געדרוקט געווארען נאך זיין טויט. ראבערט פאלאק איז געשטארבען צו אכט=און=צוואנציג יאהר, און דזשאן קיטס, וועלכער איז דער מערקווירדיגסטער און דער גלענצענדסטער צווישען זיי, האט ארויסגעגעבען דעם ערשטען באנד פון זיינע ליעדער, ווען ער איז אלט געווען איין=און=צוואנציג יאהר און דעם לעצטען—פיער=און=צוואנציג, און איז באלד נאכדעם געשטארבען. דאך האט קיטס אין זיינע קינדערשע יאהרען נישט געלאזט מערקען אין זיך זיינע קינפטיגע גרויסע פעהיגקייטען. חאטש ער האט געלייענט פיעל, דער מוח אבער זיינער האט נישט געצויגען אויף זיך אויפמערקזאמקייט ביז ער איז נישט אלט געווארען זעכצעהן יאהר, ווען ער איז בעגייסטערט געווארען, לייענענדיג ספענסער'ס פאעזיע. פון דאמאלס אן איז לייענען פאעטען און שרייבען ליעדער, געווארען די הויפט=בעשעפטיגונג פון קיטס'ס עקזיסטענץ.

---

# 3.

שעלי איז געווען א אנדער „העלער, אייגענארטיגער שטערען“ פון דער זעלבער עפאכע. זיין פריהערדיגע ענטוויקלונג איז מערקווירדיג, ווען ער איז געווען נאך אין דער איטאנער שולע און ער איז אלט געווען דאמאלס 15 יאהר בסך=הכל, האט ער פערפאסט און ארויסגעגעבען א פאלשטענדיג פערענדיגטען ראמאן, דעם אינהאלט, פון וועלכען ער האט פריהער דערצעהלט זיינע חברים. אין דער יוגענד איז ער געווען בעוואוסט אונטער דעם נאמען „דער וואהנזיניגער שעלי“.

ווען ער איז 20 יאהר אלט געווארען, האט ער אנגעשריבען זיין „קעניגין מאב“. צו 19 יאהר איז ער אויסגעשלאסען געווארען [illegible]'ם אוניווערזיטעט אין אקספארד דערפאר, וואס ער האט פערטייד[illegible] כפירה, וואס צווישען דעם יאהר און דעם 30=טען יאהר, ווען ער איז צ[illegible]ליג דערטרונקען געווארען, האט ער בעשאפען די גאנצע וואונדערלי[illegible]הע פון זיינע ווערק.

שעלי האט זיך קיינמאל, כמעט, אין קיין אמת=געזונדען צושטאנד נישט געפונען. די נערווען=קראפט איז ביי איהם געווען שטארקער, ווי די

קראַפֿט פֿון די מוסקולען. ער האָט צייטענווייז געלעבט מיט סאַמע משונה׳דיגסטע אילוזיעס און איז געווען גוואַלדיג עקסצענטריש. יעדער פֿיבער פֿון זיין שוואַכען קערפּער איז געווען דורכגעדרונגען מיט פֿיהלבאַרקייט, און די ווערק פֿון זיין פֿרוכטבאַרען גאונ׳ישען טאַלענט זענען פֿול מיט מוזיקאַלישער קראַפֿט און מיט פֿאַרשטעלונגס־ענערגיע, אַ סך מעהר, מעגליך, ווי די אַלע לידער, וועלכע זענען אָנגעשריבען געוואָרען ביז איהם און נאָך איהם.

ביראַן איז אויך געווען דער איינציגער גרויסער און שטענדיגער־זוכענדער גאון, וועלכער האָט געהערט צו דער איינציגער גרופּע, וואָס קיסט אין שעלי. אַ דאַנק זיין אומרוהיגען און ענערגישען טעמפּעראַמענט, האָט ער זיך אומפֿאַרזיכטיג בעצויגען צו די בעשעפֿטיגונגען אין שולע, דערפֿאַר האָט ער שוין בעוויזען איינצוליעבען זיך, ווען ער איז נאָך קיין גאַנצע 8 יאָהר נישט אַלט געווען. חאָטש ער איז געווען הינקענדיג אויף איין פֿוס, האָט ער זיך דאָך געסטאַרעט אויסצוצייכענען זיך אין די שפּיעלעכצען מיט די חברים, און פּונקט, ווי קיטס האָט ער געשטרעבט, ער זאָל פֿערנעהמען דעם אויבענאַן און די געשלעגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען צווישען די חברים, פֿערליערענדיג, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, נאָר איין קאַמפּף פֿון 7. שוין אויף דעם 20־טען יאָהר האָט ער אויסגעגאָסען זיין יונגע ליידענשאַפֿט צו זיין קוזינע, וועלכע איז אויך געווען, כמעט, אין די איינגענע יאָהרען.

דער אומרוהיגער חאַראַקטער האָט נישט געשטערט ביראָנ׳ען צו זיין אַ ליידענשאַפֿטליכער ליעבהאָבער פֿון לעזען און פֿון די גאָר קינדערשע יאָהרען אָן האָט ער שוין פֿערקערפּערט זיינע געדאַנקען אין אַ פּאָעטישער פֿאָרם. אַלט זיבענדיג 18 יאָהר, ווען ער האָט זיין שטודיום פֿאָרטגעזעצט, האָט ער אָבגעדרוקט אַ דינעם באַנד שירים אין פֿאָרמאַט פֿון קוואַרטאָ, נישט בעשטימענדיג עס צום פֿערקויפֿען. ווען ער איז 24 יאָהר אַלט געווען, איז ערשיינענען זיין ערשטע ליעד „טשיילד גאַראָלדא“. מאַקאָליי שרייבט וועגען איהם, אַז צו 25 יאָהר האָט ער זיך שוין געפֿינען אויף דער העכסטער שטופֿע פֿון זיין ליטעראַרישען רוהם, אינאיינעם מיט וואַלטער סקאָט, וואָרדסוואָרט און סאַאוטי, מיט די פֿיעלע בערוהמטע שריפֿטשטעלער ביי זיינע פֿיס. אין דער גאַנצער געשיכטע קען מען קוים געפֿינען אַ ביישפּיעל פֿון אויפֿהויבען זיך אַזוי גיך אויף אַזאַ גוואַלדיגער הויך. ער איז געשטאָרבען

אויף דעם 37=טען יאהר, וועלכער געהער צו די געפעהרליכע יאהרען פאר פיעל געניאלע מענשען.

בנוגע צו די אנדערע נייע פאעטען, קאן מען דערמאנען קורץ, אז קעמפבעל האט אנגעשריבען זיין „פרעהליכקייט פון לעבען“, ווען ער איז אלט געווען צוויי=און=צוואנציג יאהר; סאאוטי האט אנגעשריבען זיין „זשאנא ד'ארק“, ווען ער איז אלט געווען נייניצעהן יאהר און „וואטא טיילאר“ און קומענדען יאהר; קאלרידזש האט אנגעשריבען זיין ערשטע פאעמע, ווען ער איז אלט געווען צוויי=און=צוואנציג יאהר, און זיין „הימן איידער די זון געהט אויף“, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר א מוסטער פון דערהויבענקייט און קראפט,—ווען ער איז אלט געווען פינף=און=צוואנציג יאהר. בעלווער ליטאן האט אנגעשריעבען זיין „ישמאל“, ווען ער איז אלט געווען פופצעהן יאהר, און זיין באנד שירים „מיסטיגע גראזען אוןווילדע בלומען“— ווען ער איז אלט געווען איין=און=צוואנציג יאהר. עליזאוועטא בארעט ברוינינג האט געשריבען פראזע און שירים, ווען זי איז אלט געווען צעהן יאהר און האט ארויסגעלאזט דעם ערשטען באנד לידער, ווען זי איז אלט געווען זיבצעהן יאהר; און איהר מאן ראבערט ברוינינג, האט אבגעדרוקט זיין „פאראצעלטא“, אלט זענענדיג דריי=און=צוואנציג יאהר. אלפרעד טעניסאן האט ארויסגעגעבען די ערשטע זאמלונג פון זיינע שירים, ווען ער איז אלט געווען אכטצעהן יאהר, און צו נייניצעהן יאהר האט ער בעקומען א מעדאל אין קעמברידזש פאר זיין פאעמא „טימבוקו“, און צו צוואנציג יאהר האט ער ארויסגעלאזט זיינע לירישע פאעמען, וועלכע ענטהאלטען אין זיך פיעל פון זיינע בעסטע שירים.

אט אויף אזא אופן זעהען מיר, אז א דאנק דעם פייערדיגען טעמפעראמענט פון דער יוגענד, זענען געבוירען געווארען די פיינסטע ווערק אין דער מוזיק, מאלעריי און פאעזיע. די פאעטישע פאנטאזיע פערלירט זעהר אפט איהר פרישקייט אינאיינעם מיט די יאהרען. אקענעאייד האט אין די לעצטע יאהרען קיינמאל נישט דערגרייכט אט יענעם גלאנץ פון פאנטאזיע, וועלכען ער האט ארויסגעוויזען אין די יונגע יאהרען.

דאך זעהען מיר פיעל מאל, אז גאר די בעסטע און פערפאלקאמענסטע ווערק זענען בעשאפען געווארען שוין דורך דער שפעטערדיגער עלטער. געטע האט זיך געהאלטען ביי דער מיינונג, אז וואס מעהר יאהרען עס געהען אוועק, ווערט אלץ מעהר רייפער דער פאעט. אט אזוי זעהען מיר,

אַז מילטאָן האָט בעשאַפֿען זיין „סאַמסאָן“, ווען ער איז אַלט געווען זעקס-
און-דרייסיג יאָהר, און ווען ער איז צוגעטראָטען צו זיין גרעסטער שעפּ-
פֿונג, איז ער שוין אַלט געווען מעהר, ווי פֿופֿציג יאָהר. חאָטש די אויבענ-
דערמאָנטע געניאַלע יונגלינגען האָבען פֿיעל גרויסעס בעשאַפֿען אין די
פֿריהסטע יאָהרען פֿון זייער לעבען, זיי האָלטען אָבער געווען געקאָנט אויפ-
הויבען זיך נאָך העכער, ווען זיי וואָלטען נאָר געווען בלייבען לעבען. די
קראַפֿט פֿונ'ם גאָון ווערט נישט פֿערשוואונדען אינאיינעם מיט דער יוגענד.

דאָך גיבען זיך צו וויסען, ווי מיר האָבען שוין פֿריהער געזאָגט, די
בעזונדערע גרויסע מעלות, מיט וועלכע די אָדער יענע גרויסע פּערזענ-
ליכקייט ווערט בעשענקט, אין די יונגע יאָהרען—צווישען זיבצעהן און צוויי-
אָדער דריי-און-צוואַנציג יאָהר. חאָטש די פֿאָרטשריטע פֿון פּאָעטישער ענט-
וויקלונג קאָנען געהן לאַנגזאַם, איהרע אַנלאַגען מוזען אָבער דאָך ארויס-
געבען פֿריה פֿרוכטען, אויב, ביי גינסטיגע אומשטענדען, די דאָזיגע אַנ-
לאַגען עקזיסטירען נאָר ווירקליך.

קראַב און וואָרדסוואָרט, וועלכע זענען שפּעט רייף געוואָרען, האָבען
דאָך פֿריה אָנגעהויבען צו שרייבען לידער. קראַב האָט, זענענדיג נאָך גע-
הילפֿס-חירורג אין סופּאָלק, בעקומען אַ פּרעמיע פֿאַר זיין פּאָעמאַ „די האָפֿ-
נונג“, וועלכע עס האָט געגעבען אַלס פּרעמיע אַ פֿרויען-זשורנאַל. וואָרדס-
וואָרט, וועלכער האָט אין דער יוגענד געהאַט גאַר גרויסע פֿרייהייט און איז
איינגעראָמען געווען אַ פֿיל און אַ פֿערדאַרבען איינגעל, האָט דאָך אָנגע-
הויבען צו שרייבען שירים, אין סטיל פֿון פּאָפּ'ען, אויף דעם פֿיערצעהנ-
טען יאָהר פֿון זיין לעבען. חאָטש שעלי פֿלעגט רעדען מיט סאַרקאַזם וועגען וואָרדסוואָרט'ן, אַז „ער פֿערמאָגט נישט מעהר פֿאַנטאַזיע, ווי אַ ביער-
קריג“, דאָס האָט אָבער דאָך נישט געשטערט וואָרדסוואָרט'ן, ער זאָל דער-
גרייכען אונשטערבליכקייט. ער האָט נישט ארויסגעוויזען קיין פֿריהצייטיגע
ענטוויקלונג, מיט וועלכער עס האָט זיך אין אַזאַ גרויסער מאָס אויסגעצייכ-
נעט שעלי, נאָר ער האָט זיך ענטוויקעלט לאַנגזאַם און פֿעסט עהנליך אויף
אַ דוב, ביז ער האָט נישט דערגרייכט די גאַנצע קראַפֿט פֿון זיין וואוקס.

וו. סקאָט האָט אויך נישט ארויסגעוויזען קיין פֿריהעדיגע ענטוויקלונג.
דער לעהרער פֿון גריכיש אין דער שולע, אין וועלכער ער האָט געלערנט,
האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַ טעמפּ קינד. שפּעטער האָט ער אַליין געדערט
וועגען זיך, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער שולער אין שולע. ער איז געווען

געזונד און ענערגיש אין די קינדערשע שפּיעלען. זיין טאלענט האט זיך ארויסגעוויזען אין זיין ליעבשאפט צו אלטע באלאדען און אין זיין קאנגען דערצעהלען. ווען וו. סקאט'ס פאטער איז געוואהר געווארען, אז זיין קינד האט זיך אבגעשטעלט, ווען ער איז ארומגעפאהרען אין זייער ארומיגען געגענד, אינאיינעם מיט זיין חבר קלארק, אין אלע פויערשע הייזלעך און האט זיך שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם אריגינעלען לעבען פון זייערע איינוואהנער, האט ער צו איהם געזאגט: „איך האב מורא, סער, אז איהר טויגט טאקי נאר אויף צו קלייבען שמאטעס אויף די בוידעמער“.

בנוגע צו וו. סקאט'ס פעהיגקייטען צו דערצעהלען מעשיות און די קינדערשע יאהרען, דערצעהלט ער אליין וועגען זיך פאלגענדעס: „אין דער פרייער צייט, ווינטער, ווען פיזישע שפּיעלעכצען זענען אונמעגליך, פלעגען מיינע ערצעהלונגען צוגויפנעהמען, געוועהנליך, ארום קאמין געהארכזאמע צוהערער, און דער וואס האט געקאנט זיצען נעהנטער צום אונערמידעטען ערצעהלער, האט זיך גערעכענט איבערגליקליך“. ווען ער איז, אלזא, נאך א קינד געווען, האט זיך שוין בעמערקט אין איהם דער קינפטיגער וו. סקאט, און זיינע ראמאנען האבען זיך געלעזען שפּעטער איבער דער גאנצער וועלט מיט דעם איינענעם פערגניגען, מיט וועלכען ער איז אויסגעהערט געווארען פון זיינע שילער־חברים. צוויי אינגלעך, זאגט קארלייל, זענען געווען גלייכצייטיג אין קלאס פון דער עדינבורגער גראמאטישער שולע: דזשאן, שטענדיג א טעטיגער, א פינקטליכער און א געראטענער, און וואלטער, שטענדיג א לאנגזאמער, א שעמעוודיגער און א טעמפּער. שפּעטער איז דזשאן געווארען דזשאן געגנטער—א בעאיינפלוסענדע פערזאן אין דער געגענד, וואו זיינע ניטער האבען זיך געפונען, און וואלטער איז געווארען וואלטער סקאט—א פערזענליכקייט, וועלכע איז דער גאנצער וועלט געוועזן בעוואוסט.

בכלל איז געגאנגען די ענטוויקלונג פון וואלטער סקאט'ס פעהיגקייטען זעהר לאנגזאם פערהעלטניסמעסיג. ווען ער איז שוין זאגאר דרייסיג יאהר אלט געווען, האט ער נאך קיין איין ענטשיידענעם טריט נישט געמאכט אויף דעם געביט פון דער ליטעראטור. ער איז שוין איין־און־דרייסיג יאהר אלט געווען, ווען ער האט אנגעהויבען שרייבען, און ווען ער האט ארויסגעלאזט דעם ערשטען באנד פון „וואווערלעאי“, איז איהם שוין דריי־און־פערציג יאהר געווארען, חאטש, אמת, ער האט איהם אנגעהויבען צו שריי=

בען נאך מיט צעהן יאהר פריהער, נאר ער האט איהם באלד אוועקגעלעגט אין דער זייט.

בארנס, וועלכער האט אויך פונקט, ווי וו. סקאט, ליעב געהאט אלטע באלאדעס, האט געהערט צו דער צאהל פאעטען, וועלכע האבען זיך גאר יונג ענטוויקעלט; פונקט, ווי סקאט, האט ער אויך פערמאגט א פעסט געזונד און גענוג כח.

## 4.

די ביישפיעלען פון פריהערדיגע ענטוויקלונג פון די איינגעבוירענע פעהיגקייטען, בעגעגענען זיך פונקט אזוי אפט אויך אין לעבען פון די געלעהרטע. אין פיעל פאלען ווייזט זיך ארויס זייער גאונות פלוצלינג—אמאל א דאנק פערשידענע שוועריגקייטען און שטערונגען, און א מאל א דאנק גינסטיגע אומשטענדען, וועלכע ווירקען מיט, זיי זאלען זיך ענטוויקלען.

אי טאסא, אי גאלילעי האבען זיך געמוזט פריהער טרעפען מיט שוועריגקייטען אויף זייער וועג. טאסא'ס פאטער, בערנארדא, איז געוועזען א פאעט, נאר היות זיינע ווערק האבען איהם גארנישט אריינגעבראכט, א חוץ אנ'ארים און קלאגעדיג לעבען, האט ער בעשלאסען צו דערשטיקען ביים זוהן זיינע אלע פאעטישע שטרעבונגען און האט איהם געצוואונגען, ער זאל שטודירען אדוואקאטור.

דאס אייגענע איז אויך געוועזען מיט גאלילעי'ען. זיין פאטער, וועלכער איז געוועזען אנ'ארימער אדעלמאן אין פיזא, איז אליין געוועזען א מאטעמאטיקער. ער האט דעריבער פאר קיין געלד נישט געוואלט געבען זיין זוהן קיין מאטעמאטישע ערציהונג און האט געוואלט ער זאל שטודירען מעדיצין. אין ביידע פאלען אבער איז די נאטור געוועזען צו־שטארק, זי זאל זיך לאזען דערשטיקען. טאסא איז געווארען א פאעט, און גאלילעי—א מאטעמאטיק און א ערפינדער. פונקט, ווי ניוטאן, האט אויך ער זעהר פריה ארויסגעוויזען א נייגונג צו מעכאנישע ערפינדונגען, בענוצענדיג זיך מיט דער פרייער צייט אויף מאכען מאדעלען פאר פערשידענע מאשינען. ווען עס איז איהם זיבצעהן יאהר געווארען, איז ער אריינגעטראטען אלס סטודענט אין פיזאנער אוניווערזיטעט און גלייכצייטיג האט ער זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען

מיט פיזיק און מיט מעדיצין.

גאלילײ איז געװען גלײך גרױס אין דער יוגענד, װי אין די עלטערע יאהרען. מיט זײן גרױסקײט אלס געלעהרטער קאנקורירט נאר די גרױסקײט פון זײן העלדענמוט, מיט װעלכען ער האט איבערגעטראגען די גרױסע יסורים און ענוים קשים, װעלכע האבען זיך מיט שרעקליכער אכזריות אויף זײן קאפ געשאטען.

דאס װערק „די סיסטעם פון דער װעלט“, װאס ער האט אנגעשריבען, װען ער איז שוין אלט געװען אכט-און-זעכציג יאהר, האט אויף איהם אנגערײצט די אינקװיזיציע. זײן לעצט װערק, װאס ער אלײן האט עס גערעכענט פאר דעם גרעסטען צװישען די אלע װערק, װאס ער האט אנגעשריבען „די דיאלאגען װעגען דער ארטיגער בעװעגונג“, האט ער געענדיגט, װען ער איז שוין אלט געװען צװײ-און-זיבציג יאהר. אויף דעם זיבען-און-זיבציגסטען יאהר, זעענדיג שוין אינגאנצען בלינד, האט ער נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו בעשעפטיגען זיך מיט זײן װיסענשאפטליכער ארבײט. אויך דער טויט האט איהם געטראפען זיצענדיג בײ זײן ארבײט. אויף די בײנער פון דעם בעריהמטען געלעהרטען האט מען געװאלט שטעלען א דענקמאל, דער פויפסט האט אבער דערויף נישט געגעבען זײן ערלויבניש, װארום גאלילײ האט אנגעװארען זײן חן בײ דער קירכע דורך זײן בעהויפטונג, אז די ערד דרעהט זיך ארום איהר אקס. זײן קערפער איז געלעגען אין א פינסטער װינקעלע פון מאנאסטיר, װאו ער איז בעגראבען געװארען, א גאנצען יאהרהונדערט, כמעט, ביז מען האט איהם אין יאהר 1737 אויסגעגראבען און איבערגעטראגען אין דער קירכע פון סאנטע-קראטשע, װאו ער רוהט צו יעצטיגער צײט אונטער א פראכטפאלען מאנומענט.

פונקט װי גאלילײ איז אויך טיכא-דע-בראגע, א דאנק דער גרױסער ענערגיע, מיט װעלכער ער איז בעשענקט געװארען, אראב פון דעם װעג, װעלכען עס האט פאר איהם צוגעגרײט זײן פאטער. ער האט זיך אבגעזאגט פון דער יורידישער קאריערע און האט זיך בעשעפטיגט מיט אסטראנאמיע. ער איז ארויסגעקומען גאר פון א פײנער פאמיליע, און זײן פאטער האט פערלאנגט, אז ער זאל אין מיליטער דיענען. טיכא-דע-בראגע האט אבער געװאלט אנ׳אנדערען, מעהר פײנערען כבוד. ער האט געשטרעבט צו פערשטעהן די װעלט, בעזונדערס האט ער געװאלט װיסען די סודות פון הימעל און ערד. מען האט איהם אװעקגעשיקט זיך בילדען אין קאפענהא-

נען, און ווען ער האט זיך געלערנט דארטען, אויף דעם פיערצעהנסטען יאהר פון זיין לעבען, האט ער זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט אסטראנאמיע, צוליעב דער לקוי-חמה, וואס איז פארגעקומען דאמאלס אין אויגוסט פון יאהר 1560. זענענדיג שטארק פעראינטערעסירט מיט דעם דאזיגען געגענשטאנד, האט ער זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט איהם, מיט דער הילף פון אט יענע ביסעל ביכער, וועלכע ער האט געקאנט געפינען דאמאלס; זיין ערציהער אבער האט געפונען פאר נויטיג צו פערבאטען איהם צו בעשעפטיגען זיך אויף ווייטער מיט זיינע אסטראנאמישע בעשעפטיגונגען, איינגעפינענדיג, אז די אסטראנאמיע שטערט איהם זיין שטודיום.

דאך האט טיחא-דע-בראגע ווייטער זיך בעשעפטיגט בגנבה מיט דער אסטראנאמיע, ווען זיין ערציהער איז געשלאפען. איינגאנצען זיין געלד האט ער גע'פטר'ט אויף אסטראנאמישע אינסטרומענטען, חאטש די דאזיגע אלע אינסטרומענטען זענען געווען זעהר ווענינ און פון זעהר א פראסטער ארבייט. גאנצע נעכט פלעגט ער פערברענגען אויף צו שטודירען די שטערען, און צוליעב דעם איינציגען צוועק האט ער זיך בענוצט מיט א קליינעם גלאבוס, וואס ער האט געקויפט פאר זיין טאשען-געלד.

זיין פאטער און קרובים האבען זיך בעצויגען מיט דער גרעסטער אונצופריעדענהייט צו זיינע אסטראנאמישע בעשעפטיגונגען. לויט, ווי זיי האבען געקוקט אויף דער זאך, האט ביי זיי געהייסען אסטראנאמיע א בעשעפטיגונג, וועלכע ערניעדריגט די ווירדע פון א מענשען, וואס שטאמט פון א פיין ארט ארוים. נאר איינער פון זיינע פעטערס האט איהם גערטען, ער זאל זיך לאזען פיהרען אויף דעם וועג, אויף וועלכען עס וויל איהם פיהרען זיין טאלענט, וואס דאס בעדארף פיהרען צו דעם, עס זאל נאך דערהויבען ווערען, נישט עס זאל ערניעדריגט ווערען דער בכבוד'דיגער פלאץ, וואס ער האט גע'ירש'עט אויף דער וועלט. טיחא-דע-בראגע'ן חאט מען איבערגעשיקט פון קאפענהאגען אין אויגסבורגער אוניווערזיטעט. געפינענדיג זיך דארטען, האט ער איינגעארדענט א גרויסען קווארדאנט, מיט דער הילף פון וועלכען ער האט זיינע בעאבאכטונגען געמאכט. אויף דעם זעקס-און-צוואנציגסטען יאהר האט ער, נישט קוקענדיג אויף דעם ווידערשטאנד פון זיינע איינענע, אבגעדרוקט זיין ערשטען טראקטאט „די נייע שטערען“ און ווייטער האט ער אלץ מעהר און מעהר אסטראנאמישע ווערק

ארויסגעלאזט.

קעפלער־טיכא־דע־בראגע׳ס מיטארבייטער,—האט פונקט ווי יענער, אונאויפהערליך געארבייט שוין גאר פון די יונגסטע יאהרען אן. ער איז געוועזען א שוואך און קרענקליך קינד, און אין די ערשטע יאהרען פון זיין לעבען, איז איהם אויסגעקומען איבערצולעבען זעהר פיעל שלעכטס. זיין פאטער, וועלכער האט אפילו געשטאמט פון זעהר א פיין ארט, האט זיך כסדר געגויטיגט אין געלד, און, אויף אויסצוהאלטען די פאמיליע, האט ער א טראקטיר געמאכט, אין וועלכען עס האט בעדארפט זיין זוהן, דער קינפטיגער אסטראנאם, בעדיענען די געסט. ווען ער איז צוועלף יאהר אלט געווארען, האט מען איהם געשיקט אין דער מאנאסטיר־שולע אין מויל־בראן. די הוצאות פון זיין ערציהונג האט גענומען אויף זיך דער ווירטעמ־בערגער הערצאג.

קעפלער׳ס שטודיום איז אפטמאל איבערגעשלאגען געווארען דורך די פערשידענע קרענקליכע אנפאלען, וועלכע האבען איהם שרעקליך געפייניגט כל ימיו. דאך האט ער גאר גיך גאר א גרויסען ערפאלג געמאכט אין דער וויסענשאפט. א דאנק דעם, האט מען איהם צוגענומען אלס סטודענט אין טובינגער אוניווערזיטעט, וואו ער האט אויף דעם צוואנציגסטען יאהר פון זיין לעבען בעקומען דעם טיטול פון מאגיסטער פון קונסט און גלייכ־צייטיג האט ער אויך דעם צווייטען פלאץ פערנומען אויף דעם יעהליכען עקזאמען.

אין צווי יאהר ארום איז ער בעשטימט געווארען אלס לעקטאר פון אסטראנאמיע אין גראץ, אין שטיריא, און אויף דעם פינף־און־צוואנציג־סטען יאהר האט ער ארויסגעלאזט זיין „מיסטעריום קאסמאגראפיום“— זיין ערשטען אוצר אין דער וויסענשאפטליכער ליטעראטור. דאס האט גע־וויזען א ריעזיגע ארבייט פאר א יונגען מאן, בעזונדערס, ווען מיר וועלען נאר נעהמען אין אכט זיין שוואך געזונד און דאס, וואס ער האט אין די גאר יונגסטע יאהרען נישט געהאט די נויטיגע פארבערייטונגען. נאך דעם דאזיגען ווערק האט ער שטענדיג אונערמיעדעט געארבייט, דרוקענדיג איין טראקטאט נאך דעם צווייטען איבער מאגנעטיזם און איבער פערשידענע אסטראנאמישע טעמען, ביז דעם יאהר 1601, ווען, אלט זייענדיג דרייסיג יאהר, איז ער בעשטימט געווארען אלס אימפעראטארישער מאטעמאטיק און האט אנגעהויבען צו ארבייטען אינאיינעם מיט טיכא־דע־בראגע. אין

אכט יאהר ארום האט זיך בעוויזען זיין „נייע אסטראנאמיע“—אנ'ארבייט, וואס מען קאן רעכענען אלס פעראייניגענדען רינג צווישען קופערניקוס'עס און ניוטאנ'ס ערפינדונגען.

סער איזאק ניוטאן איז כלל נישט געווען אזא מערקווירדיגער ביישפיעל פון פריהעריגער ענטוויקלונג פון זיין מאטעמאטישער גאונות. ער איז גאר אינגאנצען נישט געווען קיין פריהצייטיג קינד. ער איז געבוירען געווארען אונגעוועהנליך קליין און שוואך. מיט זיין ערציהונג איז געווען זעהר גרויסע צרות, מען האט זיך נישט געריכט זאגאר, ער זאל בלייבען לעבען. דעריבער האט מען איהם געגעבען זעהר פיעל פרייהייט און מען האט איהם נישט געצוואונגען צו לערנען זיך פיעל, כל-זמן ער איז נאך קליין געווען. דערביי בעדארף מען דא צוגעבען, אז פיעל פון די מעהר בעגאבטע מענשען האבען זיך פונקט, ווי ניוטאן, אויסגעצייכענט מיט שוואכקייט און מיט קרענקליכקייט אין זייערע קינדערשע יאהרען. צו דער דאזיגער קאטעגאריע קינדער האבען געהערט בעקאן, פאסקאל, דעקארט, ניוטאן, רען, לאק, אדאם סמיט, בועל, פאפע, פלאקסמאן, דזשעמס וואט, הארצי, נעלסאן און וואוליאם פיט.

ווען מען האט ניוטאנ'ען אבגעגעבען אין שולע, האט ער זיך נישט אויסגעצייכענט מיט קיינע בעזונדערע פעהיגקייטען. צוהויז איז ער אבער שטענדיג געווען בעשעפטיגט מיט איינארדנען פערשידענע מאשינען. ער פלעגט מאכען מאדעלען פון ווינד-מיהלען, וואסער- און זונען-זייגערס; די מוסטערן פון די לעצטע קאן מען נאך ביז איצט זעהען אין וואולסטארפ, אויף דער וואנד פון יענעם הויז, וואו ער איז געבוירען געווארען. אלע האבען איינגעזעהן, אז ער טויג נישט פאר דער ווירטשאפטליכער ארבייט אויף דער פערמא, מיט וועלכער זיין מוטער האט געוואלט, ער זאל זיך בעשעפטיגען. ווען זיין פעטער האט איהם איינמאל געטראפען ביי א מאטעמאטישער אויפגאבע, אנשטאט ער זאל אכטונג געבען אויף די ערד-ארבייטען, איז איהם ערשט דעמאלט ערלויבט געווארען צו בעשעפטיגען זיך מיט דער ארבייט, צו וועלכער עס האט איהם זיין גאונות געצויגען, און ער איז אבגעשיקט געווארען אין דער גרענטגעמער שולע אין לאנדאן, ער זאל דארטען פארזעצען זיינע למודים, און אויף דעם איין-און-צוואנציגסטען יאהר האט ער שוין זיין ערשטע וויסענשאפטליכע ערפינדונג געמאכט. פון דאן האט ער אונאויפהערליך געארבייט אויף דעם געביעט פון

דער וויסענשאפט ביז פיער-און-פערציג יאהר, און וועלכען ער האט צוגעשטעלט זיין מאנוסקריפט „פרינציפיא“ און דער קעניגליכער געזעלשאפט. שפעטער מיט א יאהר איז ער גייסטיג קראנק געווארען. דאס האט זיך א שטיק צייט געצויגען, און חאטש ער האט ביז פינף-און-אכציג יאהר געלעבט, דאך האט ער נאך זיין „פרינציפיא“ קיין איין נייע וויסענשאפטליכע ארבייט ניט געגעבען דער וועלט.

יאקאב בערנולי, דער ערשטער פון דער דאזיגער מערקווירדיגער פילאזאפישער פאמיליע, איז צוגעגרייט געווארען דורך זיין פאטער אלס גייסטליכער, געפינענדיג אבער, צופעליג, איינינגע ווערק וועגען געאמעטריע, האט ער זיך מיט גרויס היץ איבערגעגעבען צו שטודירען אסטראנאמיע. דער דעוויז, וועלכען ער האט נאכדעם אנגענומען, דערמאנט דעם וויעדערשטאנד, וואס ער האט בעגעגענט פון זיין פאטער אויף דעם וועג פון זיינע שטרעבונגען צו פערנעהמען זיך מיט דער וויסענשאפט—פאעטאן, וועלכער טרייבט די ראד פון דער זון, מיט דעם אויפשריפט: „געגען דעם ווילען פונ'ם פאטער, טרעטען איך אויס פאר זיך א וועג צווישען די שטערען“. זיין ערשט ווערק „וועגען די קאמעטען“ איז ערשינען, ווען ער איז אלט געוועזען זעקס-און-צוואנציג יאהר, און ווען ער איז אלט געוועזען דריי-און-דרייסיג יאהר, איז ער בעשטימט געווארען אלס פראפעסאר פון מאטעמאטיק אין באזעלער אוניווערזיטעט.

בלעז פאסקאל, וועלכען ביל רופט אן „איינער פון די געהויבענסטע מוחות פון דער גאנצער וועלט, האט ארויסגעוויזען זיינע מערקווירדיגע פעהיגקייטען נאך אין די קינדערשע יאהרען. זיין פאטער האט אונבעדינגט געוואלט, אז זיין זוהן זאל טויטע שפראכען שטודירען, און צו דעם צוועק האט ער אויסבעהאלטען פון איהם זיינע געאמעטרישע ביכער. דאך האט מען איין מאל געטראפען בלעז'ען, ווען ער איז מעהר ניט אלט געוועזען, ווי צוועלף יאהר, ברעכענדיג זיך דעם קאפ איבער פערשידענע געאמעטרישע אויפגאבען, דערביי פלעגט ער צייכענען די פיגורען אויף דער פאדלאגע פון זיין צימער. דאן האט איהם שוין דער פאטער ערלויבט צו בעשעפטיגען זיך דערמיט, צו וואס עס ציהט איהם. ווען ער איז זעכצעהן יאהר אלט געוועזען, האט ער זיין ערשטען טראקטאט אנגעשריבען, וועלכער איז געוועזען אויף אזוי פיעל אויסגעצייכענט, אז דעקארט איז אריין אין

געװאלדיגער התפעלות, װען ער איז געװאָרן געװאָהר װעגען די יונגע יאהרען פֿונ'ם מחבר.

פּאַסקאַל'ס װיסענשאַפֿטליך לעבען האט זיך געענדיגט אײנאײנעם מיט זײן פֿינף־און־צװאנציג יאהריגער עלטער. נאכדעם האט זיך זײן מוח גענצליך אײנגעטיעפֿט אין רעליגיעזע מחשבות, װעלכע האבען געבילדעט מיט זיך זײנע „געדאנקען“, װעלכע זענען צונױפֿגעזאמעלט און ארױסגעגעבען געװאָרען נאך זײן טױט, װעלכער איז פֿאָרגעקומען אױף דעם נײן־און־דרײסיגסטען יאהר. פּונקט, װי פֿיעלע אנדערע, יעלכע האבען זיך נאך פֿריה ענטװיקעלט, האט אױך פּאַסקאַל בעדאַרפֿט ארבײטען בײ א שטענדיג קרענקליכער נערװען־אױפֿרעגונג, אײן סימפּטאם פֿון װעלכער איז געװען דאס, װאס ער האט נאך פֿריה ארױסגעװיזען זײנע פֿעהיגקײטען.

# 5.

דעקארט איז אױך געװען א שװאך און ציטערדיג קינד. שױן אױף דעם צװאנציגסטען יאהר אבער האט ער צוזאמענגעשטעלט א פּלאן איבערצוענדערען דאס גאנצע סיסטעם פֿון דער מאטעמאטישער און פֿילאזאָפֿישער אױספֿאָרשונג. הוגאָ גראָציאָ איז געװען דאס אײנציגסטע קינד, װאס איז געבליבען פֿון צװעלף קינדער. ער האט שױן געשריבען לאטײנישע שירים, װען ער איז נאר אכט יאהר אלט געװען. האלער איז אױך געװען זעהר א שװאך קינד און האט גאר פֿריה ארױסגעװיזען סימנים פֿון זײנע גרױסע פֿעהיגקײטען אלט זײענדיג נײן יאהר, האט ער אנגעהױבען צוזאַמענשטעלען קורצע ביאָגראַפֿיעס פֿון גרױסע מענער און האט שױן פֿערטראכט א פּלאן פֿון א חאלדעאישער גראמאטיק. װען ער איז געװען צװעלף יאהר, האט ער שױן געשריבען דײטשע לידער, און צו פֿופֿצעהן יאהר האט ער שױן אנגעהױבען צו שטודירען מעדיצין און פֿיזיאָלאָגיע, אין װעלכע ער האט דערגרײכט אזא גרױסען נאמען.

צװישען די איבריגע מאטעמאטיקער, װעלכע האבען, פּונקט װי פּאַסקאַל, זיך אױסגעצײכענט מיט זײערע פֿעהיגקײטען נאר אין די יונגסטע יאהרען, קאן מען אױך קלעראַנ'ען דערמאנען, װעלכער האט אנגעשריבען זײן בערימטע װערק „די קרומע מיט צװײפֿאַכיגער קרומקײט“, אלט זע־

נעֶנדיג זעֶכֿצעֶהן יאָהר, אַנהויבּעֶנדיג עֶס נאָך, ווען עֶר איז אַלט געֶוועֶן דריי=
צעֶהן יאָהר; לאַגראַנזש, וועֶלכֿעֶר איז בּעֶשטימט געֶוואָרעֶן אַלס פּראָפֿעֶסאָר
פֿון מאַטעֶמאַטיק אין טורין, ווען עֶס איז איהם נאָך קיין גאַנצעֶ איין=און=
צוואַנציג יאָהר נישט געֶוואָרעֶן; קאָלין מאַקלאָר'ן, וועֶלכֿעֶר איז מיט דעֶם
טיטול געֶלעֶהרטעֶר געֶקרוינט געֶוואָרעֶן, ווען עֶר איז נאָך מעֶהר ווי פֿופֿצעֶהן
יאָהר נישט אַלט געֶוועֶן און איז אויסגעֶקליבּעֶן געֶוואָרעֶן דורך אַ קאָנקורס
פֿאַר אַ פּראָפֿעֶסאָר פֿון מאַטעֶמאַטיק אין עֶבּעֶרדין אויף דעֶם ניינצעֶהנטעֶן
יאָהר פֿון זיין לעֶבּעֶן; לאַלאַנד, אַ קינד פֿון וואונדעֶרבּאַרעֶ פֿעֶהיגקייטעֶן,
וועֶלכֿעֶר פֿלעֶגט גאַנצעֶ רעֶדעֶס האַלטעֶן פֿאַר זיין פֿאַמיליעֶ, ווען עֶר איז
צעֶהן יאָהר אַלט געֶוועֶן. נאָכֿדעֶם האָט עֶר זיך פֿעֶראינטעֶרעֶסירט מיט דעֶר
אַסטראָנאָמישעֶר וויסעֶנשאַפֿט דורך דעֶם, וואָס עֶר האָט צופֿעֶליג איבּעֶר=
געֶלייעֶנט סאָנטעֶנעֶל'ס ווערק „ועֶגעֶן די פֿיעֶלצאָהליגעֶ וועֶלטעֶן“, און ווען
עֶר איז אַ ביסעֶל עֶלטעֶר געֶוואָרעֶן, האָט עֶר געֶמאַכֿט אַ טעֶלעֶסקאָפּישעֶ בּעֶ=
אָבּאַכֿטונג, וועֶלכֿעֶ האָט בּעֶשטימט זיין וויסעֶנשאַפֿטליכֿעֶן וועֶג אויף זיין
גאַנץ לעֶבּעֶן; דיוגאַלדאַ סטיואַרט, וועֶלכֿעֶר איז, זייענדיג אין דעֶר קינד=
הייט זעֶהר אַ שוואַך קינד, געֶוואָרעֶן לעֶהרעֶר פֿון מאַטעֶמאַטיק אין קלאַס
פֿון זיין פֿאָטעֶר אין עֶדינבּורגעֶר אוניווערזיטעֶט, און מיט צוויי יאָהר שפּעֶ=
טעֶר איז עֶר בּעֶשטימט געֶוואָרעֶן אַלס אַדיונקט=פּראָפֿעֶסאָר; לעֶסינג'עֶן,
וועֶלכֿעֶר האָט מיט גוואַלדיגעֶר ליידעֶנשאַפֿט געֶשלונגעֶן איין בּוך נאָך דעֶם
צווייטעֶן. ווען עֶר איז נאָך געֶוועֶן אין שולעֶ, האָט עֶר איבּעֶרזעֶצט דאָס דרי=
טעֶ און דאָס פֿיערטעֶ בּוך פֿון עֶווקליד און האָט אָנגעֶשריבּעֶן אַ מאָנאָגראַ=
פֿיעֶ וועֶגעֶן דעֶר געֶשיכֿטעֶ פֿון מאַטעֶמאַטיק, און ווען עֶר איז אַרויס פֿון
שולעֶ, אַלט זייענדיג פֿופֿצעֶהן יאָהר, האָט עֶר אַ רעֶדעֶ געֶהאַלטעֶן. נאָכֿדעֶם
האָט עֶר פֿעֶרוואָרפֿעֶן די מאַטעֶמאַטישעֶ וויסעֶנשאַפֿט און האָט זיך געֶווידּ=
מעֶט דעֶר שעֶנעֶר ליטעֶראַטור.

פֿרעֶנסיס בּעֶקאָן איז אויך געֶוועֶן אַ שוואַך קינד מיט פֿריהעֶדיגעֶ עֶנט=
וויקלונג. צוליעֶב דעֶם, וואָס עֶר האָט אַ שוואַך געֶזונד געֶהאַט אין דעֶר קינד=
הייט, האָט מעֶן איהם געֶגעֶבּעֶן אַבּסאָלוטעֶ פֿרייהייט, און עֶר האָט בּעֶקומעֶן
אַ נייגונג צו פֿיהרעֶן אַ זיצעֶנדיג אַרט לעֶבּעֶן און אַיינטיעֶפֿעֶן זיך שטעֶנדיג
אין זיינעֶ אייגעֶנעֶ געֶדאַנקעֶן. ווען עֶר איז אַלט געֶוועֶן צוועֶלף יאָהר, האָט
עֶר געֶזעֶהעֶן, ווי אַ קונצעֶן=מאַכֿעֶר מאַכֿט קונצעֶן מיט קאָרטעֶן. עֶס האָט זיך
איהם דאַמאָלס שטאַרק פֿעֶרגלוסט, אויסצולעֶרנעֶן זיך די דאָזיגעֶ קונץ. עֶר

איז אריינגעטראכטען אין אוניווערזיטעט אין קעמברידזש, אלט זענענדיג דרייצעהן יאהר, און אין דריי יאהר אום איז ער פון דארטען ארויסגעטראטען, ער זאל די וועלט ארומרייזען. מען זאגט, אז ער האט געמאכט דעם פלאן פון זיין „נאוום ארגאנום“, נאך זענענדיג אין קעמברידזש. עס זענען אבער נישטא דערויף קיין פעסטע ראיות.

צוגרייטענדיג זיך צו זיין פראקטיק אלס ריכטער, מיט וועלכער ער האט זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען, אלט זענענדיג איין-און-צוואנציג יאהר, האט בעקאן צוזאמענגעשטעלט דעם פלאן פון זיין „ארגאנום“ אין א קליין ווערק, וועלכעס ער האט, א דאנק זיין יוגענד-שטאלץ, און אפשר, ווייל ער האט עס פאראויסגעזעהען מיט זיין נביאות'שער גאונות, גערופען „די גרעסטע ערפינדונג פונ'ם יאהרהונדערט“; נאר גאר די גרעסטע ערפינדונג זיינע האט ער ארויסגעגעבען אויף דעם ניין-און-פופציגסטען יאהר פון זיין לעבען. ביז יענער צייט האט ער ארויסגעגעבען איניגע מערקווירדיגע ווערק, צווישען וועלכע עס געפינען זיך „עקספערימענטען און עצות“—צו זעקס-און-דרייסיג יאהר, „דער ערפאלג פון דער וויסענשאפט“—צו פינף-און-פערציג יאהר, ווען ער איז געווען בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט אלס מיטגליעדער פון פארלאמענט און יוריסט-פראקטיק.

דער צווייטער גרויסער יונגער דענקער פונ'ם זיבצעהנטען יאהרהונדערט איז געווען סער חריסטאפאר רען, חאטש ער איז מעהר בעוואוסט אלס ארחיטעקטאר. פונקט ווי פאסקאל און פיעל אנדערע, האט ער זיך אין זיין קינדהייט אויסגעצייכענט מיט א שוואך געזונד און מיט דעם, וואס זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען האבען זיך פריה-צייטיג ענטוויקעלט. גלייכצייטיג האט ער ארויסגעוויזען אי גרויסען פאעטישען געפיהל און דמיון, אי א מערקווירדיגע נייגונג צו אבסטראקטע וויסענשאפטען און פילאזאפיע. אלט זענענדיג דרייצעהן יאהר, האט ער שוין ערפונדען אנ'אסטראנאמישע ערפינדונג, וועלכע ער האט געווידמעט זיין פאטער אונאיינעם מיט א לאטיינישען שיר. און עטליכע יאהר ארום האט ער שוין גענומען אנ'אנטהייל אין די ערשטע פערזאמלונגען פון די געלעהרטע, וועלכע האבען נאכדעם געבראכט דערצו, אז עס זאל זיך גרינדען די „קעניגליכע געזעלשאפט“. ווען עוועלין האט בעזוכט אקספארד אין יאהר 1654, האט ער געזאגט: „איך האב געזעהען דעם אונגעוועהנליכען יונגלינג חריסטאפאר רען“. ער האט ווירקליך דעם דאזיגען נאמען פערדיענט. אלט זענענדיג צוויי-און-צוואנציג

יאָהר, האָט ער געשטודירט און דעמאָנסטרירט אנאטאָמיע, און האָט גע=
מאַכט איין ערפינדונג נאָך דער צווייטער ביז ארום דריי=און=פופציג יאָהר.
אין געגענטייל פון פּאַסקאַל'ן, האָט רען געלעבט ביז צו דער גאָר טיעפ=
סטער עלטער. ער האָט זיין לעבענס=וועג פערענדיגט, ווען ער איז אלט
געוועזן ניינציג יאָהר. זיין דיענער האָט איהם איינמאָל געטראָפען רוהיג
ליגען אויף דער שטוהל, נישט וויזענדיג שוין קיין שום סימן פון לעבען.

מען קאָן ברענגען נאָך פיעל אנדערע ביישפיעלען פון פיעל יונגע גע=
לעהרטע, וועלכע האָבען זיך גאָר פריה ענטוויקעלט, ווי, למשל, דער שוואַ=
בער, זעהר פריה ענטוויקעלטער שפּינאָזא, וועלכער האָט געשליפען גלאָז,
כדי ער זאָל האָבען מיטלען צו עקזיסטירען און א מעגליכקייט פאָרטצוזע=
צען זיין שטודירען די פילאָזאָפיע, מיט וועלכער ער האָט זיך אנגעהויבען
צו פערנעהמען נאָך קוים, ווי ער איז פון דער קינדערשער עלטער ארוים.
דזשעמס וואַט, וועלכער איז כמעט אין וויעגעלע נאָך שוין געוועזן א דענקער
און האָט ערפונדען די דאַמפף=מאַשין, וואָס האָט אנגעמאַכט אן'איבער=
קעהרעניש אין דער אינדוסטריע פון דער גאַנצער וועלט; געטע, וועלכער
האָט פערטראַכט און איינגערמאַסען אויך אויסגעפיהרט זיינע גרעסטע
שעפּונגען, ווי די וויסענשאַפטליכע, אזוי אויך די פּאָעטישע, ווען ער איז
נאָך פערהעלטניסמעסיג געוועזן זעהר א יונגער מענש; סער וואוליאַם הא=
מילטאָן פון דובלין, וועלכען עס צעהלט איינער פון די נייעסטע שריפט=
שטעלער צווישען די גאונים, די נעמען פון וועלכע דאַרפען אנגערופען ווע=
רען אינאיינעם מיט די גרעסטע גאונים פון אלע עפּאָכען און פון אלע פעל=
קער, ווי: לאַנגראַנזש און ניוטאָן. סער וואוליאַם האַמעלטאָן האָט צו דריי=
צעהן יאָהר שוין גאָר א גרויסע ידיעה געהאַט אין דרייצעהן שפּראַכען.

דער בעוואוסטער פראַנצויזישער קאַרטאָגראַף ד'אַנוויל, איז געוועזן
א צוועלף=יאָהריגעס קינד, ווען, דערזעהענדיג א געאָגראַפישע קאַרטע, האָט
ער דערפיהלט זיין אמת'ען בערוף. ער האָט אנגעהויבען אליין אָהן שום
הילף צו צייכענען די קאַרטעס פון פערשידענע לענדער, וועלכע ווערען דער=
מאָנט ביי די קלאַסיקער. ער האָט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה אין דער
דאָזיגער אַרבייט, אז אלט זעכצעהנדיג צוויי=און=צוואַנציג יאָהר, איז ער בע=
שטימט געוואָרען אלס איינער פון די קעניגליכע געאָגראַפען. אינ'ם משך
פון זיין גאַנץ ארבייטס=לעבען האָט ער ארויסגעגעבען הונדערט פיער קאַר=
טעס פון דער נייער געאָגראַפיע און הונדערט זעקס קאַרטעס פון דער אל=

טער געאָגראַפיע, א חוץ פיעל אנדערע געאָגראַפישע ארבייטען. ער פלעגט געוועהנליך שטענדיג זאגען וועגען זיך, אז ער האט געטראָפען די געאָגראַפיע געמאכט פון ציגעל און ער לאזט זי איבער געמאכט פון גאלד.

ווען ליניי איז אלט געווען ניינצעהן יאהר, האט זיין לעהרער געפונען, אז אויב ער איז גאר אינגאנצען קיין טעמפער נישט, איז אלענפאלס טויג ער נישט צו זיין א גייסטליכער, ווי זיין פאטער האט געוואלט פון איהם מאכען. צום גליק איז ליניי געבוירען געווארען אין א שענעם געגענד, אויף דעם ברעג פון אנ׳אזערע, וועלכע איז ארומגערינגעלט מיט בערג, וואלד און פערזייהטע פעלדער. דאס שענקייט פון דער נאטור און די פערשידענארטיגקייט פונ׳ם גראז, וואס האט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען, האבען ארויסגערופען צום לעבען זיין גאונות. ער אליין האט געזאגט וועגען זיינע קינדערשע יאהרען, אז פון וויעגעלע אן האט ער גלייך אין גארטען אריינגעשפאנט, און אז ער פיהלט, אז עס ציהט איהם ליידענשאפטליך צו בלומען. ווען זיין פאטער האט געזעהען, אז זיין זוהן טויג נישט פאר דער פראפעסיע פון א פאסטאר, האט ער איהם געשיקט שטודירען מעדיצין. דער יונגער ליניי אבער האט זיך די גאנצע צייט נאר איבערגעגעבען באטאניק; נישט דאס ארימקייט, נישט דאס, וואס ער האט פיעל שטערונגען בעגעגענט אויף זיין וועג, האבען איהם געקאנט אראבפיהרען פונ׳ם דאזיגען וועג. זעענדיג בעגייסטערט פון זיין גרויסען דראנג צו וויסען וואס מעהר, האט ער בעשלאסען צו מאכען אליין אנ׳עקסקורסיע איבער לאפלאנד. ער האט דורכגעמאכט אנ׳ערך פון פיער טויזענד מייל, אממעהרסטען צופוס, און האט געבראכט מיט זיך ארום הונדערט פלאנצונגען, פון וועלכע מען האט נישט געוואוסט און מען האט קיינמאל נישט בעשריבען ביז דאמאלס.

דזשאן ריי, דער נאטור=פארשער, וועלכען קוביע רעכענט אלס גרינדער פון דער איצטיגער זאאלאגיע, איז געווען א זוהן פון א שמיד ביי בריינטרי. ער האט בעקומען א גוטע בילדונג און האט זיך אליין אויסגעטראטען זיין וועג אין לעבען. ווען ער איז אלט געווארען דריי=און=צוואנציג יאהר, איז ער בעשטימט געווארען אלס לעקטאר פון גריכיש, און מיט צוויי יאהר שפעטער איז ער אויסגעקליבען געווארען אלס רעפעטיטאר פון מאטעמאטיק אין אוניווערזיטעט, וואו ער האט געלערנט. דערהויפט אבער האבען גאר אינגאנצען איהם צוגעצויגען צו זיך נאטור=געשיכטע, בעזונדערס זאאלאגיע.

ער איז ארומגעפאהרען דעם גרעסטען טייל פון ענגלאנד, אועלס און שאטלאנד, פערנעהמענדיג זיך מיט באטאנישע און זאאלאגישע אויספארשונגען, נישט אויפהערענדיג צו ארבייטען און צו בעאבאכטען, און נישט וויסענדיג פון קיין שום מיעד ווערען אין דער פערפאלגונג פון זיין ציעל. ער האט פארטגעזעצט זיינע רייזעס און אויספארשונגען אויך אין אויסלאנד. נאכדעם האט ער בעזוכט האלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאליען, בעאבאכטענדיג און זאמלענדיג פאקטען אומעטום פאר די ווייטערדיגע וויסענשאפטליכע ארבייטען.

---

## 6'

מיט אט אזא פריהערדיגע נייגונג צו וויסענשאפטליכע בעשעפטיגונגען און צו פונקטליכער בעאבאכטונג האבען זיך אויך אויסגעצייכענט איניגע אנגעזעהענע פארשטעהער פון דער מעדיצין און חירורגיע.

אמברוז פארע, דער גרויסער פראנצויזישער חירורג, האט געדיענט אלס אינגעל ביי די פערד ביי א אבאט אין לאוואל. בשעת מען האט בעדארפט איינעם פון די מאנאכען מאכען א חירורגישע אפעראציע, איז פארע גערופען געווארען, ער זאל בייזיין דערביי, און ער האט זיך ארויסגעוויזען אויף אזוי פיעל נוציג, און אינאיינעם מיט דעם, איז ער אויף אזוי פיעל בעגייסטערט געווארען מיט דעם אלעם, וואס ער האט געזעהען, אז ער האט בעשלאסען, זיך נעהמען שטודירען חירורגיע, אויף דעם געביעט פון וועלכען ער האט ערווארבען נאכדעם אזא גרויסען נאמען.

וועגען סער אסטעל קופער דערצעהלט מען, אז דער פאלגענדער צופאל האט געווירקט אויף איהם, ער זאל זיך אויך אויף דעם איינענעם וועג שטעלען. א יונגערמאן איז אונגעריכט איבערגעפאהרען געווארען פון א וועגעלע. עס זענען איבערגעריסען געווארען איניגע אדערען, און מען האט געקאנט מורא האבען, ער זאל נישט אבגעהן מיט בלוט. דאן איז פלוצלינג קופער געפאלען אויף א שכל און האט איהם פערבונדען די פוס העכער, וואו די וואונד איז געוועזען, אויף אזוי פיעל איינגעצויגען, אז דער בלוטשטורץ האט באלד אויפגעהערט. דער דאזיגער רעזולטאט האט איהם אויף אזוי פיעל צופריעדענגעשטעלט, אז ער האט בעשלאסען צו פערנעהמען זיך

מיט חירורגיע, אויף דעם געביעט פון וועלכער ער האט ווירקליך נאך גיך זעהר גרויסען ערפאלג געמאכט.

דער בערימהטער חירורג פעפו האט צום ערשטען צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פונ'ם בערימהטען אנאטאם ליטרע, ווען ער האט נאך אין די קינדערשע יאהרען אויסגעפיהרט פערשידענע וויוויסעקציעס איבער קראליקלעך. פון זיבען יאהר אן האט ער שוין פינקטליך בעזוכט ליטרע'ס לעקציעס. אין א משך פון צוויי יאהר האט ער אזוינע גרויסע ידיעות ערווארבען אין אנאטאמיע, אז די השגחה איבער דעם אנאטאמישען טעאטער, וואו מען האט דעמאנסטרירט די פרעפאראטען, האט מען אויסשליסליך נאר איהם איבערגעגעבען, און א מערקווירדיג בילד האט מען געקאנט זעהן דארטען—א נײן־ אדער צעהן־יאהריגעס קינד גיט פון דער קאפעדרע ערקלערונגען אין אנאטאמיע, צו וועלכע עס הערען זיך צו מיט דעם גרעסטען אינטערעס ספעציאליסטען זאגאר. מיט דער אייגענער לײדענשאפט האט ער זיך אויך דער חירורגישער וויסענשאפט איבערגעגעבען, און האט נאך גיך ערווארבען א נאמען אלס איינער פון די בעסטע פארשטעהער פון דער אפעראטיווער חירורגיע אין פראנקרייך.

בלומענבאך, וועלכען מען רופט דער פאטער פון אנטראפאלאגיע, האט גאר פריה ארויסגעוויזען א נייגונג צו שטודירען נאטור־געשיכטע און דעם בוי פונ'ם מענשען. ווען ער איז צעהן יאהר אלט געווען, האט ער בעקומען א קינסטליכען סקעלעט, ער זאל שטודירען דורך איהם די פערגלייכינגס־אסטעאלאגיע, וועלכע האט איהם שוין דאמאלס אינטערעסירט. אין גאט, דארטען, וואו ער האט געוואהנט, האט זיך געפונען נאר איין ריכטיגער סקעלעט, וועלכער איז געווען דאס אייגענטום פון א דאקטאר, וועלכער איז געווען בעפריינדעט מיט בלומענבאכ'ס פאמיליע. דאס אינגעל פלעגט אלזא אונאויפהערליך געהן צום דאקטאר, כדי ער זאל אויסשטודירען דערוייל דעם סקעלעט, וואס איז געשטאנען ביי איהם אין הויז. ענדליך האט ער זיך גענומען פאר דער ארבייט צוזאמענצושטעלען א סקעלעט פון די ביינער פון הויז־חיות, און ביי געוויסער געשיקטקייט און געדולד, האט ער ווירקליך געמאכט עטוואס אזוינס, וואס דערמאנט אן א מענשליכען סקעלעט. דאס איז געווען א בעשיידענע התחלה פון דער אסטעאלאגישער קאלעקציע, וועלכע האט שפעטער ערווארבען אזא נאמען אין אייראפא.

ווען בלומענבאך איז אלט געווארען זיבצעהן יאהר, האט ער אריינ־

געטראָטען אין י ע נ ע ר אוניווערזיטעט, און ווען עס איז איהם צוואַנציג יאָהר געוואָרען—איז ער איבערגעגאַנגען אין געטינגענער אוניווערזיטעט. ווען ער איז אַלט געווען דריי־און־צוואַנציג יאָהר, האָט ער אָנגעשריבען דאָס ערשטע פון זיינע בערידמטע ווערק „וועגען די נאַטירליכע פערשידענאַרטיגקייטען פון דעם מענשליכען מין“.

באַשאַ האָט זיך נאָך אין דער קינדהייט זאָגאָר אויסגעצייכענט מיט זיין אונערמידעט ווערען צו אַרבייטען. אַלעס, וואָס ער האָט דערגרייכט, איז אָבגעטהון געוואָרען דורך איהם אין אַ משך פון גאָר אַ קליינער צאָהל יאָהרען, וואָרום אויף דעם דריי־און־דרייסיגסטען יאָהר איז ער שוין געשטאָרבען. באַקל דריקט זיך אויס וועגען זיין גרויסער אַרבייט „אַנאַטאָמיע גענעראַל“, וועלכע איז ערשיענען מיט אַ יאָהר פריהער, איידער ער איז געשטאָרבען, אַז זי שטעלט מיט זיך זיכער פאַר גאָר דעם ווערטפולסטען אוצר, וואָס איז ווען עס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער פיזיאָלאָגיע דורך איין מענשען. פיגעל שרייבט אין זיינע מעמואַרען וועגען באַשאַ'ן, אַז אין „איין ווינטער האָט ער אויפגעשניטען מעהר ווי טויזענד טויטע קערפער“. אונזער מוח קאָן עס גאָר מיט גרויס שוועריגקייט פערשטעהן, אַז דאָס לעבען פון איין מענשען זאָל גענוג זיין פאַר אַזוי פיעל אַרבייט, פאַר אַזוי פיעל ערפינדונגען שוין געמאַכטע אָדער נאָר אָנגעמערקטע זאָגאָר: באַשאַ איז געשטאָרבען נישט לעבענדיג אפילו גאַנצע דריי־און־דרייסיג יאָהר.

דער בערימטער דאָקטאָר און נאַטורפאָרשער בורגאָף האָט איבערזעצט גריכישע און לאַטיינישע שריפטשטעלער, ווען ער איז אַלט געווען עלף יאָהר און האָט געהאַלטען אַ מערקווירדיג שענע רעדע פאַר דעם פּראָפעסאָר פון גריכיש צו צוועלף יאָהר, און אין דעם קומענדען יאָהר האָט ער בעקומען דעם טיטול פון דאָקטאָר פילאָזאָפיע. סער געמפרי דעווי האָט אַרויסגעוויזען אויף אַזוי פיעל גרויסען ערפאָלג אין חימיע, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, אָהן שום זייטיגער הילף, אַז צו צוואַנציג יאָהר האָט מען איהם שוין איבערגעגעבען דעם פּנעווּמאַטישען אינסטיטוט אין בריסטאָל. דאָקטאָר דזשענער האָט, אַלט זייענדיג נאָך ווייניגער ווי צוואַנציג יאָהר, פערזיכערט אין דער מעגליכקייט צו פערניכטען איינע פון די שרעקליכסטע שלאָפקייטען, וואָס פייניגען די מענשהייט, און מיט דער צייט האָט ער פאָלקאָם ערפאָלג דערגרייכט.

דער בעריהמטער נאטוראליסט דאקטאר ריטשארד אאוען איז צוויי מאל געפרובט געווארען, ער זאל אויסמיידען דעם וועג, וועלכער האט איהם, ענדליך, געפיהרט צו זיין רוהם. פריהער האט ער בעדארפט ארייננטרעטען אין פלאט און האט געדיענט אלס מיטשמאן אויף דער דאמפף-שיף „טריבונע", ווען עס האט זיך געענדיגט די אמעריקאנישע מלחמה, איז צולאזט געווארען דער עקיפאזש פון דער דאזיגער שיף, און אאוען האט זיך אומגעקעהרט אהיים און איז אנגעקומען אלס שילער צו א חירורג אין לאנקעסטער. נאכדעם האט מען איהם געשיקט קיין עדינבורג, וואו ער האט געארבייט אונטער דער אנפיהרונג פונ'ם דאקטאר בארקליי און האט דערפיהלט אין זיך א שטארקע נייגונג צו פערגלייכונגס-אנאטאמיע. ווען ער איז איבערגעגאנגען נאכדעם אין א לאנדאנער האספיטאל, האט ער צוגעצויגען צו זיך ד יאויפמערקזאמקייט פונ'ם בעריהמטען חירורג דשאן עבערנעט און פלעגט איהם העלפען, ווען מען פלעגט בעדארפען אבשניידען טויטע קערפער. דאס בעקומען א דיפלאם פון א חירורג האט נישט פערשפראכען אאוענ'ען קיין שום בעשטימטע האפנונגען, ער זאל ווייטער אוועק אין דער דאזיגער פראפעסיע, און ער האט בעשלאסען זיך לאזען ווידער אמאל אין ים. ער האט זיך דערשלאגען, מען זאל איהם בעשטימען אלס חירורג-געהילף און איז געגאנגען געזעגענען זיך מיט זיין עקסצענטרישען פריינד און לעהרער. „וואס איז אזוינס? — האט געפרעגט עבערנעטי. וואוהין פאהרט איהר עס?"—„איך לאז זיך אין ים, סער".—„איהר לאזט זיך אין ים? איהר לאזט זיך צום טייוועל.—איך וויל האפען, אז ניין...—איך זאג אייך, אז איהר וואלט זעהר גוט טהון, ווען איהר זאלט גאר מיט אמאל געהן צום טייוועל—און עבערנעטי האט איהם אנגעהויבען אויסרעכענען אלע נסיונות, שוועריגקייטען און פערלירען פון צייט און נאמען, וועלכע בעדארפען ארויספאלגען פון אזא אונבעטראכטען טריט, און האט געפאדערט, ער זאל זיך אויף דער צווייטער וואך ווידער אמאל זעהן מיט איהם. ווען עס האט זיך געענדיגט די דאזיגע צייט, האט זיך אאוען ווידער א מאל געזעהען מיט זיין אפענהערציגען פריינד, וועלכער האט איהם פארגעלעגט אנ'ארט אין דעם חירורגישען קאלעדזש. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען, און דער יונגער אנאטאם האט זיך געפונען אין זעהר גוטע בעדינגונגען—ער האט געהאט די מעגליכקייט צו ארבייטען מיט א מענשען, מיט וועלכען ער איז זיך צונויפגעגאנגען לויט זיין גייסטיגער ענטוויקלונג

און ריכטונג. אמת אפילו, אז דער פלאט האט אין איהם א גוטען דיענער פערלארען, דערפאר אבער האט אין איהם די וויסענשאפט פערדיענט איינעם פון איהרע שענסטע ציהרונגען. ת

מאנטעסקיע האט צוזאמענגעשטעלט דעם פלאן פון זיין „דער גייסט פון די געזעצען“, ווען ער איז צוואנציג יאהר אלט געווען. גרעסע האט אנגעשריבען „ווער ווערט“, איינע פון די גייסטרייכסטע ווערק פון דער פראנצויזישער ליטעראטור, ווען ער איז אלט געווען נאר פיער-און-צוואנציג יאהר. דער טאלענט פון ווילמען איז געווען אויף אזוי-פיעל בעוואוסט, אז, ווען ער איז צוואנציג יאהר אלט געווען, איז ער בעשטימט געווארען אלס פראפעסאר פון ריטאריק אין קאלעדזש פון קארל דעם גרויסען אין פאריז. קוזען האט בעקומען די עהרען-פרעמיע פון'ם פראנצויזישען אינסטיטוט, ווען ער איז אלט געווען זעכצעהן יאהר; און די איינגענע יאהרען האט אויגוסט קאנט פערנומען דעם ערשטען פלאץ אלס מאטעמאטיקער און פאליטעכניקום.

דאקטאר וואליאם אוסטאן האט נאך זעענדיג א קינד ארויסגעוויזען אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען צו שטודירען שפראכען. ווען ער איז אלט געווען פינף יאהר, האט ער שוין געקענט לייענען און האט אויך פערשטאנען לאטיין, גריכיש און העברעאיש. אלט זעענדיג צעהן יאהר, האט ער שוין געקענט כאלדעאיש, סיריש און אראביש. ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו וואהנען אין אוועלס, האט ער פאלשטענדיג ערווארבען די ארטיגע שפראך, נאר פונקט, ווי מעצאפאנטי, וועלכער האט געקענט נאך פיעל מעהר שפראכען, האט ער גארנישט אבגעטהון אויף דער וועלט, א חוץ דעם, וואס ער האט זיי געשטודירט. ער האט קיין איין געדאנק נישט איפערגעלאזט, וועלכער זאל קאנען צונוץ קומען אנדערע. די פריהערדיגע ענטוויקלונג פון ביידע האט צו קיין שום פאזיטיווע רעזולטאטען נישט געבראכט.

א פאלשטענדיגען געגענזאץ אין דעם זין שטעלט מיט זיך פאר סער וואליאם דזשאנס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פעהיגקייטען נאך אין דער צייט, ווען ער האט זיך געלערנט אין שולע. זיין פאטער איז אן'אויסגעצייכענטער מאטעמאטיק געווען, ער איז אבער געשטארבען, ווען דעם קינד איז דריי יאהר געווען. באלד ווי דזשאן האט זיך אנגעהויבען לערנען, האט ער איבערגעשטיגען אלע זיינע חברים. דער דאקטאר טעקעריי,

וועלכער איז געוועזן דירעקטאר פון דער שולע, האט געזאגט וועגען איהם: „ווען מען וואלט דזשאנס'ען איבערלאזען א נאקעטען אין הילפסלאזען אויף דעם סעליסבעריר פעלד, וואלט ער דאך אבזוכען פאר זיך דעם וועג, וועלכער זאל איהם פיהרען צו ריהם און וואוילשטאנד".

סער דזשעמס מעקינטאש, אויף וועלכען מען האט גרויסע האפנונגען ארויפגעלעגט אין דער יוגענד, איז טאקי אלץ פערבליבען אזוי מיט דעם נאמען „פיעל פערשפרעכענדער מאן" ביז צום טויט. זיין נאמען פלעגט מען אפט דערמאנען אין דעם געגענד פון פאסטראזא, וואו ער האט גע־וואהנט, אלס וואונדער פון געלערנטקייט. ער האט אבער קיין מאל קיין צייט נישט געהאט, און מעגליך אויך קיין גערולד נישט געהאט, ער זאל ווערען אמת בערימט. ער פלעגט שטענדיג פערנעהמען זיך מיט דער ענטשיידונג פון א וועלכער עס איז פראגע, און נאכדעם פלעגט ער שוין אברוהען זיך נאך דער דאזיגער ארבייט. נאך זעגענדיג א אוננעל, פלעגט ער לעזען און טראכטען גאנצע נעכט, און אויסוואקסענדיג, פלעגט ער לעזען און טראכ־טען שטענדיג, ביי טאג און ביינאכט, ער האט אבער נישט פערווירקליכט די גרויסע האפנונגען, וואס מען האט געהאט וועגען זיין קאריערע.

דער בעוואוסטער מעטאפיזיק טאמאס ברוין איז מעהר נישט אלט געוועזן, ווי אכטצעהן יאהר, ווען ער האט אנגעשריבען און ארויסגעגעבען זיינע „בעמערקונגען אויף דארווינ'ס זאאנאמיע"; זיין הקדמה צו דעם דא־זיגען בוך האט אין זיך שוין ענטהאלטען די התחלה פון זיין טעאריע, דורך וועלכער ער איז שפעטער בערימט געווארען. דאקטאר ברוין איז בעשטימט געווארען אלס פראפעסאר פון עטיק אין עדינבורגער אוניווערזיטעט, און זיינע לעקציעס, וועלכע זענען אבגעדרוקט געווארען נאך זיין טויט, רעכע־נען זיך אלס די בעסטע לעהרביכער איבער דעם דאזיגען געגענשטאנד.

דער דאקטאר ברוין איז געווארען א מיטארבייטער פון „עדינבורגער רעווי" אויף דעם פיער־און־צוואנציגסטען יאהר פון זיין לעבען. דער דאזיגער זשורנאל, וועלכער איז ערשינען איין מאל אין דריי חדשים איז אממעהר־סטען געגרינדעט געווארען און געפיהרט געווארען דורך יונגע לייט—הענ־רי בלום דריי־און־צוואנציג יאהר, פרענסיס הארנער—פיער־און־צוואנציג, פרענסיס דזשעפריי—ניין־און־צוואנציג; און סידניי סמיט—איין־און־דרייסיג. דער לעצטער איז געגאנגען שטענדיג פאראויס אין די קונדערשע יאהרען אי אין שפיעלען זיך, אי אין לערנען.

דאָקטאָר אלעקסאנדער מעריי איז געוועזן אין די קינדערשע יאָהרען א פאסטוך און זיין פֿאָטער האָט איהם געהאלטען פֿאר א פֿוילען און א נאר. ער פֿלעגט שטענדיג אבטהון אומגעלומפּערטע מעשים און נארישקייטען, ווען מען פֿלעגט איהם שיקען אין פֿעלד אדער מען האָט איהם געצוואונגען פֿערטרייבען די סטאדע אהיים. דאָס האָט געשטאמט דערפֿון, וואָס שוין דאמאָלס זענען איהם די געדאנקען געווען מעהר פֿערנומען מיט לערנען, ווי מיט פּאשען בהמות. ווען ער איז פֿופֿצעהן יאָהר אלט געווען, האָט ער זיך אליין אויסגעלערנט לעזען די לאטיינישע קלאסיקער. אוועקלאָזענדיג זיין פֿריהערדיגע פּראָפֿעסיע, איז ער אריינגעטראָטען אלס לעהרער אין א שולע, און אין דער פֿרייער צייט האָט ער געשטודירט דייטש, אנגלאָ=סאַקסאָניש און וועסט=גאָטיש און אויך דעם דיאלעקט פֿון אועלס. אין א משך פֿון גאָר א קליינער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט אלע אייראָפּעאישע שפּראכֿען, און האָט אנגעהויבען זיינע אויספֿאָרשונגען שוין איבער די מעהר ווייטערע שפּראכֿען, ווען ער איז דרייסיג יאָהר אלט געווען, האָט ער זיך גערעכֿענט אלס איינער פֿון די געלערנטסטע לינגוויסטען פֿון זיין צייט און ווען ער איז זעקס=און=דרייסיג יאָהר אלט געוואָרען איז ער בעשטימט געוואָרען אלס פּראָפֿעסאָר אויף דער קאפֿעדרע פֿון די אריענט=שפּראכֿען, וועלכֿע האָט זיך דאמאָלס בעפֿרייט אין עדינבורג.

עס האָט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די צופֿיעל אנגעשטרענגטע ארבייט פֿון מוח, וועלכֿע האָט זיך אזוי פֿיעל צייט געצויגען, איז געווען נישט פֿאר די כחות פֿון זיין שוואכֿען ארגאן און ער האָט זיך געהאלטען אויף דעם פּלאץ, אויף וועלכֿען דאָס לעבען האָט איהם אוועקגעשטעלט, נישט מעהר ווי איין יאָהר: ווען ער איז געשטאָרבען, איז ער מעהר ווי זיבען=און=דרייסיג יאָהר נישט אלט געווען.

נישט זעלטען קומט אויס צו הערען א מיינונג, אז די אינגלעד, וועלכֿע צייכֿענען זיך אויס אין די העכֿערע און נידריגע שולען, ווייזען זיך נאָכֿדעם מיט גארנישט ארויס אינ'ם ווירקליכֿען לעבען. „נישט פֿיעל, זאָגט סער עדזשערטאָן ברעדוש, פֿון די וואָס בעקומען עהרען=דיפּלאָמען אין די אוניווערזיטעטען, צווינגען נאָכֿדעם די וועלט, זי זאָל רעדען פֿון זיי“. דאָס איז דאָך כּלל נישט שטענדיג אמת. די בעזונדערע גייסטיגע פֿעהיגקייטען, וועלכֿע פֿערזיכֿערען א קינפֿטיגען זיכֿערען פּלאץ אין לעבען, הויבען אן ארויסצווייזען זיך אין זייער לעבענספֿעהיגקייט אין די יאָהרען, וואָס צווי=

שען דעם זיבצעהנסטען אדער דעם אכטצעהנסטען און צוויי=און=צוואנציגסטען אדער דריי=און=צוואנציגסטען. די פעהיגקייט צו דענקען טרעט אריין דאמאלס אין זיינע רעכט אין דער גייסטיגער ארגאניזאציע, און די פעהיגקייט צו פערשטעהן גיט א נייע פארם און פארבונג אלעם, וואס נעהט דורך דורך אונזער מוח. א דאנק דעם, אז די יונגע לייט, וואס צייכענען זיך אויס מעהר ווי אנדערע אין די העכערע און נידעריגע שולען, צייכענען זיך געוועהנליך אויס אויך אינ'ם ווירקליכען לעבען. אלס ביישפיעל קאנען מיר נעהמען די געשיכטע פון איינציגע מעהר אנגעזעהענסטע מלוכה=פיהרער אין ענגלאנד.

לארד טשאטען, טשארלז, דזשעמס, פאקס, אואינדנעם, גרענוויל און אועללעסליי זענען געווען די בעסטע שולער אין דער איטאנער שולע. אין אקספארד האט טשאטען נישט ערווארבען קיין שום בעזונדערע אויסצייכנונגען. אויף דעם צוואנציגסטען יאהר טרעפען מיר אוהם אלס קארנעט אין קאוואלעריע=פאלק. ווען ער איז זעקס=און=צוואנציג יאהר אלט געווען, איז ער אריינגעטראטען אין פארלאמענט, און מיט צוויי יאהר שפעטער האט ער געהאלטען זיין ערשטע רעדע, וועלכע האט מיט אמאל צוגעצויגען אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. מען דערצעהלט, אז דער דאזיגער „שרעקליכער קארנעט" האט געווירקט דערויף, אז דער סער ראבערט וואלפאל זאל דערפיהלען א וועהטאג אין רוקען דאמאלס, ווען ער האט זיך אויפגעהויבען צו רעדען, חאטש ער איז געווען איינער פון די בעגייסטערטע אראטארען.

גאר אנדערש פון אוהם איז געווען אואיליאם פיט, א „געבוירענער מיניסטער", חאטש, נאטירליך, דא האט געשפיעלט גאר א גרויסע ראליע אויך דאס, וואס ער איז געבוירען געווארען פון אזא פאטער, ווי ער האט געהאט. דאס האט געהאט גאר א גרויסע בעדייטונג פאר דער פארמירונג פון זיין מוח און כאראקטער.

דער יונגער פיט איז געווען א שוואך און קרענקליך קינד, נאר מיט א מערקווירדיגער גייסטיגער ענטוויקלונג פאר זיינע יאהרען. ער איז ערצויגען געווארען אין שטוב, אממעהרסטען אונטער דער השגחה פון זיין פאטער. לערד האלענד פלעגט זאגען וועגען דעם קליינעם אואיליאם פיט, אז ער איז ווירקליך געווען דאס קלוגסטע קינד, וועלכעס זי האט ווען עס איז געזעהען. ווען ער איז צוועלף יאהר אלט געווען, האט ער אויף גאר ווייט איבערגעיאגט זיין ברודער, וועלכער איז געווען אויף דריי יאהר עלטער פון

## 7.

פֿון די מלוכה=לייט אין דער לעצטער צייט האָבען פֿיל און גלאַדסטאַן בעקומען אין אָקספֿאָרד די העכסטע פּרעמיעס, פֿיל האָט בעקומען סמיכות אויף געלעהרטער, ווען ער איז אלט געווען 20 יאָהר, מיט א אויסצייכנונג, וועלכע איז ביז דאמאָלס קיינמאָל נאָך נישט געגעבען געוואָרען: מיט „פּרעמיעס פֿון ערשטען סאָרט פֿאַר די אַלטע שפּראַכען און מאטעמאַטיק". נאָכדעם האָט צו דעם זוכה געווען אויך גלאַדסטאַן, לאָרד קאַרדוועל און לאָרד אוּעסטבערי.

---

צולעצט וועלען מיר זאָגען נאָך אייניגע ווערטער וועגען די גרויסע היסטאָרישע יונגלעך. חאָטש נישט שטענדיג טרעפֿט עס זיך, אז מענשען זאָלען זיך שטעלען בייַ דער מאַכט, איידער זיי האָבען נאָך נישט ערוואָרבען קיין ערפֿאַהרונג, וועלכע קומט געוועהנליך אינאיינעם מיט די יאָהרען, דאָך זעהען מיר, אז אייניגע פֿון די גרעסטע מושלים און מיליטער=אַנפֿיהרער אין דער אַלטער ווי אויך אין דער נייער צייט זענען געווען פֿערהעלטנישמעסיג נאָך זעהר יונגע=לייט. גאונות און רעגיערען האָט אין זיך [illegible] וואָס עהנליכעס אויף אינסטינקט.

פּעמיסטאָקאַל האָט שרעקליך געגאַרט אין די יונגע יאָהרען צו ריהם. ער האָט געשטרעבט אויסצוצייכענען זיך אין זיין דינען דעם פֿאָטערלאַנד. אלט זייענדיג נישט מעהר, ווי 30 יאָהר האָט ער אָנגעפֿיהרט מיט דעם גריכישען פֿלאָט, ווען די גריכען האָבען זיך געשלאָגען אויפֿ'ן ים מיט די פּערסען.

אַלעקסאַנדר דער גרויסער איז נאָך מעהר יונגער הערשער און מיליטער אַנפֿיהרער געווען, ווען ער איז 20 יאָהר אלט געווען, ווי ער איז אויף דעם טהראָן ארויף אין מוקדען, האָט ער שוין בעדאַרפֿט א שטורמישען אויפֿשטאַנד אונטערדריקען. דאָס האָט זיך איהם זעהר גרינג איינגעגעבען און לאַזענדיג זיך נאָכדעם צו דרום=צו האָט ער איינגענומען די הויפּטמלוכות פֿון גריכענלאַנד. אויף דעם 22=טען יאָהר האָט ער צונויפֿגענומען

דאס חיל צו נעהמען מלחמה האלטען מיט די פערסען. די דאזיגע מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען נצחון פאר אלעקסאנדר מוקדון. אין קומענדען יאהר האט ער זיך געלאזט אין קליין-אזיען, און האט דארטען אויך געזיעגט. אינ'ם משך פון זיין הערשען, וואס האט זיך געצויגען 2 יאהר האט זיך פערשפרייט זיין ממשלה פון די ברעגען פונ'ם מיטעל-מעער ביז די מזרח-געגענדען פון אינדיען. ער איז געשטארבען אלט זייענדיג 31 יאהר.

ספיציאן און פאמפ ייהאבען ארויסגעוויזען זייער גרויסקייט נאך אין דער יוגענד. ספיציאן האט געזיעגט ביי דער מלחמה ביי זאן, ווען ער איז אלט געווען 29 יאהר, און פאמפיי האט זיך אויסגעצייכענט נאך אין די יונגערע יאהרען. ווען ער איז אלט געווען 23 יאהר האט ער צונויפגענומען די ארמעע, און שטעהענדיג בראש פון איהר, האט ער איינגענומען מארק ברוט'ען. אין קומענדען יאהר, ווען ער איז נאך געווען א „אונבערדיגער יונגלינג", ווי זיינע שונאים האבען אויף איהם געשריבען, האט ער געמאכט א געלונגענעם מארשרוט איבער אפריקא און האט זיך אומגעקעהרט מיט טריאומף קיין רוים.

האניבאל איז געווען איינער פון די גרעסטע מיליטער-לייט אין אלטערטום. ער איז ערצויגען געווארען אלס מיליטער-מאן אין די לאגערען פון האמילקארן און האסדרובל. נאכ'ן טוידט פונ'ם לעצטען, איז האניבאל, וועלכען עס איז דאמאלס געווען נישט מעהר, ווי 26 יאהר, אליין געשטאנען אן דער שפיץ פון דער גאנצער קארטאגער ארמעע. איינגעהמענדיג די שפאנישע שבטים, וועלכע האבען נאך איינגעהיט ביז דאמאלס זייער אונאבהענגיגקייט, האט ער אנגעווענדעט זיין געוועהר געגען רוים. אויף דעם 28-טען יאהר האט ער גענומען סאגונט נאך א 8 חדשים'דיגער בעלאגערונג; נאכדעם איז ער איבערגעגאנגען די פירינעען, געלאזט זיך צו ראן צו, ער איז איינגעדרונגען אין איטאליען דורך די אלפען, און נאך פיעל געלונגענע צוזאמענשטויסונגען האט ער געוואונען דעם גרויסען קאמפף ביי די קאנען, ווען ער איז אלט געווען 31 יאהר.

אין מיטעל-אלטער זיינען קארל דער גרויסער און קארל מארטעל געווען גרויסע מיליטער-לייט שוין אין די גאר יונגע יאהרען. מארטעל „דער האמער", ווי מען האט איהם גערופען, האט פערניכטעט די סאראצינער ביי טור, זייענדיג נאך זעהר יונג פערהעלטניסמעסיג, און דערט'ע האט ער

דעם גאנצען שיקזאל פון אייראפא געענדערט. קארל דער גרויסער איז צו
30 יאהר געווען דער הערשער פון פראנקרייך און גערמאניען. גלייך מיט
אלעקסאנדר דעם גרויסען און מיט צעזער'ען איז זיין נאמען געווען פון
די גרעסטע אין דער פריהערדיגער געשיכטע פון אייראפא.

ווילהעלם דער ערקעמפפער האט אלט־זייענדיג 20 יאהר, צעקלאפט
די צעבונטעוועטע אדעל־לייט, ווען ער האט מלחמה געהאלטען ביי וואל־
דע־דיון, און ווען ער איז 38 יאהר אלט געווען האט ער געזיעגט ביי האס־
טינגס'ען; דער דאזיגער זיעג האט איהם געמאכט פאר הערשער איבער
ענגלאנד. עדוארד, דער שווארצער פרינץ האט צו 16 יאהר קאמאנדעוועט
מיט דעם הויפט־אטריאד פון דער ענגלישער ארמעע אין דער מלחמה ביי
קרעסי. ווען זיין פאטער האט דערזעהען, ווי זיין זוהן האט זיך געווארפען
זיין טאג". ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט איהם דער פאטער א
קוש געטהון און געזאגט: „מיין ליעבער זוהן, גאט האט דיר בעשענקט
אין סאמע געפעהרליכסטען ארט פונ'ם קאמפף, האט ער געזאגט: „זאל
דאס קינד פערדיענען שפארען פאר זיך, און זאל דער דאזיגער טאג זיין—
מיט העלדענמוט; דו ביזט מיין אמת'ער זוהן, דו האסט היינט פיעל מאל
בעוויזען, אז דו ביזט ווערט די קרוין". מיט 10 יאהר שפעטער, האט דער
שווארצער פרינץ געזיעגט ביי פיאטיע. היינריך V איז אלט געווען 27 יאהר,
ווען ער האט אבגעהאלטען זיין גלענצענדען נצחון ביי אזינקור.

איינגע פון די מעהר אויסגעצייכענטע הערשער און מיליטער־אנ־
פיהרער פון פראנקרייך האבען זיך אויך ארויסגעוויזען נאך גאר אין די
יונגע יאהרען. הענריך דער נאווארער איז אלט געווען זעכצעהן יאהר, ווען
ער איז אנערקענט געווארען אלס אנפיהרער פון די הוגענאטען. נאך דער
צינגסטען יאהר פון זיין לעבען, האט זיך הענריך געשטעלט בראש פון די
ווארפאלאמער־נאכט, וועלכע איז פארגעקומען אויף דעם דריי־און־צוואנ־
פראנצויזישע קאלוויניסטען און האט אנגעפיהרט מיט זיי אין א גאנצער
רייהע פון גרויסע ארויסטרעטונגען. ווען ער איז פיער־און־דרייסיג יאהר
אלט געווען, האט ער געזיעגט ביי קוטראט, און באלד נאכדעם, ביי ארקא
און ביי איוורי. דעם זיעג ביי ארקא האט הענריך אבגעהאלטען מיט פינף
טויזענד מאן, דעמאלט, ווען ביי זיין געגנער, ביים מאיענער הערצאג, איז
געווען פינף־און־צוואנציג טויזענד מאן. הענריך האט איהם בעזיעגט דער־

הויפט א דאנק זיין יונגער ענערגיע און טעטיגקייט. וועגען איהם פלעגט מען זאגען, אז ער פלעגט א סך ווייניגער צייט אין בעט פערברענגען, ווי זיין געגנער פלעגט ביים טיש פערברענגען. ווען עמיצער האט אמאל אנגעהויבען צו לויבען אין זיין געגענווארט דאס בריה'שאפט און דאס געשיקטקייט פון זיין געגנער, האט ער זיך אנגערופען: „איהר זענט גערעכט, ער איז א גרויסער מיליטער-אנפיהרער, איך בין אבער שטענדיג אויף פינף שעה ווייטער פון איהם“. הענריך פלעגט אויפשטעהן פיער אזייגער פארטאג, און דער מאיענער הערצאג ארום צעהן אזייגער.

קאנדע איז געווען א צווייטער בעריהמטער יונגער מיליטער-אנפיהרער אין פראנקרייך. זיין בריה'שאפט אן זיינע שטענדיגע נצחונות האבען איהם ערווארבען דעם נאמען „דער גרויסער“. ווען ער איז צוואנציג יאהר אלט געווען, האט ער געוואונען ביי ראקרוא די מלחמה, וואס ער האט געפיהרט מיט די שפאניער, וועלכע זענען געווען פיעל מעהר, ווי זיין מיליטער. נאכדעם האט ער עטליכע מאל נאכאנאנד צוקלאפט דאס מיליטער פונ'ם גערמאנישען אימפעראטאר ביי פריבור און נארדלינגען, און אין קומענדען יאהר—ביי לענס און ארטוא; די דאזיגע אלע זיגען האט ער ערווארבען ביז צום זיבען-און-דרייסיגסטען יאהר.

ביידע גרויסע שוועדישע אנפיהרער—גוסטאוו אדאלף און קארל דער צוועלפטער—זענען נאך אינגלער געווען, ווען זיי האבען צום ערשטען זייערע מיליטערישע פעהיגקייטען ארויסגעוויזען. גוסטאוו אדאלף האט גע'ירש'ענט די שוועדישע קרוין, ווען ער איז זיבצעהן יאהר אלט געווען. ער האט נאך נישט בעוויזען צו נעהמען די לייצען פון דער ממשלה צו זיך אין די הענד, האט זיך זיגיזמונד, דער פוילישער קעניג, וועלכער האט געהאט פרעטענזיעס אויף דער פוילישער קרוין, אריינגעריסען אין לאנד. אין דערזעלבער צייט זענען די רוסען אנגעפאלען אויף דעם צווייטען טייל פון זיין מדינה. נאך דער מלחמה, וועלכע האט זיך מעהר ווי ניין יאהר געצויגען, האט גוסטאוו אדאלף זיינע ביידע שונאים בעזיעגט און האט פעראייניגט מיט זיין מלוכה ריגא און א טייל פון ליפלאנד.

די קאריערע פון קארל דעם צוועלפטען איז געווען נאך א מעהר גלענצענדע. קארל איז ארויפגעטראטען אויף דעם טראן, ווען ער איז אלט געווען פופצעהן יאהר. ער איז נאך קיין גאנצע אכטצעהן יאהר נישט אלט

געוועו, ווען עס האט זיך געבילדעט דער פערבאנד, און וועלכען עס זענען אריינגעגאנגען דער רוסישער קייזער, דער פוילישער קעניג און נאך אנדערע, מיט דעם צוועק, מען זאל צוטיילען צווישען זיך שוועדען. קארל האט באלד ארויפגעזעצט זיין ארמעע אויף זעגעל־שיפען, ער האט זיך געלאזט אויף קאפענהאגען, בעלאגערט די שטאדט און אין א משך פון עטליכע וואכען, האט ער געצוואונגען דעם דענישען קעניג, ער זאל שליסען מיט איהם שלום. נאכדעם איז ער געגאנגען אויף רוסלאנד: ער האט ארויסגעזעצט אין ליפלאנד אנ'ארמעע פון אכט טויזענד מאן, און איז ארויסגעטראטען געגען די רוסען, וועלכע האבען אין יענער צייט בעלאגערט נארווא—האבענדיג פיעל מעהר קרעפטען, און נאך א הייסען קאמפף, האט ער זיי געצוואונגען אבצוטרעטען. דאן האט דער אכטצעהן־יאהריגער קעניג אנגעווענדט זיין וואפען געגען דעם פוילישען קעניג אויגוסט, און אבהאלטענדיג עטליכע נצחונות איבער דער פוילישער ארמעע, האט ער אראבגעווארפען אויגוסט'ן פון טראן און האט געמאכט אויף זיין ארט אנ'אנדער קעניג. דער דאזיגער אונגעוועהנליכער ערפאלג האט אבער נאך מעהר צופלאקערט קארל'ס איינגענליעבע. אנשטאט דעם, וואס ער האט זיך בעדארפט בעגוגענען מיט דער מפלה, וואס זיינע שונאים האבען געהאט, האט זיך איהם געגלוסט פאלשטענדיג איבערצושטייגען פעטער'ען, וועלכער איז געוועזען דער גרעסטער פון זיינע שונאים און קאנקורענטען. איבערגעהענדיג דעם ניעמאן, האט ער צוויי מאל צוקלאפט די רוסען. דער שונא האט זיך אויסבעהאלטען. דא איז אבער אנגעקומען דער ווינטער, און אויף קארל'ס ארמעע האט זיך אויסגעגאסען דער זעלבער אונגליק, וועלכער האט אומגעבראכט נאפאלעאנ'ען. דאס שוועדישע מיליטער האט געליטען פון קעלט, פון הונגער, פון שלאפקייטען און פון פערשיעדענע אנדערע אנשיקענישען; חאטש זיי זענען צוגעקומען ביז פאלטאווע, זיי זענען אבער שוין געוועזען אויסגעמאטערט און אויסגעהונגערט, און מיט איין ענטשיידענם זיעג האט זיי פעטער דער ערשטער גענצליך פערניכטעט. די איבריגע יאהרען פון קארל דעם צוועלפטען זענען פול געוועזען מיט פערשיעדענע פאסירונגען. ער האט זיך אויסבעהאלטען אין טערקיי, און פיער יאהר ארום, איז ער פון דארטען אנטלאפען. און זעכצעהן יאהר ארום האט ער דערגרייכט שטראהלזונד און פאמעראניען און האט זיך בעגעגענט מיט דעם בונד פון פרייסען, דענעמארק, זאקסען און רוסלאנד, וועלכע האבען זיך פעראייניגט געגען איהם. ער איז אנטלאפען פון שטראהל־

זינר און איז אנגעקומען קיין שווערען נאכדעם, וואס ער האט זיך דארטען
זעכצעהן יאהר גאנצע נישט געפונען. ער האט צונויפגענומען אנ'ארמעע
פון צוואנציג טויזענד מאן און האט זיך אריינגעריסען אין נארוועגיען, וועל=
כע איז געוועזען דעמאלט פערבונדען מיט דענעמארק; באלד אבער נאך דעם
ערשטען געלונגענעם ארויסטריט, וואס ער האט געמאכט, איז זיין קאריערע
מיט אמאל פערענדיגט געווארען: בעטראכטענדיג די טראנשעען נעבען
פרידריכסהאף, וואס ער האט בעלאגערט, האט מען איהם אריינגעשאסען
א קויל אין קאפ, און ער איז אין איין אויגענבליק געשטארבען, אלט זע=
נענדיג זיבען=און=דרייסיג יאהר.

אזא גרויסער יונגלינג איז אויך געוועזען פרידריך דער גרויסער, דער
פרייסישער קעניג. אין די יונגע יאהרען האט ער זעהר פיעל געליטען דער=
פון, וואס זיין פאטער איז זיך אומ'ברחמנות'דיג בעגאנגען מיט איהם, אזוי,
אז עס איז ווירקליך צו בעוואונדערען, ווי אזוי עס האבען זיך ביי אזוינע
בעדינגונגען ענטוויקעלט ביי איהם אזוינע געהויבענע מעלות. דער פאטער
האט איהם בעזונדערס פערפאלגט פאר זיין שנאה, וואס ער האט געפיהלט
צו די מיליטערישע איבונגען, און פאר זיין ליעבשאפט צו דער פראנצויזי=
שער ליטעראטור און צו מוזיק; ער האט איהם אין טורמע אריינגעזעצט, און,
ווי מען זאגט, האט ער איהם זאגאר אויך געוואלט טויטען. דער טויט אבער
פון דעם אלטען קעניג האט ארויפגעזעצט אין יאהר 1740 דעם אכט=און
צוואנציג=יאהריגען פרידריך אויף דעם טראן; אין קומענדען יאהר איז ער
שוין ארויסגעטראטען געגען עסטרייך און האט געוואונען דעם קאמפף ביי
מאלוויץ, וואס דאס האט ענטשיעדען דעם גורל פון שלעזיען. מיט צוויי
יאהר שפעטער זעהען מיר איהם ווידער אמאל, ווי ער האלט מלחמה מיט
עסטרייך און ער געווינט איין מלחמה נאך דער צווייטער. זיינע מיליטערי=
שע פעהיגקייטען האבען געבראכט דערצו, עס זאל זיך שטארק פערברייי=
טערען זיין מדינה און אז פרייסען זאל געשטעלט ווערען אויף דער מדרגה
פון אנ'ערשטקלאסיגער אייראפעאישער מלוכה.

אלע גענעראלען כמעט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע זענען גע=
ווען יונגע לייט. נאפאלעאן איז אלט געוועזען נישט מעהר, ווי פיער=און=
צוואנציג יאהר, ווען ער האט געקאמאנדעוועט מיט דער ארטילעריע ביי
דער בעלאגערונג פון טולאן. ווען ער איז זעקס=און=צוואנציג יאהר אלט
געוועזען, האט ער געהאט ערפאלג אינ'ם בעהאפטענטען צוזאמענשטויס אויף

די גאסען פון פאריז. אין קומענדען יאהר האט ער אנגעפיהרט מיט דער פראנצויזישער ארמעע אין דער ערשטער איטאליענער קאמפאניע. ער האט דאן גענומען מילאן און האט געוואונען די מלחמה ביי לאדי, צוליעב וועלכער לאמבארדיא איז אונטערגעווארפען געווארען אונטער דער ממשלה פון פראנקרייך. נאכדעם איז ער דורכגעגאנגען דרום-איטאליען און האט זיך פערקעהרעוועט אויף צפון, כדי ער זאל בעגעגענען וואורמזערען, וועלכער איז געגאנגען פון טיראל מיט א גרויסער ארמעע. דער יונגער טעטיגער פראנצויזישער גענעראל איז אבער געוועזען א צו שטארקער קאנקורענט פון דעם עסטרייכישען וועטעראן, און דער לעצטער האט איהם עטליכע מאל געמוזט אבטרעטען. דאס אייגענע, וואס מיר האבען געשריבען וועגען הענריך נאווארער און וועגען מאיענער הערצאג, קאן מען אויך זאגען וועגען נאפאלעאנ'ען. ער איז שטענדיג געוועזען אויף פינף שעה פריהער, און פערגלייך מיט זיין אלטען געגנער.

---

# די גרויסע „זקנים".

## 1.

דזשאנסאן האט געשריבען וועגען גאלדסמיט'ן, ווען ער איז געשטארבען, אז „ער איז געוועזען א פלאנצונג, וואס האט אנגעהויבען שפעט צו בליהען ער האט קיין שום סימנים פון מערקווירדיגקייט ניט ארויסגעוויזען, כל־זמן, ער איז נאך יונג געוועזען".

און ווירקליך, די מענשען זענען גלייך צו די געוויקסע. פיעל פון זיי הויבען אן בליהען שפעט. די געוויקסע, וואס הויבען אן גאר פריה צו בליהען, פערשווינדען, געוועהנליך, אויך זעהר גיך. די רויז הויבט אן בליהען אין יוני, דערגרייכט די העכסטע שטופע פון בליהען אין יולי, און ביז צו סאמע הערבסט.

חאטש די גרויסע מענשען ווייזען זעהר אפט ארויס זייערע פעהיגקייטען נאך אין דער יוגענד. ניט שטענדיג אבער קומט עס פאר. פיעל

הויבען אן, פונקט ווי גאלדסמיטה, שפעט צו בליהען אין לעבען. די גייסטיגע פעהיגקייטען פונ'ם מענשען, זענען פערשיעדענארטיג, אבהענגיג פון טעמפעראמענט. איינגע צייכענען זיך אויס מיט זייער שנעלער ענטוויקלונג, אנדערע מיט זייער לאנגזאמקייט. איינגע בעדארפען צוגערעכענט ווערען צו די סאנגוויניקער; די צווייטע—צו די לימפאטיקער. איינגע אינגלעך, וועלכע זענען בעשענקט פון דער נאטור מיט גוטע פעהיגקייטען, בעווייזען קיין ערפאלג נישט ארויס, זענענדיג אין שולע; די אנדערע, וועלכע ענטוויקלען זיך גיכער, יאגען זיי גאר איננאנצען איבער. דאך זעהן מיר זעהר אפט, אז אין דעם רייפען עלטער, ווייזען זיך די ערשטע ארויס מעהר פעסטער און שטארקער, ווי די צווייטע.

לארד קאקבערן האט געשריבען וועגען זיך, אז ער האט זיך קיינמאל מיט גארנישט אויסגעצייכענט אין שולע, און איין מאל זאגאר איז ער געווען דער לעצטער שילער אויף די יעהרליכע עפענטליכע עקזאמענעס פון דער עדינבורגער העכערער שולע. ער האט זיך מיט זעהר גרויס מיטלייד בעצויגען צו די זאגענאנטע „פערשטאפטע קעפ", וואס אין שולע.

די אייגענע פעהיגקייטען,—פלעגט ער זאגען,— וועלכע גיבען דעם אינגעל די מעגליכקייט אויסצוצייכענען זיך אין שולע, די אייגענע פעהיגקייטען, בעדארף מען גלויבען, וועלען איהם העלפען זיך אויך אויפצוהויבען אין לעבען. אין שלעכטע שולען איז דאס אבער פונקט פערקעהרט, כמעט. אפילו אין די מעהר ראציאנעלע, וואס צווישען זיי, זעהען מיר, אז די גוטע פעהיגקייטען גיבען נאר א קליינעם שטראהל פון האפנונג אויף דער צוקונפט. מענשען בייטען זיך און נאך מעהר בייטען זיך קליינע קינדער. די אויסצייכנונגען פון דער העכערער שולע זענען ביי פיעל גיך פערשוואונדען געווארען אינ'ם ווירקליכען לעבען. איך האב שטענדיג קיין צוטרוי נישט געהאט צו „גוטע שילער" און האב גאר גרויסע האפנונגען ארויפגעלעגט אויף די שלעכטע.

לארד קאקבערן ערקלערט, אז דער אינטערעס, וואס די לעקציעס ערוועקען אינ'ם אינגעל, איז אבהענגיג איינגעמאסען פונ'ם חאראקטער פונ'ם לעהרער, אבער נאך מעהר פונ'ם חאראקטער פונ'ם אינגעל אליין. ער דערצעהלט, אז ער איז אנערקענט געווארען דורך איינעם פון די שלעכטע לעהרער אין שולע, אלס נישט קיין פעהיגער, פונקט ווי זיין פריינד. דער

אינזשענער רושעמס נעסמיט, וועלכער שרייבט וועגען דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. די דאָזיגע שלעכטע לעהרער זענען, ווי עס ווייזט אויס, נישט בעקאנט מיט די איינגענשאַפטען פון די יונגע יאָהרען, פערשטעהען נישט דעם חאַראַקטער פון זייערע שילער און האָבען נישט קיין שום בעגריף וועגען דעם, ווי אזוי מען בעדאַרף ווירקען, זיי זאָלען ליעב האָבען דאָס לערנען. זיי ווייסען נאָר פון איין מיטעל, מיט וועלכען זיי בענוצען זיך שטענדיג: דאָס דאָזיגע מיטעל איז קערפערליכע שטראָף. לאָרד קאָקבערן זאָגט, אז אינ'ם משך פון די פיער יאָהר, וואָס ער האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון דעם דאָזיגען אונדערבאַרמדיגען מענשען, זענען אפשר „קוים צעהן טעג אוועקגעגאַנגען, אין משך פון וועלכע ער זאָל חאָטש איין מאָל נישט געווען געשמיסען געוואָרען".

קיינער קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלען, ביז צו וואָס פאַר א הויך עס קאָן דערגרייכען אמאָל דאָס טעמפּסטע אינגעל. ער בעדאַרף האָבען צייט דערויף, ער זאָל זיך ענטוויקלען ווי געהעריג און נאָר די ערפאַהרונג קאָן אונז ערקלערען זיינע אמת'ע געשמאַקען און סימפּאַטיען. אחוץ דעם, טרעפט זעהר אָפט, ווי מיר האָבען שוין גאָר פריהער געשריבען, אז די אייגענע אַליין שטעלען איהם אוועק נישט אויף קיין ריכטיגען וועג.

חאָטש אין די חאַראַקטער-ציגע און די נייגונגען פון דעם קינד זעהען מיר אָפטמאָל זיינע קינפטיגע מדות, דאָך איז זעהר שווער צו בעשטימען פונקט, וואָס פאַר א מענש עס וועט פון איהם אַרויסקומען. נישט שטענדיג איז דאָס קינד דער פאָטער פונ'ם קינפטיגען מאַנספערשוין. אויף די גוטע האָפנונגען, וואָס ער גיט, קאָן מען זיך אזוי ווייניג פערלאָזען, פונקט ווי די שלעכטע סימנים, וואָס בעמערקען זיך אינ'ם קינד, פערווירקליכען זיך נישט שטענדיג. א קינד, וואָס ענטוויקעלט זיך גאָר גיך, קאָן זיך נאָכדעם אַרויסווייזען אלס זעהר איינפאַכער מאַן, און א מעדעל, וואָס איז אין די גאָר קינדערשע יאָהרען פיעל מעהר קלוגער, ווי לויט איהרע יאָהרען — ווייזט זיך אויך נאָכדעם אַרויס אלס זעהר געוועהנליכע פרוי, דעמאָלט, ווען דאָס טעמפּע אינגעל, פון וועלכען מען ערוואַרטעט גאָרנישט, קאָן זיך נאָכדעם אַרויסווייזען אלס גלענצענדער אויספאָרשער, אלס זעלטענער מיליטער-מאַן אָדער געלעהרטער. גיט א קוק אין קאַליידאָסקאָפּ פון די ביאָגראַפיעס, וועט איהר דאָרטען געפינען די וואונדערבאַרסטע מעטאַמאָרפאָזען.

דאָס, וואָס די שילער דערגרייכען אין די יונגע יאָהרען אין שולע, קאָן נישט דיענען אלס גאַראַנטיע, אז זיי וועלען אויך זיין פעהיג דערויף דאַן, ווען זייערע פּהעפּעסטען וועלען זיך פאלקאָם ענטוויקלען און רייף ווערען. פונקט, ווי די מיסטער־ערד, פאָדערט אויך דער מענשליכער מוח, מען זאָל איהם צוריק אומקעהרען דאָס, וואָס ער ברענגט אויס. לאָרד קלאַרענדאָן איז כלל נישט געווען ארבייטס־פעהיג אין דער יוגענד. ער האָט זיך זעהר שלעכט געלערנט אין דער שולע, און דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט האָט ער פערבראכט אין דער געזעלשאפט פון מענשען, וואָס זוכען שטענדיג פרעהליכקייט און פערוויילונגען. ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט חתונה געהאט און האָט שרעקליכע שמערצען איבערגעלעבט צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיין פרוי פערלאָרען,—ערשט דאַן האָט ער זיך גענומען פלייסיג צום שטודירען.

דעם עפּיסקאָפּ אוערבערטאָן האָט מען גערעכענט פאַר זעהר א נאַרישׁ אינגעל. איינער פון זיינע לעהרער האָט איהם בעשריבען אלס סאַמע טעמפּסטען פון צווישען אלע זיינע שילער. דאָך האָט אָבער אוערבערטאָן אליין נישט אויפגעהערט צו גלויבען אין זיך. „איך ווייס גאַנץ גוט,—פלעגט ער זאָגען צו זיינעם א פריינד, וועלכער פלעגט מיט איהם רעדען וועגען זיין טעמפּקייט און זיין אונריהעהרדיגקייט,—איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס איהר און אנדערע טראַכטען וועגען מיר. איך גלויב אָבער, אז פריהער אָדער שפּעטער וועל איך צווינגען יעדען זיך איבערצייגען, אז איך בין כלל נישט אזוי אונוויסענד און נאַרישׁ, ווי מען רעכענט וועגען מיר". ווען ער האָט ארויסגעגעבען זיין „דיווינע לעגאַציאָן", האָט זיך זיין פריהערדיגער לעהרער קוים געקאָנט גלויבען, אז אזא מערקווירדיג ווערק האָט געקאָנט אנגעשריבען ווערען דורך אזא טעמפּען מענשען.

דאָקטאָר פּעלי האָט נאָך מעהר געקאָנט דיענען אלס ביישפּיעל, ווי ווייט עס געפינט זיך אמאָל נישט קיין ענגער צוזאַמענהאַנג צווישען די הבטחות פון דער יוגענד מיט דעם ווייטערדיגען מעהר רייפען עלטער.

חאָטש זיינע עלטערן זענען געווען מענשען מיט גאָר קליינע מיטלען און ער האָט געמוזט אליין זיך דערשלאָגען א וועג אין לעבען, דאָך איז ער געווען אין דעם משך פון די ערשטע צוויי יאָהר, וואָס ער האָט זיך געפינען אין קעמבּרידזש, איינער פון די פוילסטע אומגעלומפּערטסטע שילער. ער

פֿלעגט בלייבען ליגען אין בעט ביז האלבען טאג און פֿלעגט נאר א גרויסע צאהל טעג פטר'ען אויף ארומלויפֿען אין די יריד-טעג איבער די גאסען, זעהען די פֿארשטעלונגען פֿון די ארומוואנדערנדע אקטיארען און די אויסשטעלונגען פֿון די וועקסענע פֿיגורען.

איהם האט אונגעריכט ארויסגעפֿיהרט פֿון דעם דאזיגען אונטעטיגען און לייכטזיניגען לעבען איינער פֿון זיינע חברים, א רייכער און צעלאזטער יונגערמאן, וועלכער האט, אויפֿוועקענדיג איהם איינמאל פֿיער אזייגער אין דערפֿריה, פֿאלגענדע ווערטער צו איהם געזאגט: „וואס פֿאר א ווילדער מענש איהר זענט! איך האב מיטלען דערויף, איך זאל קאנען פֿיהרען א צעלאזט לעבען, און איך מעג זיך דעריבער פֿוילען. איהר אבער—זענט אנ'ארעמער מאן, איהר טארט זיך נישט ערלויבען אזעלכעס. איך וואלט סיי-ווי-סיי גאר נישט אויפֿטהון, ווען איך וואלט זיך נעהמען אפילו צו ארבייטען. איהר אבער זענט דאך פֿעהיג צו יעדער ארבייט און איהר קאנט דערגרייכען בערימטקייט! דער דאזיגער געדאנק האט מיך א גאנצע נאכט נישט געלאזט שלאפֿען, און איך בין געקומען צו אייך, איך זאל דאס אייך פֿייערליך ערקלערען".

דער דאזיגער אריגינעלער און משוגה'דיגער צופֿאל האט געגעבען גאר אנ'אנדער ווענדונג פעלי'ס לעבען. ער האט אנגעהויבען צו מאכען פלאנען פֿאר זיך, וואס ער פֿלעגט ביז יעצט נישט טהון. אנשטאט צו פֿערברענגען ביז האלבען טאג אין בעט, האט ער בעשלאסען אויפֿצושטעהן פֿינף אזייגער. ער [illegible] זיך געהאלטען פֿעסט ביי זיין דאזיגען בעשלוס, ער האט געארבייט גאר אנגעשטרענגט און האט אין א משך גאר פֿון א קליין שטיקעל צייט די גרעסטע ערפֿאלגען דערגרייכט.

דריידען איז אבסאלוט אונבעמערקט געוועזען אי אין דער ניעדריגער, אי אין דער העכערער שולע. אויב ער האט זי דמיט וואס עס איז אויסגעצייכענט, איז מיט זיין גוואלדיגער צוטראגענקייט. ווען ער איז דרייסיג יאהר אלט געוועזען, איז ער געקומען קיין לאנדאן, און ניכער צוליעב דעם הכרח, ווי צוליעב זיינע נאטירליכע נייגונגען, האט ער זיך גענומען פֿאר ליטעראטור. אין א משך פֿון זיבצעהן יאהר האט ער נאר דראמאטישע ווערק געשריבען און שוין גאר שפעטער, צווישען די יאהרען, וואס פֿונ'ם פֿופֿציגסטען ביז'ן נין-און-זעכציגסטען, האט ער אט יענע מערקווירדיגע ווערק

בעשאפען, וועלכע האבען זיין נאמען בערימט געמאכט. ערשט אין דעם שפעטערדינסטער צייט פון זיין לעבען, האט ער ארויסגעוויזען ענערגיע און קראפט פון פאנטאזיע, וועלכע ווערען געוועהנליך גערעכענט אלס האראקטעריסטישע איינגענשאפטען פון דער יוגענד.

סוויפט איז אויך, פונקט ווי גאלדסמיט, געווען „א געוויקס, וואס האט זעהר שפעט אנגעהויבען צו בליהען“. אלס סטודענט האט ער זיך מיט גארנישט אויסגעצייכענט. אויסער די איינציגע נישט-רייפע פאעטישע עקספערימענטען, האט ער מיט גארנישט זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען ארויסגעוויזען. זיין ערשטע בראשור „וועגען די פארטייען אין אטען“, וועלכע ער האט ארויסגעגעבען, ווען ער איז פיער-און-דרייסיג יאהר אלט געווען, האט אויף איהם קיין אויפמערקזאמקייט נישט ארויפגעצויגען. מיט דריי יאהר שפעטער איז ערשיענען זיין „מעשה׳לע וועגען דער פאס“, דורך וועלכער ער איז באלד שטארק בערימט געווארען.

גאלדסמיט האט זיך אויסגעצייכענט אין די קינדערשע יאהרען מיט זיין טעמפקייט. מען האט איהם געהאלטען פאר א נאר און פאר א פוילען; א חוץ דעם, איז ער ביז צום העכסטען גראד שטענדיג פערטראגען געווען. זיין מיאוס אויסזעהען האט איהם געמאכט צו שפאט ביי דער גאנצער שולע. און מען האט איהם א נאמען געגעבען „עזאפ“. ער איז אוועקגעשיקט געווארען אין קאלעדזש, ער האט אבער דארטען גאר וועניג רואה ברכה געווען. ווען ער איז איין-און-צוואנציג יאהר אלט געווען, האט ער דעם טיטול פון געלעהרטען בעקומען. אין דער רשימה אבער פון די באקאלאווערען איז ער געווען דער לעצטער. פון דארטען איז ער איבערגעגאנגען אין עדינבורג און האט אנגעהויבען שטודירען מעדיצין.. נאכדעם איז ער איבערגעגאנגען אין ליידען, וועלכע האט זיך גערימט מיט איהר מעדיצינישען פאקולטעט, און נאכדעם איז ער ארומגעפאהרען איבער איירא‏פא, נעהרענדיג זיך דערפון, וואס ער האט געשפיעלט אויף א פלייט.

ווען ער איז אלט געווען אכט-און-צוואנציג יאהר, האט ער זיך בעזעצט אין לאנדאן, און איז צוערשט אין אנ׳אפטייק אריינגעטראטען און נאכדעם איז ער געווארען א משגית אין א שולע; צו דרייסיג יאהר האט ער זיך געפרובט אריינטרעטען אין חירורגישען קאליעדזש, אוואו דער עקזאמען אויף צוגענומען ווערען אהין, איז געווען זעהר א גרינגער. ער איז

אָבער דאָך נישט אָנגענומען געוואָרען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו ווערען אַ שריפֿטשטעלער, דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער זאַך, מיט וועלכער ער זאָל זיך בעשעפֿטיגען. „די טיר פֿונ'ם חיזורניִשען קאָליעדזש האָט זיך פֿערמאַכט פֿאַר איהם, זאָגט פּאָרטסטער, דער אַריינגאַנג אָבער אויף דעם פּאַרנאַס האָט זיך צוביסלעכווייז געעפֿענט פֿאַר איהם". אינ'ם משך פֿון זיין גאַנץ לעבען האָט מען איהם אַ סך מעהר אויסגעלאַכט, ווי געאַכטעט. וואָלפּאָל פֿלעגט איהם רופֿען „דער בעגייסטערטער אידיאָט". דזשאָנסאָן, וועלכער איז געבליעבען אויף שטענדיג זיין בעסטער פֿריינד, פֿלעגט זאָגען וועגען איהם: „קיינער זעהט נישט אויס נאַרישער פֿון איהם, ווען ער האַלט נישט קיין פֿעדער אין האַנד, און ווען ער האַלט יאָ אַ פֿעדער אין האַנד, קען קיינער אַזוי קלוג נישט אויסזעהען, ווי ער".

די פּאָעטען פֿון ליידענשאַפֿט האָבען געוועהנליך אָנגעהויבען צו שרייבען זעהר פֿריה און זענען זעהר יונג געשטאָרבען, ווי קיטס, שעלי, און בייראָן, און די פּאָעטען פֿון מוח, ווי געטע, מילטאָן, וואָרדסוואָרט האָבען שפּעט אָנגעהויבען צו שרייבען און גאָר אַ טיפֿע עלטער דערלעבט. איבריגענס, אין שולע האָט בייראָן קיין שום סימנים פֿון פֿריהעריגער ענטוויקלונג נישט אַרויסגעוויזען. ווען מען האָט איינמאָל אָניעדערגעזעצט בייראָנ'ען, נאָכדעם, וואָס ער האָט צופֿעליג זעהר געלונגען געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, וואָס דער לעהרער האָט איהם געפֿרעגט, העכער פֿון אַלע אין קלאַס, האָט צו איהם דער לעהרער געזאָגט: „נו, דזשאָרדי, אַ טוועלען מיר זעהען, צו דו וועסט נישט באַלד ווידער נידריגער פֿון אַלע זיצען".

איינינע יונגע פּאָעטען בעדאַרפֿען זיין דאַנקבאַר זייער בעגייסטערונג זייער ליעבע. עוואַלד, דער בערימטער דענישער פּאָעט, האָט זעהר ליעב געהאַט צו לעזען אין זיינע קינדערשע יאָהרען. זיינע בעליעבטסטע ביכער זענען געווען „ראָבינזאָן קרוזאָ" און „טאָם דזשאָנס". דאָס ערשטע בוך האָט דערוועקט אין איהם אַ ליעבשאַפֿט צום ים, און ווען ער איז 13 יאָהר אַלט געווען, איז ער ענטלאָפֿען פֿון שטוב מיט דעם געדאַנק איבערצופֿאָהרען קיין האָלאַנד, פֿון וואַנען ער האָט געהאָפֿט אָבצושווימען קיין באַטאַוויע. מען האָט איהם געכאַפּט און אַלע זיינע פּלאַנען זענען בטל געוואָרען. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין קאָפּענהאַגען און האָט אָנגעהויבען שטודירען

די סקאנדינאווישע זאגען און מיטען. ער האט זיך פלוצלינג איינגעליעבט אין א יונג מעדעל און ער האט איהר בעשריבען זיין הייסע ליעבע צו איהר מיט פייער=גליהענדע פארבען; זי האט אבער אוועקגעגעבען איהר האנד א צווייטען, איהם איז נאר געבליעבען צו בעוויינען זיין ביטער מזל. דאן האט ער בעשלאסען צו ווערען א סאלדאט און האט אויסגעקליבען צו דעם צוועק די פרייסישע ארמעע. נאך פערשיעדענע מיליטער=איבערלעבונגען, האט ער זיך צוריק אומגעקעהרט אין דענעמארק. אויך דאן אבער איז נאך אלץ איבערפולט געוועזען זיין נשמה מיט מעלאנכאלישער שטימונג צוליעב דעם, וואס זיין ערשטע ליעבע האט אזא טרויעריגען פינאל געהאט. עוואלד האט דאן געפונען א טרייסט פאר זיך אין פאעזיע. ער האט פיעל שענער ווערק אנגעשריעבען און דאס בעסטע פון זיי איז „דער טוידט פון באלדור'ען"; דאס דאזיגע ווערק רעכענט זיך פאר דעם בעסטען, וואס איז בכלל ווען עס איז אנגעשריבען געווארען אויף דער דענישער שפראך.

עס זענען אויך געוועזען אזוינע פאעטען, וואס זיי זענען ניט אמת קיין ערשט=קלאסיגע, די גייסטיגע פעהיגקייטען, פון וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען זעהר לאנגזאם. זיי זענען שוין אין די לעצטע יאהרען כמעט פון זייער לעבען בערידהמט געווארען. צו דעם דאזיגען קלאס האט געהערט לאפאנטען. ווען ער איז שוין 43 יאהר אלט געוועזען האט מען נאך פון איהם גאר ניט געוואוסט. זיין ערציהונג איז זעהר אומגעלומפערט געוועזען, לעבענדיג אבער איינמאל מאלערב'ס א אדע, האט ער פלוצלינג אויסגעשריען: „איך בין דאך א פאעט!" ער האט דעריבער אנגעהויבען צו שרייבען ליעדער, אהן ערפאלג אבער. לויט דער עצה אבער פון זיין א קוזינע האט ער אנגעהויבען צו שרייבען „משלים". ווען ער איז אלט געוועזען 63 יאהר, איז ער אנגענומען געווארען אין דער אקאדעמיע אויף דעם ארט פונ'ם פערשטארבענעם קאלבער. ווען ער איז געשטארבען איז ער 74 יאהר אלט געוועזען.

---

און אומגעלומפערט. אין שולע האט ער אויך קיין שום ערפֿאלגען נישט ארויסגעוויזען זייענדיג טעמפ און נישט בעוועגליך. בעזאנדערס האט זיך זיין טעמפקייט ארויסגעוויזען אין שרייבען און אין ארטאגראפֿיע. נאכֿדעם איז ער א פרעדיגער געווארען. זיין אומגעלומפערטקייט האט זיך שוין אין דער ערשטער פרעדיג ארויסגעוויזען: סטארענדיג זיך צו פֿערגלעטען זיין פֿערלעגענהייט, האט ער אין מיטען דער דרשה אויסגעשאסען מיט א גוואלדיגען געלעכֿטער, וואס דאס האט ארויסגערופֿען גרויס פֿערוואונדערונג ביי די צוהערער. דאך, ווען ער איז ארויף אויף זיין אמת'ען וועג, האט ער זיך ארויסגעוויזען אלס איינער פֿון די גרעסטע און פֿון די קלוגסטע פעדאגאגען, אלס גרינדער פֿון א נייעם ערציהונגס-סיסטעם, וואס טראגט אויף זיך זיין נאמען.

מען מוז אבער דא בעמערקען, אז אמאל רעכֿענט מען א קינד פֿאר טעמפ, חאטש עס פֿערמאגט אמת'ע ארגינעלע, גאונ'ישע פֿעהיגקייטען, נאר דערפֿאר, וואס די ספעציעלע פֿעהיגקייטען, מיט וועלכֿער ער איז בעשענקט, געפֿינען פֿאר זיך נישט קיין ארט, אוואו זיי וואלטען זיך קאנען ארויסווייזען. ווען קלאפּארט, דער בערוהמטער אריענטאליסט, איז געווען א סטודענט פֿון דער בערלינער אוניווערזיטעט, איז ער אבגעשטאנען פֿון אלע זיינע חברים. איין מאל האט צו איהם געזאגט דער עקזאמענאטאר: „דאך, מיין גנעדיגער הערר, איהר קאנט דאך אבסאלוט גארנישט“.—„ענטשולדיגט, האט געענדיגט קלאפּארט, איך קען חינעזיש“... דער דאזיגער ענטפֿער איז בעגעגענט געווארען מיט ערשטוינונג און מיט אונצוטרוי. נאכֿדעם אבער, ווי מען האט אויסגעפֿארשט די זאך, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער יונגלינג האט זיך שטילערהייד ווירקליך אויסגעלערנט אהן שום זייטיגער הילף איינע פֿון די שווערסטע שפּראכֿען אויף דער וועלט. דער דאזיגער צופֿאל האט שוין בעשטימט די ווענדונג פֿון זיינע וויסענשאפֿטליכֿע בעשעפֿטיגונגען און פֿון די אויפֿגאבען פֿון זיין ווייטערדיג לעבען.

אליווער קראמוועל איז שוין כלל נישט יונג געווען, ווען ער האט ארויסגעוויזען זיינע מערקווירדיגע מיליטערישע פֿעהיגקייטען. ביז פֿערציג יאהר האט ער נאך קיין שום מיליטערישע ערפֿאהרונגען נישט געהאט. אלס קאפּיטאן פֿון אנ'אטריאד, איז ער צום ערשטען מאל בעשטימט געווארען, ווען ער איז שוין דריי-און-פֿערציג יאהר אלט געווען. אין קומענדען יאהר, זענענדיג קאמאנדיר פֿון דער פּארלאמענטארישער קאוואלעריע, איז

הויפטזעכליך נאר א דאנק איהם פארגעקומען דער זיעג ביי מארסטאן מור, און ביי זעקס-און-זעכציג יאהר האט ער געוואונען דעם קאמפף ביי נעזבי. אלס מיליטער-נאטשאלניק האט ער קיין איין מאל אפילו נישט פערשפיעלט קיין קאמפף. ווען ער איז פיער-און-פופציג יאהר אלט געווען, איז ער אויסגעקליבען געווארען אלס לארד-פראטעקטאר אין ענגלאנד.

דאנדאלא איז אויסגעקליבען געווארען אלס וועניציאנער דאזשי, ווען ער איז פיער-און-אכטציג יאהר אלט געווען. זעענדיג אלט פיער-און-נײַנציג יאהר, האט ער מיט בלינדע אויגען בעלאגערט קאנסטאנטינאפאל, ער איז אויסגעקליבען געווארען אויף דעם טראן פון דער מזרח-אימפעריע. ער האט זיך אבער אבגעזאגט דערפון און איז געשטארבען אלס דאזשי אויף דעם זיבען-און-נײַנציגסטען יאהר. דיומיריע האט בעדארפט פופציג יאהר ווארטען ביז עס האט זיך איהם פארגעשטעלט די מעגליכקייט ארויסצווייזען זיינע מיליטערישע גאוני'שע פעהיגקייטען, וועלכע האבען געצוואונגען גאנץ איראפא, זיי זאלען זיי בעוואונדערען.

דער טיעף-אלטער מיליטער-מאן ראדעצקי, האט זיין בעריהמטען זיעג געהאט ביי נאוואר שוין דאן, ווען ער איז אלט געווען דריי-און-אכטציג יאהר. פאן-מאלטקע איז נאך כמעט גאר אונבעוואוסט געווען שוין נאר אין דער טיעפער עלטער, ווען ער איז שוין זעקס-און-זעכציג יאהר אלט געווען. פריהער מיט א שטיקעל צייט האט ער אנגעשריבען די געשיכטע פון דער רוסיש-טערקישער מלחמה פון יאהר 1828 און 1829, און אין דער ענגלישער איבערזעצונג פונ'ם דאזיגען ווערק, איז ער אנגערופען געווארען „קאפיטאן פון דער פרייסישער ארמעע, וועלכער איז שוין געשטארבען“. דער גרויסער סטראטעג האט אבער נאך געלעבט און האט אויסגעשפיעלט דעם קאמפף ביי סעדאן, ווען ער איז זיבציג יאהר אלט געווען.

מען קאן אנווייזען אויף פיעל ליטערארישע נעמען, וועלכע האבען זיך דערהויבען ביז צו גאר א הויכער מדרגה, פון אבסאלוטער אונבעוואוסטקייט שוין נאר אין די שפעטסטע יאהרען פון זייער לעבען. סטערן, וועלכען קיינער האט גארנישט געקענט ביז דעמאלט, האט ארויסגעלאזען זיין ערשט ווערק „טריסטראם שענדי“, אלט זייענדיג זיבען-און-פיערציג יאהר. דעפא האט ארויסגעגעבען דעם ערשטען טייל פון זיין פאפולער ווערק „ראבינזאן קרוזא“, ווען ער איז שוין אכט-און-פופציג יאהר אלט געווען. רי=

טשאַרדסאָן איז צוגעטראָטען צו די ראָמאַנען, וועלכע האָבען איהם אַמעהרסטען בערימט געמאַכט אויך דאַן, ווען ער האָט שוין אַנ'עלטער פון פופציג יאָהר דערגרייכט. ער האָט פערענדיגט זיין „קלאַריסאַ האַרלאָ“ ווען ער איז שוין זעכציג יאָהר אַלט געווען.

פעלדינג האָט אָנגעשריבען זיין „טאָם דזשאָנס“, און רוסאָ—זיין „נייע עלואיזאַ“ כמעט אין דער איינענער עלטער, און וועלכער ריטשאַרדסאָן האָט אָנגעשריבען זיין „פּאַמעלאַ“. „די לעבענס-בעשרייבונג פון די פּאָעטען“ פון דאָקטאָר דזשאָנסאָן, וועלכע איז, מעגליך, דאָס בעסטע פון אַלע זיינע ווערק, איז אָנגעשריבען געוואָרען דורך איהם דריי יאָהר פאַר זיין טוידט. אויף דעם 75-טען יאָהר פון זיין לעבען. בען דזשאָנסאָן איז אַלט געווען דריי-און-זיבציג יאָהר, ווען ער איז געשטאָרבען, און ליגענדיג אויפ'ן טויטען-בעט, האָט ער אָנגעשריבען זיין שענעם פראַגמענט „דער טרויעריגער פּאַסטור“.

דזשאָן ספּיד האָט אַרויסגעלאָזט זיין ערשט ווערק אויף דעם זעקס-און-זעכציגסטען יאָהר: ביז דאַן האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט שניידעריי. סקאַליגער דער עלטסטער, וועלכער איז געווען אין דער יוגענד אַ פּאַזש און נאָכדעם האָט ער געדיענט אין מיליטער, האָט זיך גענומען פאַר זיינע וויסענשאַפטליכע בעשעפטיגונגען שוין גאַר אין די שפּעטסטע יאָהרען. דאָס ערשטע פון זיינע פילאָזאָפישע ווערק, איז ערשינען ערשט דאַן, ווען ער איז שוין זיבען-און-פערציג יאָהר אַלט געווען. דער בעריהמטער נאַטורפאָרשער לאַמאַרק איז צו זיבצעהן יאָהר אַריינגעטראָטען אין דער פראַנצויזישער אַרמעע. ער האָט אָבגעדיענט דאָרטען פופצעהן יאָהר און האָט אַנטייל גענומען אין אַ סך מלחמות, אויסצייכענענדיג זיך מיט זיין העלדענמוט. ענדליך איז ער זעהר שווער פערוואונדעט געוואָרען און איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען זיין מיליטער-דיענסט. ער איז אַלט געווען פערציג יאָהר ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין ערשט ווערק איבער באָטאַניק. זיינע לעקציעס, אַלס פּראָפעסאָר, האָט ער אָנגעהויבען צו לעזען, ווען ער איז שוין פופציג יאָהר אַלט געווען און האָט זיי געלעזען אין אַ משך פון פינף-און-צוואַנציג יאָהר. ער האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבייטען אויך דאַן, ווען ער האָט שוין די ראיה און דעם געזונד פערלאָרען.

אַחוץ לאַמאַרק און סקאַליגער קאָנען מיר אויסרעכענען נאָך אַ גאַנץ צעטעל פון בעריהמטע מענשען, וואָס האָבען פריהער וואָפען געטראָגען. אין

גריכֿענלאנד—סאקראט, עסכיל, סאפֿאקל, קסענעפֿאנט; אין איטאליען—יוליוס צעזאר, האראציוס, דאנטע און אנדערע; אין שפאניען און אין פארטוגאל—סערוואנטעס, קאלדעראן, קאמאענס, לאפע־דע־וועגע; אין פֿראנקרייך—דעקארט, מאפערטיואי, לאראשפֿיקא, לאסעפעד, פאל לואי קוריע; אין ענגלאנד—טשאאוסער, בען־דזשאנסאן, פֿיליפּ סידניי, אלדזשערנאן סידניי, דזשארדז ביקסענען, דזשוענענטל, פארקיוגער, לאוולעס, אואיטערט, אטואיי, בעניען, סטיל, סאטעבי, קאבעט, מערטשיסאן.

דער בעריהמטער דזשאן גענטער האט זיך געקליבען ארייננצוגרעטען אין מיליטער־דיענסט, ווען זיין ברודער אואיליאם האט איהם איינגעלאדען קיין לאנדאן, ער זאל איהם העלפֿען אין זיינע אנאטאמישע בעשעפֿטיגונגען. זיין ערפֿאלג איז אויף אזויפֿיעל גיך און גרויס געוועזען, אז אלט זעגענדיג זיבען־און־צוואנציג יאהר, האט ער שוין איבערגענומען אויף זיך צו לעזען א טייל פֿון די לעקציעס, וואס זיין ברודער האט בעדארפֿט לעזען. דאך האט ער ערשט אויף דעם פֿיער־און־פֿערציגסטען יאהר ארויסגעגעבען זיין ערשט ווערק—די איינלייטונג צום „טראקטאט וועגען די צייהן". נאכֿדעם האט ער זעהר פֿיעל געשריבען איבער מעדיצין, חירורגיע און פֿיזיאלאגיע; אלע זיינע ווערק האבען זיך אויסגעצייכֿענט מיט זייער אריגינאליטעט און האבען גאר א גרויסע בעדייטונג געהאט פֿאר דער וויסענשאפֿט.

צו די שריפֿטשטעלער, וועלכֿע האבען זיך זעהר שפעט בעוויזען אין דער ליטעראטור, געהער אויך דעבאנאלד, וועלכֿער האט, לויט ווי ס. בעוו שרייבט, ביז פֿערציג יאהר גאר קיינמאל נישט געטראכֿט וועגען דעם, ער זאל ביכֿער שרייבען. עס איז איהם נאר אויפֿ'ן געדאנק קיינמאל נישט ארויף, ער זאל זיין א שריפֿטשטעלער. אואיליאם געטאן פֿון בירמינגאם, האט ביז זעקס־און־פֿופֿציג יאהר גארנישט געשריעבען, און נאכֿדעם האט ער אנגעשריבען פֿיערצעהן ווערק, דאס לעצטע פֿון וועלכֿע ער האט אנגעשריבען אויף דעם פֿינף־און־אכֿטציגסטען יאהר. א. קערבי האט אנגעשריבען זיין טראקטאט וועגען די געוועהנהייטען און די אינסטינקטען פֿון די חיות אויף דעם זיבציגסטען יאהר.

# 3.

מען קאן פיעל ביישפּיעלען ברענגען פון פיעל מערקווירדיגע זקנים, וועלכע מאכען צו=ניכשט די אלגעמיינע אנגענומענע מיינונג וועגען דעם, אז די עלטער ברעכט אונטער די כחות. דיזראעלי האט פערזיכערט, אז דאס ווארט אלטקייט, ווי מען פערשטעהט עס געוועהנליך, אין דעם זין פון פיהלען זיך שרעקליך אבגעשוואכט, איז כמעט געווען אונבעוואוסט פיעל פון די גענ‍יאלע מענשען. זיי האבען אייגגעהיט אין זיך די פעהיגקייט פון זייער מוח און געפיהל ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבען. פלאטאן איז געשטארבען מיט דער פעדער אין האנד אויף דעם איין=און=אכטציגסטען יאהר פון זיין לעבען. ראטאן האט זיך אויסגעלערנט גריכיש אלט זעכציג שוין מעהר ווי זעכציג יאהר, און לויט אנדערע זאגען—אכטציג זאגאר, כדי ער זאל קאנען לעזען די גריכישע דראמאטורגען אין אריגינאל.

ציצעראן האט פערפאסט זיין שענעם טראקטאט „וועגען אלטקייט“, אלט זעכציג דריי=און=זעכציג יאהר, מיט א יאהר פריהער, איידער ער איז פון דער וועלט אומגעקומען. גאלילי האט פערענדיגט זיינע „דיאלאגען וועגען בעוועגונג“, ווען ער איז אלט געווען צוויי=און=זיבציג יאהר. ער איז געווען בעשעפטיגט אינאיינעם מיט זיין שילער טאריטשעלי פארטצוזעצען די דאזיגע ארבייט, ווען עס האט איהם געטראפען דער טויט אויף דעם אכט=און=זיבציגסטען יאהר פון זיין לעבען.

די מוחות פון אזוינע גרויסע מענשען זענען נאר געוואקסען, ברייטער און טיעפער געווארען אינאיינעם מיט די יאהרען. „שלעכטער ווייל איז דער, —זאגט לארד דושעפריי,—וואס די צייט מאכט איהם זויער“.

צווישען די גאר אלטע מענשען, וואס האבען שטודירט נייע שפּראַכען, כדי זיי זאלען רייכער מאכען זייערע ידיעות אדער פון פערגניגען וועגען, קאן מען אויך אנרופען דעם דאקטאר דושאנסאן און דושעמס וואט.

זיי האבען געוואלט וויסען, אויף וויפיעל עס זענען אבגעשוואכט געווארען זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען אינאיינעם מיט די יאהרען. דזשאנסאן האט זיך אויסגעלערנט האלענדיש, ווען ער איז אלט געווען איין-און-זיבציג יאהר און אואט—דייטש, צו פינף-און-זיבציג יאהר. ביידע האבען גרינדליך אויסגעלערנט די דאזיגע שפראכען און האבען איינגעפונען, אז זייערע פעהיגקייטען זענען כלל נישט אבגעשוואכט געווארען אינ'ם משך פון די יאהרען. טאמאס סקאט האט אנגעהויבען שטודירען העברעאיש, אלט זענענדיג זעקס-און-פופציג יאהר, און געטע איז אלט געווען פיער-און-זעכציג, ווען ער האט זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט דער אריענטאלער ליטעראטור. ער איז געשטארבען אויף דעם דריי-און-אכטציגסטען יאהר, ווען ער האט נאך פאלקאם בעזעסען די אלע פעהיגקייטען פון זיין דענקען און טרוימען.

לארד קעמדען האט זיך גענומען לערנען שפאניש שוין גאר אין דער טיעפער עלטער, ווען ער האט זיך שוין אבגעזאגט פונ'ם פאסטען פון לארד-קאנצלער, כדי ער זאל קאנען לעזען ראמאנען אויף דער דאזיגער שפראך, היות ער האט שוין דעם דאזיגען מין ליטעראטור אויסגעשעפט אין דער ענגלישער, פראנצויזישער, איטאליענישער שפראכען.

אלעקסאנדר הומבאלדט האט אנגעשריבען דאס לעצטע בלעטעל פון זיין „קאסמאס“ אויף דעם נײַנציגסטען יאהר פון זיין לעבען און מיט א חודש שפעטער, ווי ער האט די דאזיגע ארבייט פערענדיגט, איז ער געשטארבען. דער גרויסער געלעהרטער לעאפאלד ראנקע האט אכט שעה א טאג געארבייט ביז דעם איין-און-נײַנציגסטען יאהר פון זיין לעבען, און זיינע לעצטע ווערק זענען נישט אבגעשטאנען, לויט זייער ווערט, פון די ערשטע.

איינינגע שריפטשטעלער פערזיכערען, אז נאך פערציג יאהר קאן שוין נישט דער מוח זיך איינלעבען מיט נייע איינדריקע. מיר קאנען אבער טרייסטען די אלע געלעהרטע, וועלכע נעהמען זיך שטודירען א נייעם צווייג פון דער וויסענשאפט דערמיט, וואס דאקטאר פריסטליי איז ביז צו יענע יאה-

רען כמעט נאָר אונגאַנצען נישט געוועזען בעקאַנט מיט חימיע. אויף דעם אַכט-און-זעכציגסטען יאָהר האָט פּריסטליי געשריבען אין זיין בריעף צום סער געמפּי דייווי פֿאָלגענדעס: „חאָטש איך בין דאָך אַן אַלטער עקספּערימענטאַטאָר, דאָך האָב איך ביז פֿערציג יאָהר קיין איין עקספּערימענט נישט געמאַכט איבער דער לופֿט, און איך בין נאָך דאַן כלל נישט געוועזען בעקאַנט מיט חימיע". ער האָט ענטדעקט דעם זויערשטאָף אויף דעם איין-און-פֿערציגסטען יאָהר פֿון זיין לעבען, און אַזאָט און די איבריגע גאַזען — אין די שפּעטערדיגע יאָהרען.

דאָקטאָר טאָמסאָן פֿלעגט וועגען איהם זאָגען, אַז „קיינער איז נאָך נישט אַרויסגעטראָטען אויף דעם געביעט פֿון שטודירען חימיע ביי אַזוינע אונגינסטיגע אומשטענדען, ווי דאָקטאָר פּריסטליי, דאָך האָבען גאָר זעהר וועניג פֿערנומען אַן אַנגעזעהען אָרט, גאָר זעהר וועניג האָבען אַריינגעטראָגען אין איהר אַ גרויסע צאָהל פֿון נייע און וויכטיגע פֿאַקטען".

די גרויסע אַסטראָנאָמען האָבען על-פּי-רוב גאָר אַ טיעפֿע עלטער דערלעבט און ביז צום טויט כמעט זענען זיי געבליבען ביי אַלע זייערע פֿעהיגקייטען. זיי האָבען איינגעפֿונען, אַז דאָס אַרבייטען איז די גרעסטע געטליכע טרייסט אין דער טיעפֿער עלטער. זיי האָבען אין אַ גלייכער מאָס פֿערשטאַנען אי ליידען, אי האָפֿען. מיר האָבען שוין אויבען געהערט וועגען גאַליליי'ען, וועלכער האָט דיקטירט זיין לעצט ווערק, זענענדיג בלינד און פֿיזיש אונבעהאָלפֿען. האַבעליוס האָט מיט דעם גרעסטען אינטערעס בעאָבאַכטעט די הימלישע קערפּער ביז זעקס-און-זעכציג יאָהר, און קאָפּערניקוס — ביז זיעבציג. ניוטאָן האָט אָנגעשריעבען זיין נייע הקדמה צו זיינע „פּרינציפּיאַ", אַלט זענענדיג דריי-און-אַכציג יאָהר.

פֿלעמסטיד, האַליי, בראַדליי, מאַסקעליין און הערשעל האָבען גאָר זעהר אַ טיעפֿע עלטער דערלעבט. און מאַדאַם סאָמערוויל, דער מחבר פֿון'ם

„מעכאנזם פונ'ם הימעל“, האט ארויסגעלאזט איהר לעצט ווערק „די מאלעקולארע און מיקראסקאפישע וויסענשאפט“, ווען זי איז נײן=און=אכציג יאהר אלט געווען. ווען מען האט געמאכט אויפמערקזאם דעלאמבור'ען, אז די ווײטערדיגע טיילען פון זײן „געשיכטע פון דער אסטראנאמיע“ ענטהאלטען אין זיך צופיעל אויסבעסערונגען אין פערגלײך מיט דעם, ווי ער האט דער גרויסער געלעהרטער געענטפערט: „איך וועל ענטפערען דערויף האט אין פריהערדיגען מאל געשריעבען וועגען דעם אייגענעם געגענשטאנד, זעהר קורץ: איך האב דאס דאזיגע ווערק אנגעהויבען, ווען איך בין אלט געווען דרײ=און=זעכציג יאהר; יעצט בין איך שוין אלט צוויי=און=זיבעציג, און ווען איך זאל נישט געווען צוטרעטען צום דרוקען ביז דאן, ווען איך וואלט שוין גארנישט האבען וואס צוצוגעבען אדער אויסבעסערען, וואלט מײן ווערק קיינמאל זיך אויף גאטס וועלט נישט בעוויזען“.

די גרויסע שטאאטס=מענער און ריכטער האבען, על=פי=רוב, אויך זעהר פיעל געלעבט. דורך די דאזיגע אלע פאקטען זעהען מיר, אז דאס לעבען ווערט אממעהרסטען אײנגעהיט, ווען עס איז איבערפולט מיט אינטערעס צו די ארומיגע. די אונטעטיגע מענשען ווערען פערשוואונדען, און די טעטיגע מענשען לעבען לאנג. דערויף, מיר זאלען זיך שטענדיג געפינען אין א געזונדטען צושטאנד, איז א טעטיגע איבונג נויטיג פאר אלע אונזערע פעהיגקײטען. דאס דאזיגע קאן מען זאגען אין א גלײכער מאס אי וועגען די אלטע לײט, אי וועגען די יונגע. דאס לעדיג ארומגעהן שוואכט אב די מוסקולען, דאס הארץ און דעם מוח און עס פערניכטעט זעהר גיך די גײסטיגע כחות.

דער בעוואוסטער פיזיאלאג פון מאנפאליע שרײבט פאלגענדעס וועגען דער מענגליכקײט אײנצוהיטען די גײסטיגע קרעפטען ביז צו דער נאר טיעפער עלטער: „דאס איז נישט אמת, שרײבט ער, אז דער מוח ווערט אבגעשוואכט נאכדעם, ווי דאס לעבענס=קראפט איז שוין איבערגעגאנגען

איהר קולמינאציאנעם פונקט. דער שכל פונ'ם מענשען ערוועקט מעהר קראפט אינ'ם משך פון דער ערשטער העלפט פון אט יענעם פעריאד, וועלכען מיר רופען אלטקייט. דעריבער קאן מען נישט בעשטימען אין וואס פאר א לעבענס-פעריאד הויבט אן אבגעשוואכט צו ווערען די פעהיגקייט צו קלערען און צו טראכטען".

די לארדען עלדאן, ברום, לינדגערסט און פאלמערסטאן זענען געווען די איינענע בענאבטע מענשען אי אין דער יוגענד, אי אויף דער עלטער. עלדאן איז געשטארבען, ווען ער איז אלט געווען זעקס-און-אכציג יאהר, און ביז צום טויט איז ער פערבליבען ביי זיינע אלע אויסגעצייכענטע גייסטיגע פעהיגקייטען. ברום האט זיך, ווי עס זעהט אויס, לאנג געראנגעלט מיט די יאהרען און מיט דעם טויט, ביז ער האט ענדליך געמוזט אבטרעטען אויף דעם נייכציגסטען יאהר איהר מעכטיגע קראפט, וועלכע פערגלייבט יעדען און אלעם.

לינדגערסט האט אין אווענד פון דעם טאג, אין וועלכען עס האט זיך פאר איהם דאס נייכציגסטע יאהר אנגעהויבען, געהאלטען א רעדע אין דער פאלאטע פון די לארדען, וועלכע האט א גוואלדיגען איינדרוק געמאכט אויף דער גאנצער פאלאטע. די דאזיגע רעדע האט בעוויזען, אז ביז גאר די לעצטע יאהרען איז דער מוח זיינער מיט דעם קלענסטען וואלקענדעל נישט בעדעקט געווארען. ער האט נאכדעם נאך צוויי יאהר געלעבט, איינהויטענדיג אין זיך די גאנצע קלארקייט פון זיין פערשטאנד, מיט וועלכער ער האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט.

אין זיין צייט איז פאלמערסטאן געווען איינער פון די גאר יונגסטע מיטגליעדער פון פארלאמענט. ער איז אויף שטענדיג איבערגעבליבען אלס פרעהליכער, קאכעדיגער, אייביג-יונגער העלד פון די פארלאמענטארישע דעבאטען, און גלייכצייטיג אויך אלס אמת'ער טיפ פון אנ'ארבייטענדען שטאאטס-מאן. ער האט שטענדיג ארער געזיעגט ארער געקעמפפט, און

די ארבייט האט, ווי עס האט אויסגעזעהען, געשוועקט, געקרעפטיגט און פערלענגערט זיינע לעבענס-קרעפטען. ער האט זיך געהאלטען אויף דעם פאסטען פון פרעמיער-מיניסטער לענגער פון אלע אינ'ם דאזיגען יאהרהונדערט, אויסער דעם לארד ליווערפול, און איז ביז צום סוף פון זיין לעבען געבליבען ביי זיין אונגעשוועכליכער פאפולאריטעט. אלע האבען געגלויבט אין זיין אויסגעהאלטענקייט, עהרליכקייט און פאטריאטיזם; ער איז אויך געשטארבען אלס ערשטער מיניסטער אויף דעם איין-און-אכטציגסטען יאהר פון זיין לעבען.

---

## 4.

די געריכטס-אדמיניסטראטארען זענען נישט וועניגער בעוואוסט מיט זייער פעהיגקייט צו לעבען לאנג, ווי די געזעץ-געבער. דער סער עדווארד קאָך איז אראבגעפאלען פון א פערד, ווען ער איז אכטציג יאהר אלט געווען. ער איז געפאלען מיט דעם קאפ אויף די שארפע שטיינער און דער פערד איז אויף איהם ארויפגעטראטען. דאך האט ער נאך נאכדעם געלעבט מעהר ווי א יאהר און נאך אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען, האט ער צוגעגרייט צום דרוקען זיינע פיעלע יורידישע ווערק.

סער מעטא העל האט זיך אבגעזאגט צו זיין פארזיצענדער אין קעניגליכען געריכט אויף דעם זיבען-און-זעכציגסטען יאהר. מענטפעלד איז געשטארבען אויף דעם נײן-און-אכטציגסטען יאהר, בלייבענדיג ביז צום סוף פון זיין לעבען ביי אלע זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען.

די לארדען סטאאוועל, הארדוויק, קעמדען און קעמפבעל האבען ביז צו דער נאר טיעפסטער עלטער דערלעבט. איינינגע ריכטען זענען אויף זיי-

ערע פאסטען געבליבען, אז זיי האבען זאגאר דערוועקט אן אונצופרידענהייט צווישען די מיטגליעדער פון דעם געריכטס-שטאנד, וועלכע האבען געהאפט אויף א וואקאנסיע. לעפרוא איז געווען דער הויפט-ריכטער אין אירלאנד ביז נײַנציג יאהר. דאס, וואס ער האט זיך אזוי לאנג אויף זיין פאסטען געהאלטען, האט ארויסגערופען ויכוחים אין דער אירלענדישער פרעסע און אין דער פאלאטע פון די לארדען. דאך אבער זאגען זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען, לויט זיינע אייגענע רעד, געבליבען אהן יעדער ענדערונג, און זיין ערפאהרונג איז נאר אלץ מעהר געוואקסען צוליעב דעם.

פאלאק איז כמעט אראבגעשטויסען געווארען פון זיין פאסטען דורך דעם נווילד, וואס מען האט אויפגעהויבען אין דער ענגלישער פרעסע. ער האט זיין פאסטען פערלאזען, ווען ער איז אלט געווען דריי-און-אכציג יאהר און האט זיך אריינגעלאזט אין פאטאגראפיע. ער איז געווארען פרעזידענט פון דער פאטאגראפישער געזעלשאפט. אינ'ם משך פון זיין גאנ׳ן לעבען האט ער נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט מאטעמאטיק. ער איז געשטארבען מיט פיער יאהר שפעטער, ווי ער האט זיין פאסטען פערלאזען, אלט זענענדיג זיבען-און-אכציג יאהר. מיר בעדארפען דעריבער מספים זיין, מיט איינינגער פארזיכטיגקייט, מיט די ווערטער, וואס דער לארד טשעלמספארד האט געזאגט אין דער פאלאטע פון די לארדען: „שאצענדיג די גייסטיגע פעהיגקייטען פון דער טיעפער עלטער, קאן מען זאגען, אז ס'איז גאר קיינמאל קיין צו-שפעט נישט פארהאן פאר אנהויבען וועלכע ס'איז זאך, און, ווי עס זעהט אוים, איז גאר אויך קיין צו-שפעט נישט פארהאן פאר דעם סוף".

ארבייט, און נישט לעדיג ארומגעהן, שאפט פאר אונז א פרעהליכע שטימונג. פוילקייט עסט דעם מענשען א סך מעהר, ווי פערזשאווערטקייט עסט אויף אייזען: זי פיהרט צו אבגעשוואכט ווערען און צום פערלירען פון

די לעבענס־קרעפטען. אנ'אונטעטיגער מענש ווערט אונבעמערקבאר פערשוואונדען פון לעבען, צוליעב דעם, וואס ער האט נישט מיט וואס איינצוּווארצלען זיך אין איהם. ווי שרעקליך עס ווערט דאס לעבען אויסגעגעבען ביי דעם, וועלכער האט נישט קיין בעליעבטע ביכער, וואס האט נישט קיין גרויסען אוצר פון געדאנקען, אדער אינטערעסאנטע ערינערונגען וועגען דעם, וואס ער האט אבגעטהון אין לעבען, איבערגעלעבט אדער איבערגעלעזען. דאך קאנען אבער די אבענד־שטונדען פון לעבען זיין די שענסטע, פונקט, ווי עס זענען אממעהרסטען רייצענד די בלומען, וואס עפענען זיך אויף גאר צום שפעטסטען.

---

מיר האבען שוין געשריבען וועגען דזשעמס אואט, אז אין די יונגע יאהרען פון זיין לעבען, אין דעם פעריאד פון זיינע הויפט־ערפינדונגען, האט ער, פונקט ווי קארלייל, געליטען פון שלעכטער עסען־פערדייהונג און פון קאפ־שמערצען, אזוי, אז גאר אפט זאגאר האט ער אויף זיך דעם טויט געבעטען. נאר וואס די עלטערע יאהרען האבען זיך אלץ נעהנטער צוגערוקט, זענען די אנפאלען פון זיינע קראנקהייטען אלץ מעהר אבגעשוואכט געווארען און מיט דער צייט איז ער אלץ מעהר בעשענקט געווארען מיט א צופריעדענעם צושטאנד פון א געזונדטער און שטארקער עלטער. ער האט געלעזען זיינע בעליעבטע ביכער און האט פערשיעדענארטיג געמאכט זיינע בעשעפטיגונגען דורך דעם, וואס ער האט געארבייט אויף פערשיעדענע ערפינדונגען און פלעגט מאכען אפטע נסיעות קיין לאנדאן און קיין אועלס. ער האט שוין מעהר נישט „פערשאלטען זיינע ערפינדונגען“, נאר ער האט אלץ אויפס־ניי איבערגעקוקט זיינע אלטע פלאנען און האט אלץ

נייע פלאנען געמאכט.

„וואס פאר א לעבען איז דאס גאר, ווען מען האט נישט קיין איינגען פערדעל?“—פלעגט ער שטענדיג זאגען. געפינענדיג זיך אין ערינבורג אויף דעם צוויי־און־אכטציגסטען יאהר פון זיין לעבען האט ער זיך בעגעגענט דארטען מיט וו. סקאט, מיט דעם לארד דזשעפריי און מיט פיעל אנדערע בערזאנען; „א פרישער, גוטער, געווינשטער אלטיטשקער“—האט וו סקאט וועגען איהם געשריבען. ער האט זיי אלעמען פערשאפט גרויס פערגניגען מיט זיין פרעהליכקייט און ער האט זיי אויך אויף אזוי פיעל איבערראשט מיט זיינע ברייטע און טיעפע ידיעות. עס האט זיך געראכט, האט געזאגט דזשעפריי, אז יעדער געגענשטאנד, וועלכען מען האט צופעליג בעריהרט אין געשפרעך, איז פונקט געוועזען אט דער, וועלכען ער האט ספעציעל שטודירט. ער האט נישט אויפגעהערט צו ערפינדען און צו פערפאלקאמען ביז צום סוף פון זיין לעבען, און פארשטעלענדיג פאר זיינע חברים זיינע לעצטע ערפינדונגען, האט ער זיי אנגערופען: „די ווערק פון א יונגען קינסטלער, וועלכער איז אט ערשט אריינגעטראטען אין זיין דריי־און־אכטציגסטען יאהר“.

אין קומענדען יאהר איז ער געשטארבען. אלע זיינע חברים, וועלכע זענען געשטאנען ארום זיין טויטען־בעט, האבען איהם שטארק בעוויינט.

איך קוק אויף איהם,—האט געזאגט דער פאעט ווארדסווארדט,—פיהלענדיג די גרויסקייט און די אוניווערסאליטעט פון זיין גאונות, ווי אויף דעם נאר גרעסטען אונגעוועהנליכסטען מענשען, וואס דאס דאזיגע לאנד האט ווען עס איז ארויסגעגעבען. ער האט קיינמאל זיך נישט געסטארעט ארויסצווייזען זיך. ער האט זיך שטענדיג בענוגענט מיט זיין ארבייט, וואס

ער האָט זיך רוהיג און שטיל געאַרבייט.

די עלטער איז ווירקליך גאָר ניט אַזוי שרעקליך, ווי מיר שטעלען זי זיך פאָר. אויף דעם אָרט פון שרעקען זיך פאַר דער עלטער, איז גלייכער צוגרייטען זיך צו איהר.

און צוגרייטען זיך צו דער עלטער הייסט—מען זאָל פיהרען אַ ריין און ערהליך לעבען און טהון די אַלע פליכטען, וואָס ליגען אויף אונז.